STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04474

# YESHU HA-NOTSERI

Emil Ludwig

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל לודוויג

# ישו הנוצרי

## (דער מענטשנזון)

איבערגעזעצט פון דייטש:
מארק פאָגעלמאַן

1930 — וואַרשע
פאַרלאַג שלמה גאָלדפארב

דאָס בוך אין אָריגינאַל הייסט:
DER MENSCHENSOHN

EMIL LUDWIG —
SYN CZŁOWIECZY

tłom: MAREK FOGELMAN

Wydawnictwo Sz. Goldfarb,
Warszawa, ul. Dzika 31
1930

Druk. Piment, Sierakowska 4

Printed in Poland

עמיל לודוויג || דער מענטשנזון

# צום לייענער

דאָס, וואָס איך דערצייל דאָ וועגן די געשעענישן פון מיין שטאָם, איז שוין באַקאַנט דער גאַנצער וועלט; אַ פּרוּוו פון אַ לעבנס-באַשרייבונג פון יעזוסן איז אַזוי אַלט, ווי די קולטור און אפשר נאָך עלטער.

דאָס בילד איז שווער צו שילדערן. עס האַנדלט זיך אין באַשרייבן אַ מענטשן, וועגן וועלכן מיר ווייסן כמעט גאָרנישט ביזן דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן; מיר קענען צומאָל נישט זיינע שטריכן, דעם שפּיגל פון אַ האַרץ, און שפּעטער, אין משך פון צוויי יאָר ביז צו זיין פּריצייטיקן טויט, שטויסן מיר זיך אָן אויף בלויז סתירות. וואָרים עס זענען פאַראַן פיר איינציקע דאָקומענטן, די עוואַנגעליעס, וואָס זענען זיך קעגנזייטיק סותר און ווערן אָפּגעלייקנט מצד דער קליינער צאָל נישט-קריסטלעכע מקורים. און אָט דערדאָזיקעת באַשיידענער מאַטעריאַל, אַפילו — וואָס נאָכן אויסשליסן פון אים די כסדרדיקע איבערחזרונגען, בלייבט אונז נישט איבער מער ווי אומגעפער פופציק זייטלעך — דאַרף אויך קומען אונטער אַ שטרענגער רעוויזיע.

צו דערדאָזיקער השערה, לאָמיר לויט דער ריי צוגעבן די געשעענישן, אויף וועלכע עס האָבן זיך באַקלאָגט אַלע דורות ביז היינט. קיין זיכערעס איז דאָ גאָרנישטאָ, סיידן די התחלה און דער סוף, די טבילה און דער משפט. וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער צווישנצייט פון די דערמאַנטע מאָמענטן, איז פאַר אונז ביז היינט נישט קלאָר.

— די עוואַנגעליעס זענען נישט איינגעשטעלט אין אַ סדר — שרייבט לוטער — אָבער דאָס איז נישט וויכטיק: ווען עס אַנשטייט אַ סיכסוך צוליב די הייליקע שריפטן און עס איז אים שווער אויסצוגלייכן, איז בעסער מ׳זאָל אים לאָזן צורו.

כמעט אַלע סתירות האָבן אַ שייכות צו דעם שילדערונגס-שטייגער פון די דערציילונגען. אָבער ווען מען ברענגט זיי פּסיכאָלאָגיש אין אָרדנונג, ווערן זיי פאַר אונז פּאַרט לאָגיש. און דאַן הויבן מיר אָן צו פאַרשטיין ביידע גרויסע עפּאָכעס פון יעזוסעס לעבן, פון הכנעהדיקן גליקלעכן רבי און משיח, דעם זעלבסטקענער. ווען איין עפּאָכע קומט אויף אַ נאַטירלעכן אופן נאָך דער אַנדערער, באַפרייט זיך יעזוסעס כאַראַקטער פון זיינע סתירות און ער באַווייזט זיך אין אַ פשוטער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

אין דעמדאָזיקן בוך רעדט זיך וועגן יעזוסן דעם מענטשן, נישט וועגן יעזוס דעם משיח. דער מחבר רירט דאָ מיט קיין פינגער נישט אָן די טעאָלאָגיע, וואָס איז געקומען שפּעטער און וואָס איז אים לחלוטין פרעמד. ער דערציילט די געשיכטע פונקט אַזוי, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוווּסט וועגן דער וועלט-לעכער איבערשאַפונג פון יעזוסעס לעבן, ווייל יעזוס האָט אויך נישט געוווּסט וועגן זיי און נישט געצילט צו זיי... בכן, געפינט זיך אינם דאָזיקן בוך גאָרנישט, וואָס איז שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין דער עוואַנגעליע, צוריקציענדיק די געשעענישן, כּדי אונטערצוהאַלטן די אַלטע נביאות און פאַר-שטויסן זי, כּדי אונטערצוהאַלטן די יונגע קירך. עס פעלט דאָ אויך נישט קיין איין זאַך, וואָס איז שפּעטער אָפּגעוואָרן געוואָרן דורך דער וויסנשאַפט פאַר נישט אויטענטיש און אויב דער לייענער וועט דאָ און דאָרטן דערפילן אַ מאַנגל אין ווערטער צו וועלכע ער איז צוגעוווינט פון קינדערווייז אָן, דאַן זאָל ער נעמען אין אַכט דאָס, אַז גאַנצע ביבליאָטעקן שטרייטן צווישן זיך וועגן דער ריכטיקייט פון דידאָזיקע ווערטער. מחמת דעם, וואָס ס׳רוב מענטשן קענען די געשיכטע פון יעזוסעס לעבן על פּי רוב פון די שפּעטערדיקע בילדער, און נישט פון דער עוואַנגעליע.

דערפאר האבן זיי נישט באמערקט א סך זאכן, דהיינו, אז נישט מתי און נישט מארק פירן אריין אין בית-המקדש יעזוסן — דאס קינד, אדער דאס, אז אין די דריי פון אלע פיר עוואנ-געליעס, איז ביי יעזוסעס טויט נישטא מרים און נישט יוחנן.

און לסוף די אלע נסים, אויף ווי-ווייט עס ווערט וועגן זיי דערציילט אין מיין בוך, טייטשן מיר אויס אויף א גאנץ נאטירלעכן אופן, ווייל מיר שרייבן דא געשיכטע און שטעלן פאר מענטשלעכע כאראקטערן. ווען עס זאל זיך אפילו איינגעבן אפצולייקענען אלע נסים פון יעזוסן, אדער גאר צו באווייזן הונדערט נייע, וועט זיין גרויסקייט בלייבן אומפארענדערט. צוליב אט דידאזיקע סיבות האבן מיר זיך אמווייניקסטן באנוצט מיט יוחננס עוואנגעליע, וועלכע איז דורך דער וויסנשאפט צום שטארקסטן געפסלט געווארן. דאקעגן האבן מיר אממיינסטן גענאסן פון מארק און מתי. אלע דערציילונגען זענען אזוי איינגעשטעלט, ווי עס איז פאסיק פאר דער נויטיקער קלארקייט פון אן איינמאליקער סיטואציע.

עס איז דא גארנישט צוגעגעבן געווארן. די געמישטע פארם פון א היסטארישער דערציילונג, וואס געטע רופט אן א קאריקאטור פון דער דערציילונג און פון דער געשיכטע, ווערט ביי אזוינע קארגע קוועלן באזונדערס געפערלעך. אין אונזער פאל וואלט עס אפילו געווען אוממאראליש: ווען עמעצער זאל וועלן אריינלייגן אין יעזוסעס מויל ווערטער לויט די אייגענע געפיל, וואלטן זיי זיך געמוזט לפחות פארגלייכן מיטן כוח פון אינטוי-איציע. מחמת דעם איז יעדעס געברענגטע ווארט פון יעזוסן און יעדער טאט זיינער דאקומענטירט געווארן דורך איינער פון די עוואנגעליעס. נאר דער בליק און דער אויסדרוק, נאר די גע-דאנקען-פארבינדונגען צווישן ווערטער, מאטיוון און געפיל-קייטלונגען, האבן געמוזט, גאנץ פשוט, פארפולקאמט ווערן פריי. אויב ס'איז אונטערגענומען געווארן אזא פרווו בלויז אופן סמך פון קענען די מענטשלעכע קאנפליקטן און שטרויכלונגען, באשלוסן און דראנג, איז עס נאר דערפאר, כדי עס זאל אויסגעשלאסן ווערן פון דער טעמע יעדער עלעמענט פון פרעמדקייט, וואס רייסט אזוי אפט איבער ביים הייגטיקן עוואנגעליע-לייענער דאס

קאָנצענטרירן זיך. עס איז אויך נויטיק געווען אויסצומיידן די פאַרביקייט, וואָס שטערט צו פאַרטראַכטן זיך און דערפאַר אין אונזער בילד פאַרבליבן בלויז דער סטיל פון א האַלצשניט.

דאָס בוך האָט נישט פאַר אַן אויפגאַבע אָפּצונעמען דעם גלויבן אין דער געטלעכקייט פון קריסטוסן ביי די, וואָס לעבן מיט אים. אַדרבה, פאַר די אַלע, וואָס האַלטן אים פאַר אַן אויסגעטראַכטער געשטאַלט, ווילן מיר באַווייזן זיין היסטאָרישן כאַראַקטער. ווען אַפילו יעזוס וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטיר — ואָגט רוסאָ — וואָלטן די מחברים פון די עוואַנגעליעס געווען אַזוי גרויס, ווי יעזוס.

אונזער אויפגאַבע איז געווען פאַרצושטעלן דאָס אינערלעכע לעבן פון נביא און נישט זיין לערע. אונז אינטערעסירט בלויז די געשיכטע פון דעם נביאס הארץ און נישט די שפּעטערדיקע ווירקונגען פון זיין לערע, וואָס אַנדערע מענטשן האָבן צרויס-גערופן. אונז אינטערעסירט די אַנטוויקלונג פון זיין זעלבסט-דער-קענטעניש, די כוונות און דער דראַנג פון א פירער, נסיונות, טרוי-מען און אַנטוישונגען. דער קאַמף אין זיין נשמה צווישן דרייסטקייט און הכנעה, צווישן פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אונטערדריקונג, זיין גרויסער באַרוף און מענטשן-גליק דאָס אַלץ דאַרף דאָ געפינען זייער אויסדרוק; דאָ דאַרף פאַרגעשטעלט ווערן א נביא, וואָס איז דער גאַנצער וועלט אין זיין צייט אַריבערגעוואַקסן, און פונדעסט-וועגן איז ער טיילווייז איר נישט דערוואַקסן. אונזער אָפּהאַנדלונג איז אין ערגעץ נישט אַפּאָדיקטיש, נאָר פשוט, נאַטירלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אונזער הייַנטיקער צייט.

אין דעם אַריינפיר איז פאַרגעשטעלט די פּאָליטישע און גייסטיקע אַטמאָספערע, אין וועלכער ס'האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן אַ נביא פון דעם שטייגער, און פון דעם אַרט דענקען. שוין דער בלויזער פאַקט, וואָס ער האָט געקענט פאַרייניקן און טראָגן הויך די געדאַנקען פון זיין צייט, איז א גענוגענדער באַווייז פאַר דער גרויסקייט פון זיין גייסט.

אָבער פונדעסטוועגן רוט נישט דער צויבער פון זיין טעטי-קייט אין דעמדאָזיקן גייסט, נאָר אין זיין גרויס מענטשלעך הארץ.

ארײנפּיר

# ירושלים

# א

## די נאַכט הילט איין די עזרות פון בית-המקדש.

די כהנים, וואָס שטייען אויף דער וואַך קוקן פאַר זיך, טייל זיצן מיט די פיס אונטער זיך, אַנדערע ליגן. זיי דערקענען זיך איינער דעם אַנדערן אין די סילועטן פון זייערע געשטאַלטן, אין דעם שעפּטשן פון זייער קול, אין די שאָטנס פון זייערע אַקסלען, ווען זיי הילן זיך פעסט איין אין זייערע מאַנטלען. דער באַנאַכטי-קער ווינט, וואָס בלאָזט פון ים, קלאַפּט זיך אָן אין די געבויגע-נע זיילן פון דער הויכער טעראַסע, וואָרים עס איז אדר און דער ווייטער ים וואַרפט זיך אין אַ קאַלטן שוידער אין דער פּריילינגדיקער גלייכהייט פון טעג און נעכט. אין טאָל, צופיסנס דעם בית-המקדש, שלאָפט די גרויסע שטיינערנע שטאָט. עס שלאָפט דאָס פאָלק און עס שלאָפן די פרעמדע, די קלוגע בעטלער און די שטאָלצע גבירים, די כהנים און די גליביקע, די גאווה און די חכמה, דער גרויסער האַס, וואָס רייצט אָן איין משפחה קעגן דער אַנדערער, אַסאַך ליבע אין די הייזער, ווייניק תענוגים, אָבער אַסאַך בטחון, ווייל דאָס איז אַ צעשלאָגענע שטאָט, און די באַזיגטע פאַראַכטן די זיגער. עס שלאָפט אין שטאָט די מאַכט און דאָס קאַלטע אייזן, עס רוען די גראַנאַטן, עס שווייגן די באַ-פעלן, עס זעט אויס ווי שלום וואָלט אַראָפּגעפלאָסן פון דעם אויסגעשטערנטן הימל. און באמת, עס איז שוין אַוועק אַ לעבן פון איין דור, און אפשר מער, זינט די שווערדן האָבן אָנגעהויבן רוען. אָבער נישט מיט אַ קלענער פייער פון צאָרן פלאַמען די הערצער פון פאָלק קעגן די באַהערשער, ווייל בעת אַלץ רוט און אפילו ווען דער האַס ביי די אומשעדלעכע בירגער איז

צערונען, פליסט אין שלאָף ביי די מאַנסבילן און יונגפרויען אין אַ שפּיל שעפּטשן אַ גלויבן אין דעם איינציקן גאָט: אמת, ער וועט זיך אומקערן אַלס מלך איבערן פאָלק ישראל, אַלס האַר איבער דער וועלט.

פלוצלינג הערט זיך אַ געוויש פון אייזערנע טריט, אַ ליכ-טיקייט גיסט זיך אַריין אונטער דער געוועלבונג פון בית-המקדש. עס פאַרשווינדט, קערט זיך אום שטאַרקער; די, וואָס ליגן, שטייען אויף. מיט אַ צעריסענער פרעמדקייט קוקן זיך איבער די כהנים מיט די זעלנער. דאָס איז דער עלטסטער פון בית-המקדש מיט זיינע מענטשן, וואָס גייען אַרום דריימאָל אין דער נאַכט דעם הייליקן באַרג, פאַר זיין זיכערקייט, ווי עס רעדט זיך, אָבער אויך צוליב קאָנטראָל. אין די פינקלדיקע שטראַלן פון די פאַקעלן קוקן זיך אָן דרייסיק פאָר אויגן, די אַלטע שנאה באַגעגנט זיך איינע מיט דער אַנדערער, אָן אַ סימן, שווייגנדיק, אַבי אַ קוק צו טון און נאָכצוקומען דעם באַפעל.

פון די פאַקל-פייערן טויכן אויף פאַר די כהנימס אויגן עטלעכע מענטשן אין אַ רויט גאָלדענעם אָפּגלאַנץ, זיי זענען פעסט-געבויטע, נישט קיין הויכע, בלעכענע שופּן קלינגען אויף זייערע נאַקעטע אַקסלען און פיס, אייזן באַדעקט זייערע בריסטן. טייל זענען באַוואָפנט מיט אייזערנע שטעקנס מיט שטאָלענע שפּיצן, אַנדערע מיט שווערדן, און פון די האַלב קיילעכדיקע אָנגעטוענע העלמען קוקן אַפער טריבע, טעמפּע, אין זיך פאַרשלאָסענע קעפּ פון מענטשן, וואָס געבן אָפּ וויי‍ניק צייט אויף טראַכטן, שפּרייזן הויך, לאַכן, עסן און מאַכן נישט קיין גרויסע צערעמאָניעס מיט פרויען. דער עלטסטער, וואָס טראָגט אַ מאַנטל איבערגעוואָרפן אויף זיין געווער, ביי אים זענען די שטריכן מילדער און ער זעט אויס, ווי עס וואָלט אים דאָס טראַכטן נישט פרעמד געווען, אָבער יעדעס מאָל מוז ער פאַרשטעלן דעם מילדן חוזק, מיט וועלכן ער קוקט זיך איין אין די שטריכן פון די פרעמדע מענטשן, וואָרים דער פאַקעל ווייזט זיי אַ מחנה איינגעהויקערטע גע-שטאַלטן; טייל פון זיי זענען הויך און דאַר, איינער איז דיק און קיילעכדיק, אַלע זענען זיי איינגעהילט אין לאַנגע קליידער, וואָס

דערגרייכן ביז ווייערע פּאַנטאָפל. פון די שוואַרצע האָר און בערד, זעען זיך אַרויס די געלבלעכע שטריכן, פאַרשלאָפן און צעקנייטשט, מיט גרויסע נעז. אָבער פון די שוואַרצע אויגן רייסן זיך אַרויס פייערדיקע בליקן, פאַנאַטישע, שטאָלץ און פול מיט בטחון.

אַזוי באַגעגענען זיך צוויי וועלטן, די גלויביקע און די זעלנער, די תּושבים און די אָקופּאַנטן: אַזוי טרעפן זיך פּנים אל פּנים די יידן מיט די רוימער אין אַ ירושלימדיקער נאַכט.

דריי שעה שפּעטער גייט אויף די זון פון אונטער די מדבר-בערג, וואָס ליגן ביי דעם ירדן און סיי פאַר די כּהנים און סיי פאַר די זעלנער, די טאָפּעלע בית-המקדש-וואַך, וואָס פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס, אַנטפּלעקט זיך אַ שטיין-בילד: נידעריקע פעלזן-בערג, קאַלטע און גרויזאַמע, אָן וואַסער און כּמעט אָן בוימער רינגלען אַרום מיט זייער גרויקייט און העלקייט די גרויסע ווייסע שטאָט, אין וועלכער, עס דאַכט זיך, פעלזן פאַרייניקן זיך מיט מויער. דאָס איז אַפּנים דאָס פעסטונג, און דער מענטשלעכער האַנט איז געווען שווער אָנגעקומען איבערצומאַכן די נאַטירלעכע שטיינערנע בערג אויף וואַלן, דאָ און דאָרטן צו פאַרייניקן אויף איין גאַנצעס, ביז ס'האָט זיך צווישן פינף בערג אויסגעשפּרייט די שטאָט, וואָס האָט זיך אַרויפגעריסן אין דער הויך און אַראָפּגעלאָזט אין טאָל.

דאָרטן, ווו זיי שטייען, אויפן הר-הבית, וועלכן שלמה המלך האָט נאָך געהייסן אויסגלייכן בעתן בויען דאָס ערשטע בית-המקדש, הויבט זיך איצט אויף דאָס צווייטע בית-המקדש, וואָס מ'האָט צוגעהויבן בויען נאָכן אומקערן זיך פון בבל. דער צווייטער באַרג, אויף דרום-מזרח, וואָס איז פאַרייניקט מיט אַ בריק, אויף וועלכער עס פאַלן אין דער רגע שאַרפע שאָטנס פון דער אויפגייענדיקער זון, אָט דער באַרג איז העכער און שענער: דאָס איז דער באַרג ציון, אויף וועלכן דוד המלך האָט אין די גרויסע צייטן, וואָס וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן און וואָס ווערן אייביק דערמאָנט מיט אַ בענקשאַפט, געלאָזט בויען זיין שלאָס. דאָרטן וווינען היינט די חשובסטע לייט, אָבער אויף צפון, אַקעגנאיבער אים שטייט דאָס פיינטלעכע רוימישע פעסטונג

אַנטאָניוס, טאַקע אויף דעם זעלבן באַרג, אויף וועלכן עס האָבן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געהיטן די מכּבּיער, ווען דאָס פאָלק ישראל איז אויפגעשטאַנען אַקעגן די געצנדינער. אונטער דעם באַרג, אויף צפון פון שטאָט, ווו עס געפינען זיך די זומפן, וווינען בלויז אָרעמע מענטשן; טאָ, ווער עס באַשיצט דאָס פעס-טונג, דער קאָן הערשן איבערן בית-המקדש און איבער די טויערן, איבער דער רעזידענץ פון דעמדאָזיקן אייביק אומרויקן פאָלק, איבער דעם גאַנצן דרום-טייל פון דעם שמאָלן לאַנד, וואָס מען קאָן אויסגיין פון דעם מדבר ביזן ים, דאַכט זיך, אין דריי טריט.

## ב

עטוואָס ווייטער, אין די ענגע קוואַרטאַלן, וועקן זיך מענטשן, און אין די שמאָלע געסלעך ברויזט שוין לעבן, אַ פאַרביקע באַוועגונג. דאָס געשריי פון די ערשטע הענדלער שלאָגט זיך אָן מיט אַ ווידערקול אָן די שטיינערנע ווענט. אין שטאָט געפינען זיך טויזנטער פרעמדע, כּדי אין עטלעכע טעג אַרום צו פייערן דעם יום-טוב פּסח; די אכסניות און די גאַסט-הייזער זענען פול מיט מענטשן און מיט קעמלען, און אַלע, וואָס אַרבעטן און האַנדלען, וואָס מאַכן שיך, ליכט און מאַנטלען, שערער און סופרים, הענדלער מיט פרישע ירקות און געטריקנטע פייגן, שרייען און לויפן, טרייבן דאָס אָרעמע אייזל פון איין עק שטאָט צום אַנדערן, כּדי צו באַווייזן פאַר די איינוווינער פון די הייזער זייערע אָנגעשטאָפּטע זעק, ביז עס באַווייזט זיך לסוף אַ קונה.

אין דערזעלבער צייט איילן אַלע צום הר הבית, הגם היינט קומט דאָרט פאַר דאָסזעלביקע, וואָס ס'קומט פאַר יעדן געוויינלעכן טאָג. פון די פּירעקיגע מויערן, וואָס רינגלען זיי אַרום און וואָס האָבן צו פינף הונדערט איילן די לענג אויף אַלע פיר זייטן, הויבן זיך אויף דריי פּראַכטפולע גרויסע טע-ראַסן און דאָרט אַהין שטראָמט דאָס פאָלק, כּדי זיך צוצוקריגן

צו די דריזיקע אונטערשטע זיילן, ווו עס קומט גאַרנישט פאַר און דאַך טרעפן זיך דאָרטן אַלע. דאָס איז דער פּרוזדור פאַר די יידן: גרויסע טאָוולען אָנגעשריבן מיט גריכישע און לאַטייניש אותיות זאָגן אָן, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן צוצוגיין צו דער צווייטער טעראַסע, וואָס נייַנצן טריט טיילט אָפּ די טומאָה פון קדושה און יעדער פרעמדער ווייסט, אַז פאַר אַזאַ פאַרברעכן שטייט פאַר טויט-אורטייל.

דאָ איז דאָס אָרט, ווו די רוימער און גריכן, מעגן זיי זיין די זיגער, און די רייכע סוחרים, ווו די אַראַבער און בבלים, די אַמאָליקע שונאים און גלייכצייטיק די אַמאָליקע הערשער פון דער שטאָט, ווו אַלע נישט אמת-גלויביקע, מוזן שטיין בלייבן. דאָס איז אַ רגע פון שטאָלץ ביי דעם מיינסטן אָפּגעריסענעם יידן, בעת ער גייט איבער יענע נייַנצן טריט צו צו דער צווייטער טעראַסע, כדי דאָרטן צווישן די מויערן און הויפן, ביי די טויערן און עזרות, שטיין און קוקן ארויף אין דער הויך, וואָרים מיט צוועלף פוס העכער געפינט זיך ערשט דאָס אמתע בית-המקדש, און אינעווייניק אויפן שפיץ באַרג — דאָרטן ווייסט דאָך יעדעס קינד — געפינט זיך דער קדשי-קדשים.

דער המון וואַרט. אויפן באַרג האָבן די כהנים צעשטעלט וייערע קליינע געצעלטן און דורך אַ גורל באַשטימט די אַרבעט פון אָנקומענדיקן טאָג: איינער פון די דאַרף ברענגען אַ חיה פאַר אַ קרבן תמיד, אַ צווייטער דאַרף פאַרלייגן די האָלץ אויפן מזבח, אַנדערע דאַרפן אַרויסטראָגן דאָס אַש און היטן די ליכטלעך, דעם לחם-הפנים און די שליסלען. אָט איצט אין בין-השמשותדיקער, טונקעלקייט פון פאַליש גרייטן זיי צו אַלץ, זיי פירן דעם שעפּס צום מזבח, יעדער פאַרנעמט זיין אָרט. צי זענען די זינגער און פויקן שוין גרייט? איינער גיט אַ צייכן. פאַמעלעך, אונטער דעם דרוק פון אַ גרויסער צאָל הענט, עפנט זיך מיט אַ גרילצערייַ אַ גרויסער טויער, עס שאָלן די ערשטע טרומייטן. דאָס פאָלק קוקט פון ביידע אונטערשטע טעראַסן ארויף אינדערהויך צום באַרג: באותו רגע פאַלט אונטערן חלף דער קרבן-תמיד. דאָס בלוט ווערט באַנוצט אויף צו באַשפריצן די ווענט פון בית-המקדש

און דאַן גייען די כהנים אַריין אין די עזרות, עס הויבן זיך אָן די תפילות, און ווען עס צינדט זיך אָן דאָס קטורת אויפן גאָלדע־נעם מזבח, פאַלן אויך אַפילו די כהנים כורעים. די לויים קלאַפּן מיט די מעשענע טעלער, עס קלינגען אָן די ציטרען און די האַרפן, די משוררים זינגען דעם תהילים און צווישן יעדערע אַכט שורות פאַלט אַריין אַ דונערדיקער קלאַפּ פון אַ טראָמפּייט און ביי יעדן אָפּקלאַנג פאַלט דער עולם כורעים.

מיטן אויפגיין פון טאָג ווערט לעבעדיקער אין די עזרות. מיטאָג־צייט, צו מנחה, קומט אַ גרויסער עולם מענטשן, עס מישט זיך אויס די גרויסע צאָל קולות. עס קומט פאַר דער האַנדל. אונטן, אין פּרוזדור, ביי די יידן, קויפט מען און מען פאַרקויפט אַלץ, פון וואָס די תושבים ווילן פּטור ווערן און די פרעמדע קען עס נאָך צו־נוץ קומען. שוין אייביקע טעג, ווי אַן אַלטער מאַן זיצט אויף די טרעפּ און לויבט פאַר די קונים זיין באָק. דאָס געלט, וואָס ער וועט באַקומען פאַר אים, וועט אים קלעקן אויף דריי חדשים חיונה. הלוואי זאָל עמעצער פון די רייכע יידן, וואָס קומען דאָ אַהער פון אַלעקסאַנדריע אויף פּסח זיין אַ מבין, וואָס פאַר אַ ווערטפולער באָק ער איז און ווי ליב עס וואָלט געווען גאָט אַט אַזאַ קרבן! אַ גאַנצע טשערעדע איז דאָ צונויפגעטריבן געוואָרן, כדי אָנצורעדן די מענטשן צו ברענגען קרבנות און צום האַנדל. איינער לויבט זיין סחורה און דער אַנדערער דינגט זיך. דאָ קאָן מען באַקומען בשמים צו קטורת פון פאַרשידענע קאָלירן און ריחות, אַזיאַטישן אימבער, עגיפּטישן ווייררויך, פאַלמען־צווייגלעך אויף אָנדענקונגס־מתנות, פּסוקים פון די נביאים, געצייכנט אויף פּאַרמעט מיט פיער־עיקע העברעישע אותיות, עס האָבן אָבער אויך נישט געפעלט קיין פּסוקים געשריבן מיט אַלטפרענקישע גריכישע אותיות. אַלע קלינגען זיי מיט די מטבעות און שרייען, רופן אויס, וואָס זיי האָבן צו פאַרקויפן, קלאַפּן, מאַכן אָן אַ חשק און רייצן, און אונטער די קליינע טישלעך זיצן איינגעבויגן די חלפנים, וואָס ירשענען פון זייערע אבות דאָס אָרט און די רעכט. וואָרים דאָס בית־המקדש נעמט נישט אָן קיין גריכישע און רוימישע מטבעות,

אויף וועלכע ס'איז אויסגעקריצט א בילד פון א מענטשן, און דער פרעמדער ייד מוז פריער אויסבייטן זיין געלט און דאַן קאָן ער אָפּצאָלן דעם בית-המקדש מס, אָדער אַריינוואַרפן עטלעכע מטבעות אין דער פושקע פאַר אָרעמע.

די עולי-רגלניקעס שטייען רויק אויף די שוועלן אין דעם געטומל און דאַוועגען מיט גרויס יראת-הכבוד. זיי קומען פון אַטען אָדער פון סיראַקוז, פון מאַראָקע אָדער פון גאַליע. אַ גאַנץ לעבן האָבן זיי געבענקט צום דאָזיקן אָרט, אָפּגעוואַרט דעם טאָג, ווען זיי וועלן שוין דערזען דאָס גרויסע לאַנד פון גלויבן, דאָס צווייטע בית-המקדש, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויפן אָרט פון ערשטן. און אַט אַזוי, דאַוועגענדיק, קריכן זיי פּאַמעלעך מיט אַ שטייגנדיקער באַגייסטערונג, אַרויף אין דער הויך, צום הייליקן טויער. דאָרטן הענגט עס, דאָס קאָלירטע געהאָפטענע פּרוכת. וועגן וועלכן עס דערציילן אונזערע אבות, און די גאָלדענע וויינשטאָקן, דער סימבאָל פון פּרוכטבאַרקייט. היינט איז זיי ענדלעך דערלויבט אַריינצוגיין אין דעם גרויסן פּרוזדור און לעבן די טויזנטער ווערטפולע מתנות אַוועקלייגן אויך זייערע געשאַנקען וואָס זיי האָבן לאַנג געקליבן, פּלייסיק באַהאַלטן, פעסט געדריקט צום האַרצן בעת אַ שטורם אויפן ים און נאָך נעכטן ביינאַכט, פאַרבערענגנדיק אין גאַסט-הויז, זאָרגפעלטיק באַהאַלטן אונטערן קישן. ביים סאַמע סוף פון פינסטערן פּרוזדור, ווו עס געפינט זיך דאָס קדשי-קדשים, שטעלן זיי זיך פאַר דאָס, וואָס זיי וועלן יום-טוב דערזען מיט זייערע אייגענע אויגן: אַ גרויסער בעקן אויף אָקסן, אַ קופּערנער ים, אַ סימבאָל פון די וואַסערן פון פאַר ששת ימי בראשית, איבער וועלכע עס האָט געשוועבט גאָטס גייסט.

אונטער אַ זייל זיצן אַן ערך צוואַנציק יונגעלייט, זיי לייגן לחלוטין נישט קיין אַכט אויף די פרעמדע מתפללים און הענדלער, נאָר זיי הערן אויס, וואָס עס לייענט פאַר זיי אַ רבי פון אַן אַלטן פאַרמעט און טייטשט פאַר זיי אויס. יעדער מעג אים איבעררייסן, ווייל וואָס מער מען פרעגט, אַלץ אַ בעסערער תלמיד איז מען. אפילו קינדער האָבן דאָס רעכט צו קריגן אַ

קלוגן ענטפער. באַלד וועט זיך דאָס לערנען פאַרוואַנדלען אין אַ שמועס און ווער עס וועט זיך אין דעם געדאַנקען־געיעג אַרויס ווייזן דער ערשטער, ווער עס טוט אומגעריכט און אויף אַ שאַרפֿ־ זיניקן אופן אַנטדעקן דעם טייטש פון גאַטס ווערטער, דער ציט תּיכּף אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און אויב עס גליקט אים אַפּ, קאָן ער אַליין ווערן רבי.

אָבער אַט רייסט דער רבי איבער די תּלמידים, ווייל עט־ וואָס ווייטער ציט אַ לאַנגע קייט פויערן פון גליל. מען דערקענט זיי לויט זייערע מלבושים. זיי האָבן געגעכטיקט אונטערן פרייען הימל, און אַט איצט פירן זיי אַן אָקס מיט באַגילדעטע הערנער און אין קערבער טראָגן זיי בכּורים פון זייערע פעלדער. די כּהנים גייען אַרויס זיי מקבל־פּנים זיין און די עולי־רגלניקעס זינגען: אָ, ירושלים, אַט זענען מיר מיט אונזערע פיס אַריינגע־ טרעטן אין דיינע טויערן! אונטער זיי ציט אַן אַנדערע קייט מענטשן, וואָס קומען, ווייזט אויס, פון ווייט. מענער, רייך אָנ־ געטון, זיצן אויף קעמלען און זיי טראָגן זייערע אוצרות איינ־ געוויקלט אין טיכער. די שופרות האָבן אָנגעהויבן בלאָזן.

ג

אונטער די שאַרפע שטראַלן פון דער מיטאָג־זון ציט זיך אַ צוג כּהנים צום פּאַלאַץ פון גובערנאַטאָר, ער גייט אַראָפּ פון איין באַרג און גייט אַרויף אויף אַן אַנדערן. ווי נאָענט עס פאַרברענגען לעבן זיך רוים און יהודה! אָבער דאָס פאָלק, וואָס שטייט לענגאויס דעם וועג זעט דעם אומענדלעכן תּהום, וואָס טיילט אָפּ ביידע בערג און זיי כּעסן זיך אויף דער חניפה פון דידאָזיקע באַזוכן, מיט וועלכע עס הויבט זיך אָן יעדער יום־ טוב. מיט נידערגעשלאָגנקייט ציט זיך די דאָזיקע פּראָצעסיע צום באַרג פון פעסטונג אַנטאָניוס, כּדי צו ווייזן די טויזנטער ווייטע פרעמדע, אַז דאָ הערשט רוים! די הייליקע מלבושים באַהאַלטן די רוימער און זיי גיבן זיי נאָר אַרויס אויף אַ בקשה, וואָס מוז ווערן יעדעס מאָל באַנייט, נישט ווי אַן אייגנטום, נאָר

ווי אַן הלוואה. פּאַרוואָס עפּעס זאָל דאָס מאַנטל פון כּהן גדול פון יום-טוב צו יום-טוב ליגן אין געצענדינערשע הענט, אַז מען זאָל עס דאַרפן דערנאָך לאַנג רייניקן מיט קטורת? אָט פאַרשווינדן זיי אונטערן פעסטונג.

שטייענדיק נעמט זיי דאָרט אויף דער גובערנאַטאָר.

ווי אַ פירער פון אַ לעגיאָן טראָגט ער אַ קאַסקע און אַ קייט און ווען ער פאַרנויגט זיך, הערט מען אַ שטילן קלאַפּ פון דער שווערד. די כּהנים בויגן זיך ביז צו דער ערד און וואַרטן. צוויי זעלנער ברענגען אַריין אַ קאַסטן. ער איז פאַרחתמעט. צוערשט רייסט אַראָפּ דער הערשער פון לאַנד די רוימישע חתימה, דאַן נעמען אַראָפּ די תּושבים זייער אייגענע חתימה, וואָס איז זיי צוגעפּסקנט געוואָרן נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען. זיי נעמען אַרויס פון אַ קאַסטן די מלבושים, וואָס זענען שווער פון גאָלד און טייערע שטיינער. פון ביידע זייטן קומט אַ שווייגנדיק פאַרנויגן זיך, דאַן פאַרלאָזן די יידן די רוימער און זיי טראָגן אַוועק זייער אייגנטום אין בית-המקדש אַריין.

און פּילאַטוס כּעסט זיך: צי וועט מען די דאָזיקע גאַוותדיקע הכנעה קיינמאָל נישט צעברעכן? צי וועט רוים, וואָס האָט איינגענומען אַ האַלבע וועלט, נישט בכּח זיין אַ סוף צו מאַכן מיט דעם קליינעם שוואַכן פאָלק? אָט זיצט ער דאָ שוין מער ווי פיר יאָר אויף אַ באַפעל פון קיסר און הגם ער טיילט אים נישט מיט עפּעס אַנדערש, ווי וועגן שלום און געהאָרכזאַמקייט, אָבער דאָך הערט זיך אַ גערודער אונטער דער גלאַטיקער ערד און טיילמאָל רופט זיך אָן אַ גערויש טיפער. צי איז עס נישט קיין חרפּה, אַז ער האָט צומאָל נישט דעם מוט אויסצוקריצן אויף די מטבעות דעם קיסרס בילד? וואָס קאָן די מענטשן שאַטן אַ פּשוט בילד? הגם דער קיסר הייסט זיך אָפּגעבן געטלעכן כּבוד, נו, איז ער דאָך עפּעס קיסר, אָבער צי האָט שוין עמיצער געהערט, אַז אַ פאָלק זאָל זיך שאַפן קיסרים פון זיינע געטער? וואָס הייסט דאָס: גאָטס קעניגרייך? קיינער שטערט נישט זייערע מנהגים אין בית-המקדש, קיינמאָל האָט נאָך רוים נישט אָנגעוואָרפן זיינע געטער דידאָזיקע באַרבאַרן. טאַ פונוואַנען

נעמט זיך דער אייביקער בונט אַקעגן עטלעכע בילדער און אייניקע געדאַנקען?

אַמאָל, ווען ער איז אונטער די פענער פון חילות מיטן בילד פון קיסר געקומען אַהער, זענען זיי אַלע אַרויס אַקעגן אים. טויזנטער זענען זיי געווען, פינף טעג און פינף נעכט זענען זיי געלעגן פאַרן שלאָס, און בעת ער האָט באַפוילן זיין מיליטער זיי זאָלן זיי אַרומרינגלען, דעמאָלט האָבן זיי אויסגעשטרעקט זייערע העלזער און אַלע האָבן מיט איין קול דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט צו שטאַרבן! ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו באַזייטיקן די אָדלערס און די וואַכן פון דער הייליקער שטאָט!

אינדעראמתן האָט זיך עס זיי נאָר געהאַנדלט אין די בית־המקדש שטייערן! זיי באַקלאָגן זיך אויף די רוימישע שטייערן, וואָס זענען באמת קליין, אָבער דעם בית־המקדש־מס גיבן זיי מיטן גאַנצן האַרצן! די בונטן רופן זיי אַרויס דער־פאַר, כדי נישט צו דערלאָזן רוים צו קאָנטראָלירן די הכנסות פון בית־המקדש! ווער ווייסט צו וואָס זיי קלויבן די אוצרות מיט גאָלד, וואָס דאָס אומגעהויערע רייכע פאָלק טראָגט צונויף אויפן באַרג אַקעגנאיבער! ווען עס זאָלן אַזוי פאַרקומען די קלענסטע אומרוען, ווען אין גליל זאָלן זיך אַזוי אָנהויבן פאַר־גרעסערן די בונטן, און עמעצער זאָל אַזוי צווויסן־טון קיין רוים וועגן איין מפּלה, דאַן פאַרלירט ער אין איין מינוט זיין גו־בערנאַטאָר־שטעלע.

און פּילאַטוס טראַכט וועגן רוים. ער שטעלט זיך אַליין אַ פראַגע, צי עס לעבט נאָך זיין באַשיצער, דער מעכטיקער סאַיאַנוס. און דער קיסר? זיין ווייב, די גובערנאַטאָרין, האָט חלומות, זי גלויבט אין חלומות און פאַרשאַפט אים אַלעמאָל מיט זיי אומרויקייט. פּילאַטוס טראַכט וועגן קיסר.

טיבעריוש, דער איינזאַמער אַלטיטשקער, איז געזעסן אין קאַפּרי. דער הערשער איבער דער וועלט, דער רוימישער קיסר, האָט יאָר־איין יאָר־אויס פאַרבראַכט אויף דער דאָזיקער קליינ־טשיקער אינזל, וואָס איז אָפּגעטיילט דורך אַ ים פון דער

רעזידענץ, ווייט פון דער מלוכה-פאַרוואַלטונג. ער איז טריב, פול מיט שנאה, כמעט אומעטיק. אויף אַ הויכן פעלז האָט ער געלאָזט זיך אויפבויען אַ שלאָס. דאָרטן זיצט ער, קוקט אויפן ים, צו איין מיסטישע צאָל גיט ער צו אַ צווייטע, היינט איז ער גלייכגילטיק, מאָרגן איז ער גרויזאַם, ער איז מוחל און דערהרגעט, פאַרפאָלגט און שענקט פרייהייט, אַן אָנגעכמורעטער דיקטאַטאָר, וואָס האָט אַוועקגעגעבן די מאַכט אַ פרעמדער האַנט, און דאָך שטרעקט ער אויס נאָך איר די הענט יעדע מינוט, ער איז אומצוטרויליך, מרה-שחורהדיק און טרויעריק.

צו וואָס האָט גענוצט דער טייך בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן? דער קיסר האָט פאַרלוירן זיין אייגענעם זון, אָבער ער קאָן דאָך נישט נעמען קיין נקמה. אַרום און אַרום איז בלוט און האַס, די פּראָטעריאַנער*) געטרויען נישט דעם ליבלינג, דער קיסר גלויבט נישט די פּראָטעריאַנער און קיינער האָט נישט קיין צוטרוי צום קיסר. נאָר אויף דעם פעלזיקן אינזל איז ער זיכערער. ווי נאָך וואָלט ער זיך געקאָנט באַהאַלטן דער הערשער איבער דער וועלט?

אפשר אין דער פילאָזאָפיע?

אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו שרייבט סענעקאַ וועגן דיאָגענעסן:—ס׳איז ווערט אָפּצוגעבן אַ גאַנצע מלוכה, כדי מ׳זאָל צווישן שווינדלער, מערדער און הענדלערישע נשמות, זיין דער איינציקער, וועמען מ׳קאָן קיין שלעכטס נישט טון.—און דער קיסר האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אָט דידאָזיקע לעצטע רעדע פון סענעקאַ און ער האָט געלייענט: אַלע האָבן מיר געבלאָנדזשעט און מיר וועלן אַזוי בלאָנדזשען ביז צום שטאַרבן. דאָס שלעכטס געפינט זיך נישט אויסער אונז, נאָר אין אונז. דער גוף איז צו לאַסט דעם גייסט און אַן אָפּקומעניש. די נשמה קערט זיך צוריק דאָרטן, פונוואַנען זי איז געקומען. דאָרטן וואַרט די אייביקע רו און דאָרטן וועט

---

*) פּראָטעריאַנער: די לייב-וואַך פון די אַמאָליקע רוימישע קיסרים, וואָס ווען זיי זענען געקומען שטאַרקער צו דער מאַכט, האָבן זיי געהאַט אַן איינפלוס אויף די מלוכה-ענינים און אויפן קלויבן אַ קיסר; דידאָזיקע לייב-וואַך איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך קאָנסטאַנטין דעם גרויסן. מ. פּ.

זי נאָך דעם וועלט-כאַאָס זען דעם לויטערן אמת. עס וועט קומען א טאָג, ווען עס וועט אַראָפּגענומען ווערן פון דיר דער אויסערלעכער לבוש און וועסט אויסגעלייזט ווערן פון דעם אייטלדיקן און מיאוסן לעבן. קייטן, ווונדן, קרייציקונג, אַט דאָס זענען סימנים פון טוגנט.

צי קלינגט דאָס נישט אַזוי ווי דער מאָדנער גלויבן פון ירושלים? און דער קיסר הויבט אָן טראַכטן וועגן די יידן, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן אין רוים אַזויפיל ענינים, זיינע אייגענע און מלוכהשע. אין זייער בית-המקדש האָט ער אריינגעשיקט פּראַכטפולע מתנות און נאָך היינט הייסט ער יעדן טאָג ברענגען פאַר א קרבן אַן אָקס און צוויי שעפּסן „פאַר א לייב צום אַלערהעכסטן". „ווער איז ער דאָס דער אַלערהעכסטער ט"? נישט מען מעג אים אויסמאָלן, נישט מען מעג זיין נאָמען ערמאָנען, פונקט ווי אין סענעקעס שריפטן. צי האָט ער זיי אשיצט דערדאָזיקער גאָט, ווען ער, דער קיסר, האָט דעמאָלט פּלוצינג פאַרמשפּט אויף גלות די אַלע, וועלכע ער האָט ערשט ענומען אונטער זיין שוץ? ניין, אָבער טויזנטער וואָלטן ליבערשט געגאַנגען אין די שטראָף-הייזער, איידער זיי זאָלן לאָזן פאַרברענען זייערע הייליקע כלים. מערקווירדיגע נאַטורן! און אָט האָט דער אַלטיטשקער באַפוילן ארויסצורופן דעם פּריינט פון זיין דערמאָרדעטן זון, אַז ער זאָל קומען קיין קאַפּרי. דעם קיסר האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן דעם יונגן יידישן פּרינץ לעבן זיך, איידער ער גייט אוועק צו זיין זון. וווהין?

סענעקאַ זאָגט: אין דער אייביקער רו.

פּילאַטוס בלאָנדזשעט מיט זיינע געדאַנקען צווישן קאַפּרי און רוים. ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ פאַרמעגנס, ווי ס'האָט אָנגעזאַמלט וואַרוס! פּילאַטוס איז נישט ערגער ווי אַלע אַנדערע פאַרוואַלטער, הגם פּלוצלינג ווערט ער גרויזאַם, שטאָלץ, בייז, ווי מ'קאָן ווערן פון לאַנגווייליקייט און אָפּגעזונדערטקייט אויף א קאָלאָניאַלן אַמט. דעם צאָל און די שטייערן האָט ער אָפּגעגעבן אין אַרענדע, ווי דאָס האָבן געטון אַלע פאַר אים, אָבער צי האָט ער אסאך דערביי געגאַסן? וואָס גייט עס אים אָן, אַז דאָס לאַנד קרעכצט אונטער דיזם יאָך פון די צאָל-נעמער און

ווכערניקעס, וואָס זויגן אויס פון פאָלק מער וויפל זיי גיבן אוועק דעם גובערנאַטאָר ? דידאָזיקע צאָל-נעמער זענען מענטשן אָן ערע און קיין שום געריכט גלויבט זיי נישט. אָבער פּילאַטוסעס הענט זענען ריין פון דידאָזיקע ענינים.

## ד

נאָכמיטאָג האָט אין אַ קאַלטער שטיינערנער עזרה, צווישן דעם קדשי-קדשים און דעם פּרוזדור זיך באַראַטן דאָס העכסטע יידישע געריכט. אין דעמדאָזיקן סנהדרין געפינען זיך די חשובסטע כהנים. אַלע זענען זיי גראָ, אַ סך צווישן זיי זענען ווייס, און דער, וואָס זיצט אויבענאָן, דאָס איז יוסף כּיפה, דער עלטסטער כהן גדול, דער קאָפּ פון פאָלק. ווען פּילאַטוס איז געקומען אין לאַנד אַריין, האָט ער אים שוין געטראָפן אויף זיין אַמט, און מחמת דעם האָט ער אים נישט אויסגעוויילט פאַר פּראָקוראָר, ער האָט אים נאָר בלויז באַשטעטיקט. אַפילו די דערלויבענישן, וואָס ער גיט אויף די באַראַטונגען, טראָגן אַ ריין פאָרמעלן כאַראַקטער. ווארים דער העכסטער ראָט איז זעלבסטשטענדיק און ער קאָן גאַנץ פריי אַמטירן ווי אַ וועלטלעך און גייסטלעך געריכט, ווי אַ מאַגיסטראַט און סענאַט. וואָס ער באַשטימט איז שוין נישט צום אָפּרופן. אַלע יידן, די אַריסטאָקראַטישע און די כהנים גדולים און אפילו די יידן, וואָס פאַרברענגען אין די פּרעמדע לענדער, גיבן זיך אונטער די באַשלוסן פון ראָט. נאָר די טויט-אורטיילן, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך אַן אָפּשטימונג, דאַרפן באַשטעטיקט ווערן דורך די רוימער. די, וואָס געפינען זיך דאָ, זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון זייער סביבה, אָבער אינדערהאמתן גייט דערדאָזיקער אמט צו זיי איבער בירושה פון דור צו דור, און דער אַמט פון עלטסטן כהן גדול וועט נאָך אין דעם דור פון הלל החכם איבערגיין צו אַסאַך דורות. די אָפּשטאַמונג און דער עלטער פארוואַנדלען דעם סנהדרין אין אַ קאָנסערוואַטיווע אינסטיטוציע, דערפאַר פירן זיי אַריין דאָרטן, ווו די רוימער האָבן אָן איינפלוס, רייכע מענטשן און פאַר זיך נאָכגיביקע

אַזעלכע זענען די צדוקים, אַ קליינע אָבער אַ מעכטיקע פּאַטריציער־פּאַרטיי, וואָס האָט נישט מיט איר עקשנותדיקייט לגבי די באַהערשער און נישט מיט שטאַרק אָפּהיטן די תורה זיך געשטערט זייערע פאַרגעניגנס, די מאַכט און די פּריווילעגיעס פון דעם הערשנדיקן קלאַס. די תורה פון משה רבינו פאַרפליכ־טעט אונז, נאַטירלעך, ווי זי האָט אונז פאַרפליכטעט פון ערשטן טאָג אָן. מען באַדאַרף זיך ביי איר האַלטן, אָבער וואָס מ'האָט וועגן איר ווען עס איז געטראַכט ווי אַזוי מ'האָט זי געלערנט, האָט נישט קיין שייכות מיט די ווערטער פונם נביא און דאָס גייט אונז שוין נישט אָן. ווי שטייט דאָס געשריבן, אַז מ'טאָר נישט זאַמלען געלט, עסן אין זילבערנע כלים, פרייען זיך מיטן לעבן, וואָס גאָט האָט אונז געשאָנקען? נאַטירלעך איז דער רוימער אומריין, אָבער דאָס, וואָס ער ברענגט מיט זיך אין געשטאַלט פון ווערטפולע אוצרות פון מעריב, דאָס איז דאָך נישט פאַרבאָטן, אַבי ער היט נאָר אָפּ די ריכטיקע תעניתים־טעג.

דאָס פאָלק קאָן נישט פאַרשטיין דאָס אַלץ און עס איז נישט אַזוי וויכטיק! עס איז גענוג אים צוצוזאָגן אַן עולם־הזהדיקע מתנה: אַ לאַנג לעבן, וועגן וועלכן עס האָבן דערציילט די נביאים, אַ לעבן פאַרברענגט אָן זינד און פרום, אָן פחד און אָן האָפ־נונגען פון קינפטיגן לעבן! ס'איז גענוג פאַר זיי אומשטערב־לעכקייט צווישן זייערע קינדער, זאָלן זיי געבוירן וואָס מער, זאָל הערשן איבער זיי גאָטס ברכה!

לעבן דידאָזיקע בשלומדיקע, גוט דערנערטע און רייכע, מילד אין ענינים פון פרומקייט און שטרענג אינם וועלט־געריכט, זיצן אין דעם העכסטן ראָט זייערע שונאים, מענער מיט דאַרע געשטאַלטן, לאַנגע קעפּ און פייערדיקע אויגן, וואָס גלאַנצן מיט פאַנאַטיזם: דאָס זענען די פּרושים, וואָס הייסן „אָפּגעזונדערטע", „ריינע". זיי זענען אַ גרויסע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, וואָס ציילט אין לאַנד אַן ערך זעקס טויזנט מענער, זיי זענען דעמאָקראַטן לויט זייער אָפּשטאַמונג, לערע און מעשים. דידאָזיקע מענטשן זענען באַהאַוונט אין אַלע נייע אויסטייטשונגען פון דער תורה. ס'רוב זענען זיי זין און ברידער פון שמידן און גאַרבער, טישלער,

האָלץ-טו׳עגער, סאַנדאַלן-מאַכער. זייער פּאַרטיי הייסט זיי אַ דריט חלק פון טאָג אַרבעטן מיט די הענט, אָדער זומער זאָלן זיי זיך אָפּגעבן מיט אַרבעט און ווינטער מיט לערנען. דער רוב פון זיי איז אָרעמע מענטשן, וואָס היטן פלייסיק אָפּ דעם פאַרבאָט פון נעמען געלט אָדער ווערטפולע זאַכן פאַר אויסלערנען עמעצן די תורה. דאָס פאָלק האָט זיי דערפאַר ליב.

אָבער דערפאַר זונדערן זיי זיך אָפּ מיט פּוריטאַנישן אייפער פון געוויינלעכן שטייגער-לעבן פון פאָלק, פון וועלכן זיי שטאַמען. זיי זוכן נישט קיין מאַכט, תענוגים און געלט, ווי דאָס טוען זייערע קעגנער, די אַריסטאָקראַטישע צדוקים. זיי רימען זיך מיט זייער קענטעניש אין דער תורה, מיט זייער פלינקייט אין אויסטייטשן, צי אין פירן וויכוחים. געטריבן דורך אַ גייסטיקער גאווה, פאַראַכטן זיי וואָס אַן אמת די פויערן און האַנטווערקער, זייערע אייגענע ברידער. אָבער דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי לערנען נישט קיין תורה, היטן נישט פלייסיק אָפּ די געבאָטן און פאַרנעמען נישט דאָס לערנען. די כתבים, וואָס זיי האָבן תמיד אונטער דער האַנט, גרויסע שמות, וואָס זיי טראָגן אויף זייערע מלבושים, דאַרפן זיי שטענדיק דערמאָנען אין די געבאָטן.

זיי קענען אויסרעכענען ווי ווייט עס ווירקט יעדער קרבן אויף גאָט, זיי ריכטן אָפּ לאַנגע תפילות, פייניקן זייערע לייבער, טיילן נדבות אין קעגנוואַרט פון אַלעמען, אויף די מערק און אין בית-המקדש. פאַר אַלע, וואָס זענען ווייניקער פרום ווי זיי, רימען זיי זיך מיט זייער גרויסער צאָל תעניתים און איבערגעטריבן וואַשן זיי זיך, זיי צייכענען זיך שטענדיק אויס מיט זייער אָפּגעהיטנקייט ביים נישט דורכלאָזן איין שעה און איין דין, און פון פאַרבאָטן ווייסן זיי מער ווי פון געבאָטן — און הגם זיי ווערן אַזוי-אַרום די דערציער פון פאָלק, שטעלן זיך די סקעפּטיקער דאָך אַ פראַגע, צי די דאָזיקע פאַנאַטיקער וועלן זיך שוין באַלד נישט נעמען אָפּצורייניקן די זון.

גישט דאָס האַרץ האָט פאַרצוג, נאָר דער גוטער טאַט. ווער עס ברענגט א קרבן אויפן מזבח, דער ווערט באַפרייט פון פליכט אויסצוהאַלטן אַלטע טאַטע-מאמע. אין זייערע לעקציעס לערנען

זיי נישט וועגן זינד, געוויסן, טרייּלאַזיקייט, נאָר וועגן די צאָל טריט, וואָס איז דערלויבט צו גיין אין שבת און וועגן פאַר-קלענערן די צאָל שמיץ פון פערציק אויף נײַנאונדרייסיק פאַר די. וואָס זענען עובר אויף דעם געבאָט. גאנצע יאָרן פירן זיי א וויכוח וועגן דער פראגע, צי די בינטלעך תבואה, וואָס זענען באשטימט פאַר אַ קרבן, מעג מען אָפשניידן דעם צווייטן טאָג פסח, אויב עס פאלט אויס שבת? צי איז געווג צו שווערן ביים בית-המקדש, צי דארף מען שווערן ביים גאָלדענעם מזבח? צי איז א קינפע-טאָרין טמא די ערשטע וואָך, צי אויך אין משך פון די ערשטע צוויי וואָכן? צי אין טאָג פון יום-כפור זאָל דאָס קטורת אין קדשי-קדשים אָנגעצונדן ווערן פאַרן אריינגיין פון כהן-גדול, צי נאָך זיין אַריינגיין?

אָבער בעת דער גלויבן און אויסטייטשן דעם תנך אויף אזאַ אופן האָט געדראָט מיט אונטערגאנג פון דער מאָראל, האָט אָבער די שטים פון די פרושים נישט אויפגעהערט וועקן אין די מענטשן האָפנונגען אויף פּאָליטישע געשעענישן. זיי האָבן אומ-אויפהערלעך גערעדט וועגן משה רבינו און וועגן באפרייונג, וועגן אַן אויסדערוויילט פאָלק, וועגן גאָטס קעניגרייך און וועגן פאַראַכטונג צו די היידן, און פונקט ווי זייערע אבות האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן א שבועה דעם אומגערעכטן קעניגרייך פון הורדוס, אַזוי זאָגן זיי זיך היינט אָפּ צו געבן זי די רוימער.

און אָט זיצן די פאַרזאַמלטע אין העכסטן ראָט און באַראָטן זיך ווע מען צווישן די פאַרמשפּטע אויסצוקלויבן, אַז די רוימער זאָלן אים שענקען די פרייהייט. וואָרים אין יעדן יום-טוב פסח, אַזוי איז שוין פונלאַנג דער מנהג, האָבן די יידן דאָס רעכט צו פאָדערן פון די רוימער, אַז זיי זאָלן שענקען ס׳לעבן איינעם פון די פאַרמשפּטע. אָט איצט טאַקע זיצן זיי און באַראָטן זיך וועמען פאַרצולייגן.

# ה

אין דערדאָזיקער שעה, ווען די שאַטנס ווערן וואָסאַמאָל לענגער, הייסן זיך די מיוחסדיקע עולי־רגלניקעס טראָגן אין די טראָג־שטולן איבער די גאַסן פון דער שטאָט, און הגם זיי פאַרוקן טיילמאָל די פאָרהענגלעך, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט, איז זיי פאָרט נישט אַזוי אומאַנגענעם, בעת די דורכגייער קוקן אויף זיי מיט חידוש.

בעת זיי טוען אַ טראַכט וועגן זייער היים אין רוים, אָדער אין אַלעקסאַנדריע, זעען זיי, אַז דאָס אַמאָליקע מעכטיקע ירושלים איז געוואָרן אַ פּראָווינץ־שטאָט, וואָס גיט אַן אָפּשפּיגלונג בלויז פון זיך אַליין, בעת דאָרטן, אויף יענער זייט ים, פילט מען דעם אָטעם פון צוויייאונצוואָנציק רוימישע פּראָווינצן, צווישן וועלכע דאָס קליינע ארץ־ישראל גייט כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן. וואָס פירט אַרויס דאָסדאָזיקע אָרעמע לאַנד? אַביסל בוימאייל און פרוכטן, נאָר איר שאַרפער לויטערער פאַר־שטאַנד פאַרשפּרייט אירע געדאַנקען איבער דער גאַנצער וועלט; אַ שטאָלצער, עקשנותדיקער גלויבן אין איין גאָט, וועלכן קיינער דערוועגט זיך נישט אָפּצומאָלן; אַ גאווה, וואָס דערלויבט נישט דרך־ארץ צו האָבן פאַר מלאכים פון דער וועלט און אַפילו נישט פאַרן בילד פון קיסר, איז געוואָרן אַן אָנזאָגנדיקע בשורה, אַז זייער גאָט וועט איבערלעבן אַלע אַנדערע געטער. דידאָזיקע דרייסטע און פּאַראַדאָקסאַלע לעגענדע האָט באַרימט געמאַכט דעם נאָמען פון פאָלק ישראל אין אַלע גרעסערע צענטרן און רעליגיעזע קולטן, כדי דערמיט זיי זיכערער אויפצוטרייסלען. וואָס שוואַכער דאָס פאָלק איז געוואָרן, אַלץ מעכטיקער האָט דורכגעדרינגען זיין נאָמען אין דער וועלט פון מאַכט און עשירות, און בעת אַ טייל האָט עס אויסגעלאַכט, האָבן אַנדערע בסוד מורא געהאַט פאַר איר פעסטן גלויבן און האָבן זיך נישט אים קעגנגעשטעלט.

אָט דידאָזיקע אין די זיידענע מלבושים וואָס הייסן זיך פון זייערע קנעכט טראָגן איבער די ענגע גאַסן, זענען אַליין לעך פון קנעכט. פאַר קנעכט אין מלחמה־געפאַנגענע

מיטגענומען מיט זיך פאמפעיוש, דער ערשטער רוימישער באַ־הערשער פון ירושלים, אָבער באַלד האָט ער כמעט אַלעמען באַ־פרייט. לכתחילה זענען זיי געווען הענדלער אויף דער אינזל טיבער, אָבער שפּעטער, ווען עס איז געקומען דער גרויסער צעזאָר און ער האָט זיך דערקענט אויף די פעיקייטן פון די מענטשן, האָט ער זיי דערנענטערט צו זיך, געגעבן זיי שטימרעכט צו די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אָנגעטרויט זיי די צושטעלונגען פון אַלע מיליטער־באַדערפעניששן און אויך פון תבואה. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי זיי האָבן באַקומען אַזויפיל צוטרוי, אַז זיי זענען געוואָרן באַנקירן ביים קיסר און קרעדיטאָרן פון דעטראָניזירטע מלכים. זיי זענען געוואָרן די אַרענדאַטאָרן פון די טעאַטערן און באַלעטן און אַקטיאָרן אין די טרופּעס. באַזיצנדיק די פעאיקייט זיך צוצופּאַסן, זייענדיק בויגזאַם, באַהערשנדיק פרעמדע שפראַכן, — זענען זיי געווען באַשאָנקן מיט אַלע מעלות און חסרונות פון די מזרח־פעלקער.

און דאַך האָט דערדאָזיקער ישוב, וואָס האָט געציילט אין רוים אַכט טויזנט יידן, — חוץ אויסלענדער און גליק־זוכער, — גבירים און איינפלוסרייכע, געהאַלטן זיך אין דערדאָזיקער מיל־יאָנען־שטאָט אָפּגעזונדערט און אין ריינקייט. אַ גאַנץ קליינע צאָל איז איבערגעגאַנגען צו די היידן, טייל האָבן אָנגענומען רוימישע נעמען און מנהגים, זיי זענען געגאַנגען אויף די באַר־באַרישע פאַרשטעלונגען און פאַרשטעלט זייער געמלטקייט, אָבער כמעט אַלע האָבן זיי זיך געהאַלטן ביים אַלטן גלויבן, טייל אָפן, אַנדערע בסוד און זיי האָבן זיך נישט אויסגעמישט מיט די היידן. נאָכמער, ס'איז גאָר אויפגעקומען אַ מאָדע צווישן די פאַרלאַנג־ווייליקטע מיידלעך פון דער רוימישער געזעלשאַפט, אַז זיי האָבן זיך געשטופּט אין די בתי־מדרשים, און ווען מ'האָט זיך שפּעטער אָוועקגעזעצט ביים געבראָטנס פון אַ פּאַווע, ווען מ'האָט אַרויסגענומען די גאָפּלען פון די אַלפּיש און אויפגעעפנט אַ מושל פון טשיאָס, ווען עס האָט זיך זיי אויסגעדוכטן, ווי אָט טיילט זיך אָפּ דער באַלקן פון די ווענט און רוקן זיך אַוועק ערגעץ ווייט און ס'האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן וועקן חלומות וועגן עפּעס

אומבאַקאַנטע וועלטן, דאַן איז אָנגעקומען די מינוט צו באַ-גייסטערטע חלומות וועגן אַן אײנאײנציקן גאָט.

צי זענען דען נישט די אַלטע געטער שוין פון לאַנג אויסגעשטאָרבן? צי האָבן די סטאָיקער נישט געפּריידיקט עפנ-טלעך אַן אײנאונאײנציקן גאָט, ציטירט פּלאַטאָנען, וואָס האָט נאָך דריי הונדערט יאָר פאַר יוליוש צעזאַר געוויטיקט אויף דעם, וואָס די נשמה איז פון דער אויסער-וועלט אַרײנגעפאַלן אין גוף, און וואָס האָט געלויבט די אײביקע רו? צוליב דעם זיך אָפּזאָגן פון די לעבנס-תענוגים? אָט נעמט למשל אַזאַ סענעקאַ, פילאָזאָף, אָבער אַ וועלטלעכער מענטש, אַ פּריסטער פון דער נשמה, אָבער אַ פּאָליטישער רעדנער, אָט ער האָט ערשט נישט לאַנג געשריבן: „דאָס לעבן אָן שטרויכלונגען און אָן וועלכע ס'איז סתירות, איז ווי אַ טויטער ים. דאָס גוטע וואָס דאַרף אונז זיין, האָט אונז אונזער גאָט און אונזער פאָטער אַליין גע-געבן, נישט וואַרטנדיק אויף אונזערע תּפילות, נאָר ער טוט עס מיט זיין אייגענעם ווילן".

אונזער גאָט און פאָטער? מאָדנע ווערטער! ווען מיר זאָלן אַזוי אַלע האָבן איין פאָטער, וואָלטן מיר דאָך אַלע געווען גלייך! אַ מורהדיקע געפאַר! באמת, אָבער דער סענעקאַ גייט נאָך ווייטער, בעת ער שרייבט: „די קנעכט זענען נישט נאָר מענטשן, הויז-לייט, פריינט, נאָר מיט-קנעכט. אַלץ וואָס עס טוט אונז פאַרהערלעכן, אַלס אַן אונז באַשערט גוטס, ווי: קינדער, כבוד, פּרוויען-צירונג איז נישט אונזער אייגנטום, נאָר אַן אַ-רויסגעבאָרגטע זאַך, וואָס דאַרף, ווי אַ כּלי פון אַן אכסניה אומ-געקערט ווערן דעם באַלעבאָס נאָך דעם אָוועקפאָרן פון גאַסט". ווען דאָס זאָלן אַזוי אויסהערן אונזערע אָרנטלעכע קנעכט, וואָלט זיך אַ וואַקל געטון אונזער וועלט-קעניגרייך!

אָבער דער פילאָזאָף מיינט גאָרנישט אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן, ווייל ער ענדיקט אַזוי: „מחמת דעם שעפּט פאַרגעניגן פון אייערע קינדער, יאָגט זיך אומאויפהערלעך נאָך יעטוועדן תענוג, אײלט אייך! האָט ליב אַלץ, וואָס האָט אייך געגעבן גליק, ווי עפּעס אַזוינס, מיט וואָס איר וועט זיך באַלד מוזן שיידן". דאָס איז

אמת, אַפילו עפּיקור זאָגט דאָס זעלבע; נאָר דאַכט זיך, אַז עס וואָלט נויטיק געווען צו עסן ווייניקער אַלערליי ים-פיש און שוואָמען.

אַזוי טראַכטן די הערשערישע רוימער און דאָס שטייגנדיקע געפיל פון אומרויקייט באַמיען זיי זיך שוין צו דערשטיקן אין זייערע נשמות מיט דער הילף פון פרעמדע לערעס, וואָרים בעת עס עקזיסטירן שוין גאָר רייכע מענטשן און גאָר אָרעמע, און עס עקזיסטירט שוין נישט דער מיטלשטאַנד, און צענדליקער טויזנטער גייען אַרום ליידיק און זיי מוזן ווערן אויסגעהאַלטן פון די מלוכה-אוצרות; בעת אַלץ ווערט געטון און גלייכצייטיק אונטערגעגראָבן דורך אַוואַנטוריסטן און שפּיאָנען; ווען דאָס אַלטע, פּשוטע רעפּובליקאַנישע שטראָף-סיסטעם ווערט פאַרשוווּנדן אונטער דער הערשאַפט פון די קיסרים; ווען די פּרעפעקטן אינטריגירן קעגן דער גוואַרדיע, די גוואַרדיע קעגן די פאַוואָריטן און די לעצטע ווידער קעגן נישט אָנוועזנדן קיסר; בעת די אָרעמקייט פון פאָלק צעשלאָגט זיך אָן דעם פּראַכט פון די הערשנדיקע, ווי אַ שוימיקע כוואַליע אָן אַ פעלז, ציטערט דאָך דער פעלז אונטער די פּראַכטפולע פּאַלאַצן, און די קלוגע האַרן פון דער וועלט באַמיען זיך באַצייטנס און אויף יעדן פאַל צו פאַרזיכערן, אַז ס'זאָל זיי אויך גוט זיין אין דער צוקונפט. ווער קען דען וויסן, צי דער אַלטער גאָט פון אַט דעם יידישן פאָלק, אָדער נייע געטער פון אַנדערע סאָפיסטן זענען נישט און וועלן טאַקע נישט זיין מעכטיקערע, דערפאַר טאַקע, וואָס זיי זענען פאַר אונז פאַרבאָרגן? דער רייכער ייד, וואָס זיצט אין דער טראָג-שטול, חזרט זיך איבער די געדאַנקען פון זיינע געצנדינערישע פריינט, קוקנדיק איבער די גאַסן פון גאָטס שטאָט. ווען ער וועט צוקומען צו זיין אַכסניה, וועט ער אפשר דאָרטן טרעפן אַ באַקאַנטן סוחר פון אַלעקסאַנדריע, און ער וועט זיך דערוויסן פון אים נישט נאָר וועגן אַ באַנקראָט פון וועלכן עס איז אַראָפּגעזעצטן קעניג, נאָר ער וועט זיך אויך דערוויסן וועגן די יידן אין מצרים; וואָס זיי לערנען און וועגן וואָס פירן זיי אַ וויכוח, ווי ווייט שיידן זיי אונטער גייסט פון גלויבן, צי מישן זיי צונויף איינס מיטן אַנדערן. דאַן וועט

דער רוימישער ייד זיך דערוויסן פון גריכישן וועגן אַסאַך זאַכן, וואָס מאַכן שטאָלץ זיין האַרץ.

ווארים אין מצרים, פונוואַנען די שיף ברענגט זיי דאָ אַהער אין געציילטע טעג, פאַרברענגען זיי שוין פון פּטאָלאָמעוסעס צייטן; ביי היינט צו טאָג וווינען דאָרטן אַ האַלבן מיליאָן און אין אַלעקסאַנדריע בילדן זיי אַ העלפט פון אַלע פרייע בירגער, פאַרנעמען צוויי קוואַרטאַלן, פירן אָן מיטן מסחר אויף מעריב און זיי באַזיצן אַ גרויסע צאָל שיפן נאָך פון יענער צייט, ווען דער קיסר אויגוסט האָט זיי אָנגעטרויט די אויפזיכט איבערן נילוס און אַרויסגעוויזן צו זיי דעם גרעסטן צוטרוי: דאָ האָט זיך דאָך געפונען דער שפייכלער פון רוים.

לאַנג פאַר דעם, איז דאָ אויך געווען די גייסטיקע רעזידענץ פון דער וועלט, איידער רוים איז נאָך געוואָרן איר פּאָליטישער צענטער. צי האָבן די געבילדעטע יידן באַדאַרפט זיך אָפּקערן פון דער גריכישער קונסט, וואָס איז פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן אָן אַריינגעפלאָסן קיין מצרים אויף שיפן? זיי שטעלן דאָך נישט אַוועק דידאַקטיקע קונסטווערק אין זייער מקום קדוש, וואָס קאָן זיך מיט זיין פּראַכט און פרומקייט פאַרמעסטן מיטן ריכטיקן בית-המקדש. און אויב זיי לייענען האָמער און פּלאַטאָן, ווייסן זיי דאָך גאַנץ גוט, אַז דאָס זענען בלויז מעשיות, וואָס וועלן נישט ווירקן אויף די פּרינציפּן פון זייער טעאָקראַטישער וועלט-אַנשויאונג. איבעריקנס, האָט מען שוין מיט צווייהונדערט יאָר צוריק איבערגעזעצט אויף גריכיש תורת-משה און שלמה, די געזעצן און די חכמה פון זיין שטאַם, און אין איין מאָמענט איז אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט די סודות פון אָט דעם קליינעם פאָלק. אַמאָל, ווען ס'האָבן, לויט דער לעגענדע, צוויי־און־זיבעציק זקנים אין משך פון צוויי־און־זיבעציק טעג איבערגעזעצט אויף אַן אינזל גאַנץ חומש, האָט דערדאָזיקער דעצידירנדער מאָמענט זיי אָפּגעטיילט פון זייער געבוירן-לאַנד, ווי גייע בירגער פון דער וועלט. זיי האָבן פאַרהערלעכט דעם טאָג, אין וועלכן זיי האָבן איבערגעגעבן דעם געלערנטן קעניג פון מצרים דאָס גאָלדענע בוך, געשריבן מיט גריכישע אותיות. ווארים דעמאָלט האָט

זיך באַדאַרפט אויסוויינן, אַז משה רבינו איז גרעסער, ווי פּיטאַגאָרעס.

היינט פרעגט אין דער אכסניה דער רוימישער ייד דעם ייד פון אַלעקסאַנדריע וועגן פילון: צי וועט ער ווידער אויסגעקליבן ווערן אַלס שליח צום קיסר? צי איז זיין ניי בוך, וואָס באַהאַנדלט חלומות, אָנגעשריבן פאַרגעשריטן? צי גייט ער נישט אַוועק צו ווייט און לייקנט אַמאָל נישט דאָרטן אָפּ דעם גלויבן אין די נביאים?

וואָרים דערדאָזיקער שטערן פון מחוץ-לארצדיקן יידנטום, פילון, וואָס ציילט שוין זעכציק יאָר, פאַרייניקט אין זיין תורה ביידע וועלטן, וואָס טרעפן זיך צוזאַמען איבערן נילוס, פאַרייניקט ביידע שטראָמען געדאַנקען, וואָס פליסן אין דער נילוס-דעלטע פון יענע צייטן. ער איז אַ בירגער פון דער ערשטער וועלט-מלוכה, אַ תלמיד פון צוויי קולטורן, דער חכם פון דעם פּאָרט צו וועלכן עס שווימען-צו גרויסע שיפן מיט סחורה און געדאַנקען. ער איז אומאָפּהענגיק און פריי פון נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן. און אין אָט די טעג הויבט ער אויף דעם גייסט פון די פּאָליטישע שאַפונגען ביי די העלענער און ביים פאָלק ישראל, און פון די געדאַנקען פון די נביאים און פּלאַטאָניסטן בילדעט ער זיך אויס דאָס ערשטע בילד פון אַ הומאַניטאַרן, רחמנותדיקן גאָט, וואָס מאַכט אַלע מענטשן פאַר ברידער, ווייל ער איז זייער פאָטער. ביים שיידוועג צווישן צוויי יאָרטויזנטער, אַנטפּלעקט זיך דאָ צום ערשטן מאָל פאַר די מענטשלעכע אויגן דאָס קעניגרייך פון דער מענטשלעכער נשמה.

— דער מענטש איז געפאַלן — לערנט פילון, — אָבער גאָט וויל אים ראַטעווען דורך זעלבסטדערקענטעניש און תשובה. האַלט אייך ביים גלויבן אָן אַ שבועה; לעבט צוזאַמען אין אחדות; האָט גלייכע אַכטונג צו אַלע פעלקער; שפּייזט דעם שונא, ווען ער פאַלט פון הונגער; גיט אַכטונג אויף דער פרוי, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן אין דער מלחמה; שוינט די קנעכט, די יונגע חיות און די בהמות, וואָס גייען אין שפּאַן; שוינט אַפילו אַ פרוכטבוים; רייסט אייך אָפּ פון דער מאַטעריע;

מיידט אויס פאַרוויילונגען; זוכט די איינזאַמקייט; זאָגט אייך אָפּ פון דער קערפּערליכער ליבע. ווען איר וועט אַזוי זיין, וועט אייער נשמה אויפשטיין אין באַגייסטערונג און אייער גוף וועט ווערן באַזיגט. מיידט אויס משפּטים, זייט נישט אויף די גע-ריכטספּלעצער און קומט נישט אויף קיין פאָלקס-פאַרזאַמלונגען. האַלט אייך פּשוט, גוטמוטיק, דאַנקבאַר, און גלוסט נישט צו זיין רייך און שטאָלץ. די ערד איז אונז פרעמד, דער הימל איז אונזער היים. ווער עס ווייסט דאָס אַלץ און ער טוט אַזוי, ווער עס טוט מעשים טובים און דינט גאָט, דער איז אַליין, ווי די תורה זאָגט, אַ זון פון גאָט. וואָרים גאָט האָט ליב די הכנעהדיקע און ער ראַטעוועט זיי, זיין חסד קלויבט אויס די פרומע נאָך פאַר זייער געבוירן ווערן. מיט זיין גייסט דרינגט ער אַריין אין די הייליקע נשמות און מיט זיין אינערלעכער ליכטיקייט פירט ער זיי אויסער די גרענעצן פון דער מענטשלעכער ליכטיקייט.

ו

ווען אין אַ ווינקל פון דער אכסניה זאָלן איצט זיצן צוויי עלטערע פּרושים און זאָלן זיך צוהערן צום שמועס פון דעם רוימישן מיטן גריכישן ייד, וואָלט יעדעס וואָרט, אַפילו יעדער בליק זיכער זיי שטאַרק אויפגערעגט. פון די קאָסטבאַרע מאַנטלען שטאַרן אַרויס צוויי קעפּ פון גוט דערנערטע מענטשן; איינער איז אַן אָפּגעגאָלטער רוימער, וואָס פּאַסט זיך צו צו די מנהגים פון זיין געזעלשאַפט און באַמיט זיך צו זיין צו איר ענלעך, דער אַנדערער איז אַ ווייכער מענטש מיט מילדע אויגן. אָבער די פּרושים, דאַרע און ביינערדיקע, זיי רוקן אַרויס זייערע שמאָלע קעפּ, באַוואָקסן מיט ווייסע בערד און פון זייערע פלאַמענדיקע אויגן שפּריצן זיי מיט צאָרן קעגן די גרינגשעצנ-דיקע האַלבע לאַנדסלייט, וועלכע זיי האַסן מער, איידער די אומגלויביקע.

דעמאָלט, ווען אַזעלכע מענטשן האָבן זיך פאַרנומען מיט איבערזעצן דעם תנ״ך, ווען וועגן גאָטס בונד מיט זיין פאָלק

איז קלאָר געוואָרן אַלע יידן, האָט מען זיך מיט דעם דערלויבט אויף אַ שטערבלעכער זינד! אין זייערע חדרים לערנען זיי, אַז ווען עמעצער לייענט כאָטש איין ספר פון די געצנדינער, דער וועט פאַרלירן דעם עולם-הבא. דאָס גריכישע איז אַן ענין פאַר די קנעכט און נישט פאַר די אויסגעלייזטע. דאַן האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן דער חורבן בית-שני, און דאָס וואָס די יידן זענען היינט קנעכט אַנשטאָט האַרן, איז דאָס טאַקע גאָטס שטראָף פאַר דעמדאָזיקן פאַרראַט. דידאָזיקע אויפגעקלערטע האָבן אויף שיפן אַריינגעבראַכט געפערלעכע מנהגים אין לאַנד אריין און האָבן זיי דערנענטערט כמעט צו די טרעפ פון הייליקן בית-המקדש.

די נשמה? צי מיר אַליין לערנען נישט אַנדערע וועגן דער נשמה? אָבער טויטן דעם גוף, הייסט דאָס זעלבע וואָס צעברעכן אונזער נאַציאָנאַלן כוח! וויפל קינדער האָבן געקאָנט געבוירן דידאָזיקע שלעפערדיקע אויסלענדער, וואָס נעמען זיך לגמרי נישט איבער מיט די ווערטער פון די נביאים? ווען די גאַנצע אַנטפלעקונג טראָגט זיך איבער אין דעם מענטשנס „איך", ווען מען פאַראַכט די רעאַלע וועלט, — צי טוט מען נישט מיט דעם אַ טרייסל מיט דער באַרימטער פאַרגאַנגענהייט און אויך מיט דער באַרימטער צוקונפט פון פאָלק ישראל? איצט, אין דער צייט פון אונזער קנעכטשאַפט, דאַרפן מיר פאַרטיידיקן דעם גייסט פון אונזערע אבות, די תורה און די געזעצן, וואָס קיין שום רוימער קאָן זיי אונז נישט אַוועקנעמען, אפילו פאַרן פרייז פון לעבן!

צי האָבן אונזערע אבות נישט אזוי געטון? אפילו פאָמפעיוש האָט דאָך איינגענומען די שטאָט נאָר דערפאַר, ווייל די באַלאַגערטע האָבן צוליב שבת נישט געקאָנט זיך באַנוצן מיט געווער. דעמאָלט האָט דאָס פאָלק געלעבט אין אחדות, ווייל דער גייסט פון די מכבייער האָט געשוועבט איבער אים! אָבער דעמדאָזיקן גייסט האָט צעבראָכן הורדוס.

און ביידע זקנים, וואָס זיצן איינגעקורטשעטע אינם ווינקל פון דער אַכסניה שמועסן וועגן הורדוסן דעם גרויסן, וואָס זייַנע לעצטע יאָרן געדענקען זיי נאָך פון קינדוייז. זיי געדענקען גוט דעם ביַיזן אומטרייען אדומי, וואָס האָט פאַרעטעריש

אָפּגעגעבן דאָס לאַנד דעם קאָנסול ציצעראָן, אַריינפירנדיק קיין ירושלים פּאָמפּעיוש און קראַסוס. זיי געדענקען הורדוסן, דעם זון פון אַ קנעכט, וואָס האָט פאַרסמט זיין פאָטער און ברידער, כדי פאַר געלט און אוצרות אויסצונאַרן ביי די רוימישע אוואַנטורניקעס די קעניגלעכע קרוין, וואָס ער האָט באַלד דערנאָך פאַרלוירן! וואָס האָט ער דערגרייכט אין די אַלע צענטליקער יאָרן פאַרן פאָלק ישראל?

ער האָט איבערגעשאַפן דאָס קעניגרייך ביז איבער חרמון, סיריע און אַראַביע, אויפבויענדיק שיער דעם מלכות דוד. אָבער ער האָט דאָך דאָס נישט געטון מיט דודס גלויבן, נאָר מיטן פאַרראַט פון אבשלום, מיט דער הילף פון הונדערטער מתנות, וואָס זענען געשאָנקען געוואָרן רוים. פון די טעמפּלען, טעאַטערן, בעדער, וואָס ער האָט אויפגעבויט פאַר די היידן אַזש ביז איבער פעניציע; ער האָט דאָס געמאַכט מיט דער הילף פון רוימישע גלאַדיאַטאָרישע פאַרוויילונגען, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט אַפילו דאָ, צופיסנס דער הייליקער שטאָט, כדי דערדאָזיקער באַרבאַר אַליין זאָל אַרויסרייסן ביי דער וועלט דעם נאָמען און דעם רום פאַר זיך, בעת עס איז אים נישט געקומען מער ווי חוזק און פאַראַכטונג פון זיין אייגענעם פאָלק! און הגם ער האָט אויפגעבויט אַ טעמפּל פאַר מיליאָנען, מיט גאָלד אויסגעלייגט דעם שפּיץ און מיט מירמל דעם הויף, הגם ער האָט געהייסן די טירן אויסגיסן פון קאָרינט*)-בראָנז און אַ פּרוכת אויסהעפטן פון די טייערסטע פעדים, דאָך האָט ער נישט געקאָנט באַגילדן און נישט פאַרדעקן זיינע אייגענע פאַרברעכנס! דאָס בלוט פון די דרייהונדערט אָקסן, וואָס ער האָט מקריב געווען האָט איינגעזאַפּט די ערד, אָבער דאָס בלוט פון די פונפאונפערציק פּרושים, וועלכע ער האָט געהייסן אומברענגען אין העכסטן ראַט, האַלט זיך נאָך אין איין רויכערן אויפן הייליקן אָרט, און פון דעם רוימישן אָדלער, וואָס דערדאָזיקער קנעכט און חונף האָט געהייסן אויסהענגען איבערן טויער, איז נאָך פאַרבליבן אַן אָפּדרוק פון אַ געשפּענסט,

*) קאָרינט: אַזאַ מעש פון גאָלד און זילבער געמישט, אויסגעאַרבעט אין אַלטערטום, אויף דעם נאָמען פון דער שטאָט קאָרינט.

וועלכן נישט דער זשאַווער און נישט דער רעגן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט זענען נישט בכּח געווען אָפּצוּוואַשן.

מחמת דעם, וואָס ער האָט אויפגעבויט אַ טעמפּל און געהאַט אַסאַך ווייבער, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז אַ צווייטער שלמה המלך; און ווייל ער האָט פון קלעאָפּאַטרע געקריגן פּירהונדערט לייבוועכטער און ער האָט אין זיין לייב-וואַך געהאַלטן דרוזן מיט גערמאַנער, האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער איז דער צווייטער צעזאַר. און דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן סריסים און האַנט-טרעפער, ייִנגלעך צו אויסגעלאַסנ-קייט און שפּיאָנען, אַרויסגעטרעטן אַלס רעדנער, געגעבן זיינע קינדער רוימישע נעמען, חתונה געהאַט אפשר צען מאָל און געהאַט אַ טוץ קינדער, האָט ער זיך שוין אינגאַנצן געהאַלטן פאַרן פאָטער פון פאָטערלאַנד!

צי איז דען אַ וווּנדער, וואָס באַלד נאָך זיין טויט איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אין גאַנצן לאַנד און אומעטום האָבן די זעלנער זיך אַליין געקרוינט פאַר קעניגן און גע-קעמפט איינער מיטן אַנדערן, ביז עטלעכע קלוגע מענטשן האָבן אַוועקגעשיקט שלוחים קיין רוים, זיי זאָלן אויף די קני בעטן דעם קיסר, ער זאָל מאַכן אַ אָרדנונג אין לאַנד און פאַרטרייבן די זעלבסטהערשער. מ'האָט געבעטן הילף ביי אים, דעם געצנ-דינער, קעגן די ייִדישע אויפגעקומענע לייט. ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זען דעם שמייכל אויפן פּנים פון קעניג אויגוסט, בעת ער האָט אין טעמפּל אַפּאָלינאַ אויסגעהערט דאָס געבעט פון אַכט טויזנט ייִדן און ווי אַ גענאַד זיי געשאָנקען דאָס, וואָס ס'האָט זיך אים געגלוסט „דיווידע עט אימפּעראַ!"*) ער האָט איינ-געטיילט ארץ-ישראל אויף פינף חלקים; די קליינע געגנטן אויף דער פּעריפעריע האָט ער אַוועקגעשאָנקען הורדוסעס זין, די יונגע פּירשטן וואָס האָבן זיך שטיל אָגערופן טעטראַרכן, אָבער יהודה האָט זיך תּיכּף פאַרוואַנדלט אין אַ רוימישער פּראָ-

*) דיווידע עט אימפּעראַ: טייל און הערש, פאַרשפּרייט שנאה, שאַף ריכ-טונגען און הערש איבער זיי.

זוינק און צוזאַמען מיטן שלאָס און בית-המקדש האָט דער רוי-מער געהאַלטן אין זיינע הענט דעם קערן פון לאַנד.

דיביידע פּרושים פאַרטראַכטן זיך, ווי די געפאַנגענע, איבער זייער גורל, וואָס איז זיי אָנגעצייכנט געוואָרן נאָך פאַר זייער געבורט. וואָרים דאָס פייערן פסח לענקט די געדאַנקען צום עבר און צו דער צוקונפט. צי זענען מיר נאָך דאָס אתה-בחרתנו פאָלק? שוין פון מתתיהוס צייטן אָן, אָדער שוין צוויי הונדערט יאָר, ווי עס לויכטן נישט די אורים ותומים אויפן האָרץ פון כהן גדול, כדי זיי זאָלן פונקט ווי אַמאָל אונז מו-דיע זיין, אַז גאָט איז אַנוועזנד ביים ברענגען די קרבנות. אויסלייזונג! אין דערדאָזיקער שטאָט איז אַלץ פאַרשלאָסן, אָפּ-געהיטן, באַדראָט. דער אויפשטאַנד מוז קומען פון אינעווייניק, פון צפון! דאָרטן אין גליל, אין דער שטאָט, וואָס איז דורכגעפּרעסן פון דער געצנדינערײ, וואַרטן און לערנען זיך שוין די קנאים! זיי זענען שוין דאָרטן איינמאָל אויפגעשטאַנען דידאָזיקע פיי-ערדיקע יונגעלייט גרייט צו צערייסן די קייטן פון סנעכטשאַפט. צי איז דען שוין נישט גענוג געווען דער פאַקט פון דער פאָלקס-ציילונג, אַז יהודה פון גליל זאָל אויפהויבן אַ שטורעם? ציילן מענטשן, דאָס איז אַ חרפּה! — האָט ער געשריגן, ווי אַ פרייער בירגער צו די פרעמדע איינוווינער און ער האָט טאַקע פאַרזאַמלט אַרום זיך ענטוזיאַסטישע אויפשטענדער. דער אויפשטאַנד איז געווענדעט געווען אַקעגן רוים, אָבער גלייכ-צייטיק אויך אַקעגן די יידישע רוימער, קודם כל אַקעגן הורדוסן, אַקעגן רייכטום און מאַכט. קיין שום ייד טאָר נישט האָבן קיין הערשער איבער זיך! מיר זענען פריי, גאָט איז דער הערשער איבער אונזער מלוכה, משה רבינו — דאָס איז אונזער תורה און אונזער געזעץ! אונזער גאָט העלפט נאָר די, וואָס טוען זיך אַליין אַן עצה! מיר זענען מעסערשטעכער, די סיקאַריער! מיט אַזאַ רוף זענען זיי אַרויסגעטרעטן קעגן רוימישן לעגיאָן פון וואַרוס, באַוואָפנענדיק זיך אין די געהיימע אַרסענאַלן פון גליל.

הגם ס'האָט זיך זיי דעמאָלט נישט איינגעגעבן, איז אָבער

דאָך פאַרבליבן דער פּלאַם, וואָרים אין די זין פון די געפאַלע-נע האָבן זיך צעגליט די ליידנשאַפטן ביז גאָר. זיי וואַרטן, באַוואָפענען זיך שטילערהייט, כדי מיט געוואַלט אַקעגנשטעלן זיך דעם געוואַלט. דאָס זענען שוין אַנדערע מענטשן, נישט ווי די אַזוי גערופענע הייליקע פון יענער זייט ירדן, וואָס ווילן צוריק דערווערבן דאָס לאַנד מיט תפילות און גוטס, וואָסער און טבי-לות. נאָר פון גליל קאָן קומען די אויסלייזונג.

## ז

די זון גייט אונטער אויף יענער זייט גאָלדענעם דאַך פון טעמפּל און טונקט זיך אין ים אויף מעריב. זיין לעצטער שטראַל באַגילדעט דעם טעמפּל יופּיטער, וואָס איז אין דעם ווייטן פּאַרט פון קעניגרייך אויפגעבויט געוואָרן דורך דעמזעלבן יידישן מלך הורדוס, וועלכער האָט אויך געמאַכט אַ גילדענעם דאַך אויפן ירושלימער טעמפּל. די זון איז תמיד דיזעלביקע, אָבער די געדאַנקען פון די, וואָס דאַוונען אין די בתי מדרשים, זענען שוין נישט אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי די געדאַנקען פון זייערע אבות. די אמונה ביי די מענטשן איז שוואַכער געוואָרן פון דעמאָלט אָן, זינט פון מיטללענדישן ים האָט זיך אויפגעהויבן אַ וועלט-מלוכה, און די שטערבלעכע זענען געוואָרן געטער. זעאוס, יופּיטער און יהוה זענען שוין אַ פּנים פאַרעלטערט געוואָרן, וואָרים פאַר זייער רום מוזן קעמפן מענטשן, באַזיגנדיק זייערע איי-גענע ברידער. אין רוים, אין אַלעקסאַנדריע און אַפילו דאָ באַ-קעמפן זיך די סעקטעס איינע די אַנדערע און דאָס לויטערע אַבסאָלוטע שליחות פון גאָט דערגרייכט שוין נישט צו די הער-צער פון די גאָט-זוכער. עס זעט אויס, ווי די רעליגיעס און געזעצן פון די פּאַטערס פון אַלע מלוכות, שפּראַכן און הייליקע שריפטן וואָלטן בלייכער געוואָרן, ווי דער אויטאָריטעט וואָלט זיך אַ וואַקל געטון און מ'וואָלט פאַראַכטעט די טראַדיציע. דער דונער דער-שרעקט שוין נישט אַזוי קיינעם, אַז מען זאָל זיך אַוואַרף טון אויף דער ערד, די זון האָט שוין נישט קיין פאַרערער, די

מענטשן האָבן שוין צו לאַנג געקוקט אויף די סטאַטועס פון די געטער, ביז אין זייערע הערצער איז געבוירן געוואָרן אַ פאַרלאַנג צו אומזעבאַרע געטער. אָבער אויף יענער איינציקער אומזעבאַרער גאָט, גייט פאַרלוירן אין דער פאַרמלאָזיקייט און ער ווערט אומדערגרייכבאַר אינם נעפּל פון די פאַרגאַנגענע צייטן.

אין די גרויסע פאַרבייגייענדיקע עפּאָכעס, ענלעך צום בין־השמשות, וואָס הויבט זיך איצט אָן אויסשפּרייטן איבער ירושלים, אין הונדערטער גייסטיקע שאַטירונגען, ענלעך צו די, וואָס טראָגן ליכט פון אָט דידאָזיקע פעלזיקע בערג ביז צום מיטללענדישן ים, וואַקלט זיך און עס פאַלט די צעבראָכענע ליניע פון די אַלטע און נאָך עלטערע גלויבנס, און ווען זיי וועלן פאַרשווינדן, ווי עס פאַרשווינדט דער לעצטער שטראַל, וועט זיך דאַן פון דער נאַכט אָנהויבן אויסשיילן שטערן פון חכמה און זיי וועלן מאַכן העל די פאַרלאָזענע ערטער. מיטן וועג פון די אוועקגייענדיקע געטער, רייסט זיך אַריין די פילאָזאָפיע, אָבער איין שול לייקנט אָפּ דער אַנדערער, סעקטעס באַקעמפן זיך איינע די אַנדערע, אָנשטאָט זיך צו פאַראייניקן. צי איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ לויטערע לערע? ווער איז מער פּוסט־גאַוההדיק: צי דער צאַרנדיקער סטאָיקער, וואָס זעט אויס אין זיין בעטלער־מאַנטל, ווי אַן אַסקעט, גלויבט אין גורל און פונדעסטוועגן קעמפט ער? צי דער מילדער עפּיקור, דער פאַסיווער און אַן אילוזיעס, דער הויף־לץ ביי די רייכע, וואָס האָט ליב רויק אָנצועסן זיך מיט גוטע מאכלים? ביידע פריידיקן זיי ברידערלעכקייט, זאָגן צו אַכטונג צו טון אויף די אונטערגעדריקטע, אָפּצושאַפן די שקלאַפעריי. גיט די מלוכה, וואָס איר קומט, זי וועט אייך אָפּגעבן לויט אייער אַרבעט און לויט אייערע פאַרדינסטן; וואָס שייך גאָטס קעניגרייך איז עס אָפן פאַר אַלע אָן אונטערשיד פון פאַרדינסט און כּחות, קודם כּל פאַר די ליידנדע און פאַר בעלי־תשובות.

פילון זאָגט, אַז דער מקור פון אַלדאָס שלעכטס געפינט זיך אינם האַרצן פונם מענטשן, אַז דער גוף איז זינדיק און אין

אַ תּפיסה פאַר דער נשמה, אַז אַלע מענטשן זענען ביי גאָט גלייך און זיי בענקען נאָך אַן אייביק לאַנד. ווי ענלעך דאָס איז צו דער לערע פון הילל, וואָס האָט געלערנט דאָסדאָזיקע נאָך מיט צוויי דורות פריער, און ער איז געווען אַ פּרוש, גרויס פאַר אַ מוסטער פון מעשים: ער האָט אָוועקגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט און געלעבט, ווי ער האָט געלערנט: „פריי דיך נישט, ווען דיין שונא וועט פאַלן, כדי גאָט זאָל נישט זען דיין שלעכטס און זיך דערצערנען אויף דיר. רעכן דיך אַריין צו די אונטערגעדריקטע און נישט צו די אונטערדריקער. געטרוי דיר נישט ביז צום שטאַרבן." און דאָן האָט ער אַלץ צונויפגענומען אין איין זאַץ און אָנגערופן אים דעם גרונט-געדאַנק פון יידנטום: „טו נישט דיין חבר דאָס, וואָס דו וואָלסט נישט געוואָלט, אַז מ'זאָל עס דיר טון". און מיט טויזנט מייל וייטער, האָט עפּיקור געשריבן: „ס'איז אָנגענעמענער צו טון גוטס, ווי צו געניסן פון גוטן".

און דאָך האָט עקזיסטירט אַ קעגנערישע וועלט: הילל'ס אייגענע תּלמידים, די שטרענגסטע פּרושים, האָבן געפילט אַ פאַרלאַנג צום לעבן. אויב גאָט איז געווען אַ שטרענגער מאָנאַרך, אַ רחמנותדיקער פאָטער צו זיינע אונטערטעניקע, האָט ער גע-הערשט מיט דער גוטער וועלט, נישט פּראַקטעט רייכטום און געניס און ער האָט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן זיך פרייען מיטן לעבן. די ריינקייט, וואָס די תּורה הייסט אָפּהיטן, דאָס יאָ, אָבער לפּחות נישט דער אַסקעטיזם, חתונה האָבן אין די יונגע יאָרן, כדי צו האָבן אַסאַך קינדער, פרויען און ווייַן, אויב די תּורה הייסט נאָר, וואָרים אין תּלמוד ווערט געברענגט: „דער גן-עדן געהערט צו די, וואָס גיבן זייערע חברים אַ געלעגנהייט צו פרייען זיך".

אָבער אויך דידאָזיקע לערע האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען. פאַרוואָס, האָבן געפרעגט טייל נביאים, ברענגט מען דעם הייליקן, אומזעבאַרן גאָט בלוטיקע קרבנות? אויב גאָט האָט אַליין אויס-געווײלט זיין פאָלק, טאָ פאַרוואָס שלאָגט ער עס און האַלט עס אין קנעכטשאַפט? צי דאַרף דאָסדאָזיקע פאָלק אָפּקומען אַ

שטראָף ? און אפשר וויל ער שוין נישט דעם פאָלק העלפן ? צי איז אַ גריך דען נישט מאָראַלישער און פרייער, ווי דער ייד ? וואָס איז אייביק פאַרפאָלגט דורך די געזעצן ?

און אויך די שפּראַך טוט דאָס איריקע. שוין אין דער צייט פון פאַרטרייבונג האָט זי געמאַכט אַן איינברוך אין דער פעס-טונג פון דער שטאָלצער אָפּגעזונדערטקייט ביים פאָלק ישראל. און איצט זיצט זיך אַזוי אָט דער רוימישער גובערנאַטאָר אויף זיין אַמט און שמועסט זיך אויס מיט די יידן אויף גריכיש, ראָסזעלביקע קומט פאָר מיטן רוימישן ריכטער, די קויף-און פאַרקויף-אָפּמאַכן ווערן אויסגעשטעלט אויף גריכיש, די כּהנים און יועלטלעכע, די האַנדווערקער און אפילו די פרויען מוזן זיך פאַרשטענדיקן מיט די לעגיאָנען; נאָך מער, די תּורה אַליין הויבט ביסלעכווייז אָן אָפּצוטרעטן פאַר אַ פליסיקערע איבערזעצונג. אויף אַלע זייטן פלאַצן די שוץ-ווענט און דורך די שפּאַרעס רייסן זיך וואָסאַמאָל מעכטיקער אַריין די כוואַליעס פון מעריב.

אין אָט אַזאַ כאַאָס, האָט די שטרענגסטע פּאַרטיי, די פּרושים, פאַר אַ פליכט אָפּצוהיטן די ריינקייט פון דער תּורה און די מנהגים. דידאָזיקע פליכט ווערט ביי זיי אַ ליידנשאַפט. אַלץ אין דעמדאָזיקן לאַנד קומט זיי אויס הייליק: די ערד, ווייל זי גיט פון אירע פּרוכטן דאָס מעשר; זייען, ווייל מ׳וואַרפט אַוועק אַלדאָס אומריינע; די שטאָט, ווייל זי גיט יעדן טאָג אַ קרבן און אויך דערפאַר, וואָס אינדערהויך וווינט גאָט אַליין. אין זיין קדשי-קדשים. ווען דאָס פאָלק וואָלט שטרענג אָפּגעהיטן די דינים, וואָלט דער גלויבן צוריק אומגעקערט די פרייהייט און גאָטס קעניגרייך וואָלט געוואָרן אַ פּאָליטישע מאַכט. פּונקט ווי עס איז אַמאָל איינגענומען געוואָרן מצרים, בבל סיריען, אַזוי וואָלט מאָרגן געקאָנט איינ-גענומען ווערן רוים !

און דערפאַר דאַרף מען לעבן אָפּגעהיטן, אָפּהיטן די מנהגים, יעדן יום-טוב און די תּעניתים, מאַכן אַן אונטערשיד פון די מאכלים, וואָס מען מעג און וואָס מ׳טאָר נישט, צווישן חמץ און מצה, וויסן, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ שופר און וואָס אַ לולב, געטריי אין אָפּהיטן די דינים פון מילה, חופּה וקידושין און ווידוי

ביים שטאַרבן. קודם כּל דאַרף מען אין די קינדער איינזאַפּן תּורת משה: אַ דריי יאָריק קינד זאָל דער טאַטע שוין אויס־לערנען די מנהגים ביים טיש, די מלמדים און די רביים זאָלן אים אויסלערנען דאַוונען און דעם שולחן־ערוך. דידאַזיקע מלמדים און רביים ווערן דורך אַלעמען געשעצט, וואָרים זיי נעמען נישט קיין געלט, טרייבן אַרויס דיבוקים און דערציילן משלים, און אויף יעדן ספק און אפילו יעדער שעה קאָנען זיי אָנווייזן די ריכטיקע שטעלן אין תּנ״ך, אָדער אין תּהילים.

אין אַזוינע צייטן און אין אַזאַ וועלט פון צעמישטע גע־דאַנקען, וואָס גייען פאַרלוירן אין נעפּלדיקע חלומות, מוזן זיי קלאָר און אָן מיסטיציזם פאַרגעטערן דאָס אות. זיי גלויבן. אַז דאָס אות וועט געזונט מאַכן די וועלט. דאָס אות וועט זיי ברענגען צו אונטערגאַנג.

## ח

און ווידער איז נאַכט אויסגעשפּרייט איבער ירושלים. דער יום־טוב איז שוין נאָענט, די שטאָט איז פול מיט טויזנטער עולי־רגלניקעס, זי וואַכט, און איר דערוואַרטונג מאַכט פול די הערצער מיט אַ זעליקער אומרויקייט. וועגן וואָס טראַכטן די פרומע ביי די היינטיקע אָוונט־תּפילות? פון וועלכע נביאים לערנען זיי היינט ביי די חלבנע ליכטלעך, איידער זיי ווערן אַנטשלאָפן? דניאלס נביאות! פיר גרויסע, בייזע בעסטיעס וועלן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, דאָס זענען די וועלט־מלוכות: דאָס מלכות פון בבל, אַלעקסאַנדריע און סיריען, וואָס האָבן אונ־טערגעדריקט גאָטס פאָלק און זענען דערנאָך אומגעקומען. „דאָס פערטע וועט זיין פון אייזן, מיט אייזערנע ציין און גרויסע נעגל, וואָס וועט אַלץ אויפפרעסן און צעטרעטן״. דאָס איז רוים, וועגן וועלכן עס האָט נביאות געזאָגט דניאל, דער גרויסער נביא, וואָס איז דאָ אַהערגעקומען מיט יהודה המכבי, דעם באַפרייער! אָבער שפּעטער וועט דער פאָטער פון הימל שאַפן אַ קעניג־רייך, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרטיליקט ווערן און קיין

שום אַנדער פֿאָלק וועט שוין דעריבער נישט הערשן. און אויף די וואָלקנס וועט זיך באַווייזן עפּעס פּונקט, ווי אַ מענטשן-זון. ער וועט איבערנעמען פֿון גאָט די מאַכט אויף הערשן איבער די פֿעלקער פֿון דער גאַנצער ערד.

מענטשן-זון! די עלטערע האָבן נישט אַזוי גערעדט, אָ-בער דאָך האָט דאָסזעלבע באַלעבט זייערע אַלע געדאַנקען און ווערטער. וואָרים זינט דאָס פּראַכטפֿולע מלכות דוד, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון לבנון ביזן נאָכן רויטן ים, איז זיך צעפֿאַלן, האָבן אַלע נביאים געזען, אַז פֿון דוד המלכס שטאַם וועט אויפֿשטיין אַ נייער מעכטיקער מלך איבערן פֿאָלק ישראל. „גאָט וועט איבערפֿלאַנצן קיין ציון אַ צווייגל פֿון אַ צעבראָכענעם צעדער-בוים". וואָס וועט ער ברענגען דערדאָזיקער אויסלייזער, מלחמה, צי שלום? צוערשט האָבן טייל נביאות געזאָגט, וועט גאָט אָנ-הויבן אַ גרויסע מלחמה פֿון ציון און געווינען זי פֿאַר זיין פֿאָלק. „דאַן וועל איך אַרויפֿלאָזן מיין גייסט אויף יעדער קער-פּערלעכקייט, זייערע זין און זייערע טעכטער וועלן זאָגן נביאות, די זקנים וועלן זען חלומות און די בחורים וועלן האָבן וויזיעס. אין יענעם טאָג וועלן די בערג פֿליסן מיט האָניג און די קליי-נע בערגלעך — מיט מילך, און די טייכן פֿון יהודה וועלן פֿול ווערן מיט וואַסער, וואָרים אַ קוואַל וועט זיך עפֿנען פֿון אייביקנס הויז." אָט אַזוי האָבן דרייסט און צופֿרידן געזונגען די אַלטע נביאים.

אָבער שוין זכריה האָט נאָר געזען דעם אָנקומענדיקן מלך פֿון שלום. „פֿריי דיך, פֿריי דיך, ציונס טאָכטער! שריי אויס, טאָכטער פֿון ירושלים! אָט קומט צו דיר דיין מלך, דער גערעכטער, זיגעריש און פֿול מיט גוטס, ער רייט אויף אַן אייזל, אויף אַן אייזעלע. דאַן וועט ער פֿאַרניכטן די וואָגנס פֿון אפֿרים און די פֿערד מיט די מלחמה-וואָגנס פֿון ירושלים און ער וועט באַשענקען די פֿעלקער מיט שלום, הערשן וועט ער פֿון איין ים צום אַנדערן און פֿון אַ טייך אַזש ביז צום סוף פֿון דער וועלט".

דאָסזעלביקע האָט מיט הונדערט יאָר צוריק אויך נביאות

געזאָגט הירקאַן, וואָס האָט געזען אַ ווייסן אָקס מיט גאָלדענע הערנער אַריינגיין אין בית-המקדש אַריין ווי אַ פּאַטריאַרך. נאָך אין הורדוסעס צייטן האָט געזונגען אַ פּסאַלמיסט: „קוק אַראָפּ, האַר, און וועק זיי אויף זייער מלך, דער זון פון דוד, אויף דער צייט, וואָס האָסט באַזאָרגט דיינע קנעכט, אַז ער זאָל הערשן איבערן פאָלק ישראל". ווילאַנג איז עס דען, ווען די עגיפּטיש'ע סיבּיליע האָט געזען דעם אָנקומענדיקן אויסלייזער?

ווער וועט דאָס זיין דערדאָזיקער אויסלייזער? יעדער נאַכט נאָך די צונויפגעשטעלטע פּלענער פרעגט זיך יעדער שאַרפזיניקער געדאַנק פון די פּרושים אָט דידאָזיקע פראַגע. צי לעבט ער שוין און אָטעמט ערגעץ-ווו צווישן פאָלק יש-ראל? וואָס וואָלט אַזוי געווען, ווען עס זאָל זיך אַזוי אָפּזוכן אַ חוצפּהניק, ווי אַסאַך נאָך הורדוסעס טויט, און ער וואָלט זיך אָנגעגעבן פאַר דעם דערוואַרטעטן? אומעטום איז דאָך פול מיט די שקרנים, וואָס זענען גרייט צו פאַרפירן דאָס פאָלק. זיי נאַרן מיט ספרים פון כשוף און מיט היילן קראַנקע, גליל איז פול מיט די אַליינבאַרופענע, וואָס ווילן פאַר יעדן פּרייז דער-גרייכן צו דער מאַכט, און פון יענער זייט ירדן זיצן די אומע-טיקע אסיים, היטן אָפּ מאַרגן-טבילות, פאַרגיסן טרערן אין ירדן אַריין און זיי שרייען, אַז דאָס קעניגרייך פון דער נשמה איז נאָענט. ווי דעם פאָלק, אויב אַזאַ בונטאַר, אָדער אַזאַ היצקאָפּ מיסברויכט מיט דער שטים פון נביא, נעמט פאַר זיך צו מיט חוצפּה די אויפגאַבע פון אַלמעכטיקן, כדי אונטערצו-רייסן די וויכטיקייט פון די געבאָטן! ווי דידאָזיקע פאַררעטער! ניין, ס'איז נאָך נישטאָ אַ נייער יידישער מלך צווישן די לעבעדיקע!

אַזוינע האָפנונגען און ספקות מאַכן ביינאַכט פול די הערצער פון די מאמינים. אָבער אויך יענע וועלטלעכע עולי-רגלניקעס חלומען וועגן אויסלייזער. אַפילו די פּאָעטן אין דער צייט פון קעניג אויגוסט, ווירגיליוש און האָראַצי, וועלכע מ'האָט געלייענט אין רוים, זענען וואַרשיינלעך אויך מבשר אַ גאָלדענע עפּאָכע, וואָס איז שוין נאָענט און וואָס וועט ברענגען שלום

אויף דער ערד! טייל זאָגן נביאות, אַז איצט איז רוים גליקלעך און זי הערשט איבער דער וועלט; אָבער דניאל איז נישט קיין פאַרפירערישער נביא און אַ גליקלעכער שליח פון פאָלק. אָבער פילון זעט אויף די וואָלקנס „אַ געטלעך געשטאַלט, וואָס פירט צונויף אַלע יידן אויף איין אָרט פון דער ערד, ער בעט פאַר זיי ביי גאָט און גאָט איז מוחל. דאַן וועלן צוריק אויפשטיין די חרוב געוואָרענע שטעט, מדבריות וועלן ווערן באַוווינט, דאָס אומפּרוכטבאַרע וועט ווערן פּרוכטבאַר!"

די נאַכט איז אויסגעשפּרייט איבער די עזרות פון בית־המקדש. די געשטאַלטן פון די כהנים באַוועגן זיך שטיל, האַלב פאַרשלאָפן און האַלב וואַך. זיי האָבן פאַרגעסן אין די רוימישע זעלנער, אין זייער היטן און אין דעם גורל פון דער קנעכט־שאַפט. בקרוב איז שוין פסח און אַלע געדאַנקען זענען דורכ־גענומען מיט דער מעלאָדיע פון אָנקומענדיקן אויסלייזער.

דאָס גאַנצע שלאָפנדיקע ירושלים חלומט וועגן אַ משיח.

ערשטע קאַפּיטל

# דאָס שליחות

## א

אין גראָז, אויף אַ באַרג, וואָס איז באַלויכטן געוועז מיט קרומע שטראַלן פון פרימאָרגן, ליגט אַ ייִנגל און קוקט זיך איין אין בלויען הימל. מ׳קאָן אים אָננעמען פאַר אַ פּאַסטוך, וואָרים נאָענט פּאַשן זיך שעפּסן, און אַרום איז זייער שטיל. אַ שורה בערגלעך לאָזט זיך מילד אַראָפּ אין טאָל. אַרום און אַרום איז פּוסט אָן מענטשן און דאָס ייִנגל וואָלט דרייסט געקאָנט שלאָפן, ווייל ער וואָלט סיי־ווי לייכט אָפּגעזוכט זיין טשערעדע. אָבער דאָס ייִנגל איז וואַך און די שעפּסן זענען נישט זיינע. שבת באַגינען האָט ער ליב אַרויסצוגנבענען זיך פון שטוב, אין וואַרשטאַט איז רו, ער דאַרף נישט העלפן און ער האָט אַ פרייע שעה פון שחרית ביז צו גיין אין בית־המדרש אַריין. אַליין אויף אַ באַרג מיט די אויגן צום הימל — אָ, וואָס פאַר אַ גליק!

וואָרים איבערן באַרג אונטער די וואָלקנס זיצט דער גרויסער גאָט. פאַרשטייט זיך, אַז מ׳קאָן אים נישט זען, ווייל אויך משה רבנו האָט אים נישט געזען מער ווי איין מאָל, און נאָר טיילמאָל האָט ער זיך באַוויזן צו די גרויסע נביאים. אָבער דאָ פילט זיך זיין ווייטע נאָענטקייט. ווען דער ווינט בלאָזט פון ים און ער בויגט אויס די וואָרצלען פון די אַלטע אייל־ביימער, אַז זיי טון אַזש קנאַקן; ווען דער טייך, וואָס איז פול נאָך די פרילינגס־רעגנס, מישט זיך אויס מיט אַ גרעסער גערויש — מיטן געוויין פון די שעפּסן; ווען די ווייסע וואָלקנס אין דער צפונ־דיקער ווייטקייט קומען זיך צונויף איבערן שפּיץ פון חרמון און נעמען אים אַרום — דאַן הערט מען תמיד דאָס קול פון

גאָט, וואָס איז אַ גאָט פון בערג און האָט פיינט די גליי-
כע ערד.
דאָ געפינט מען זיך, ווי אין סאַמע מיטן פון דער וועלט
און מ'זעט גוט אַלע בערג: זער קיילעכדיקער תּבור פון דער
לינקער זייט איז זייער נאָענט, אויף דער רעכטער זייט זעט
מען די בערג פון שומרון און אין סאַמע סוף — דעם שפּיציקן
כּרמל, משופּעדיק, ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין ים אַריין;
אויפן תּבור איז ער שוין געווען, אָבער ער איז נאָך נישט גע-
ווען ביים טייך, וואָס געפינט זיך אונטער אים, און צי ער
וועט זיך ווען ס'איז אַריינקריגן אין דער האָפן-שטאָט, דאָס
ווייסט ער נישט. עס ציט אים עפּעס גאָרנישט אַריין דאָרטן.
וויפל מענטשן האָבן זיך שוין אָנדערציילט וועגן שיפן און שטעט
און אויך וועגן פעלקער, צו וועלכע איינס געהערט יאָ און דאָס
אַנדערע האָט מען ביי זיי אָפּגענומען. דעם יינגל זעט עס
אויס, ווי די דערציילונג וועגן דעם אַלעמען, וואָלט נאָך גע-
קלינגען אין זיינע אויערן.
ס'איז דאָ שיין, דער מאָך איז ווייך, די פייגנבוימער
גיבן אַרויס פּונקט אַזויפיל שאָטן, אַז מ'דאַרף נישט האַלטן
פאַרמאַכט די אויגן, און אויך מיט די דערנער גיט מען זיך
אַן עצה. ווי נאָענט עס קומט צו דער לוסטיקער פויגל און ער
האָט גאָרנישט קיין מורא! ווען די פאַסטוכער פאַרברענגען דאָ,
שמועסן זיי נישט, און אַלע בהמות זענען שטיל און איבערגע-
געבן, זיי פּאַשן זיך ווי אין אַ פאַרחלומטקייט. ס'איז זיכער,
אַז גאָטס רחמנותדיקע אויגן קוקן אויף זיי, הגם זיי קענען
נישט צו אים מתפּלל זיין; ס'איז זיכער, אַז ער זעט דעם
פייגנבוים און ז'אָס יינגל, וואָס זיצט אונטער אים, וואָרים ער איז
אומעטום.
און אונטן אין שטעטל, וווהין ער קערט זיך איצט אום
צוריק, ווייל עס איז שוין צייט, אין נצרת מיט אירע ווייסע
הייזער, רעדן אַלע אַזויפיל וועגן גאָט און וועגן זיין בית-
המקדש און וועגן דעם, אַז דאָס לאַנד יהודה איז אויסגע־ריסן
געוואָרן ביים פאָלק ישראל, און די היידן הערשן איבער גאָטס

פאָלק, אַממייננסטן רעדן די גבירים און אויך די סופרים הערן נישט אויף וועגן דעם צו רעדן. פאַרוואָס גייען זיי אין די הייזער פון די אָרעמע און געבן אַכטונג, צי זיי דאַווענען מיט התמדה? אומרויק קוקט זיך אום דער טאַטע, דער טשעסלער אין וואַרשטאַט, בעת עס קומט אַהין אַריין צו אים איינער פון די פרושים, ווייל ער ווייסט, אַז ער וועט ביי אים אַסאַך צייט צונעמען, ער וועט באַקוקן די שיסעלעך, די טעפלעך, די ווענט פון שטוב, ער וועט נאָכזען צי אַלץ איז ריין און אויפן אמתן אָרט לויטן שולחן-ערוך; דאָס פאַרנעמט אַ שעה צייט און דערווייל איז אַ שטול נישט פאַרטיק. די תורה איז שיין, יאָ, אָבער ווען דער טאַטע האָט נעכטן געלייענט דעם ספר דניאל, זענען די שוועסטער אַנטשלאָפן געוואָרן, און די מאַמע איז געזעסן עפּעס ווי פאַרשטייפט. ער הויבט אָן טראַכטן וועגן די ברידער און וועגן די שוועסטער, די יונגערע פון אים, וועגן דער שטרענגער שפּראַך פון טאַטן און פון דער מאַמען און וועגן דעם, וואָס ער קאָן צוליב זייערע שטרענגע ווערטער קיינמאָל זיך נישט פאַרטראַכטן טיף און ערנסט וועגן גאָט.

ווען ער קומט אַהיים, זענען שוין אַלע גרייט צו גיין דאַווענען, זיי זענען אָנגעטון אין רייכע מלבושים; די מאַמע האָט זיי נעכטן אויסגעוואַשן. אין דער טונקעלער שטוב פון דעם אָרעמען ליים-הייזל, אין וועלכער אַלע עסן און שלאָפן צוזאַמען, שטייט דער טאַטע, וואָס נעמט צונויף זיינע יום-טוב-דיקע מלבושים און דאַן גייען זיי אַלע אַרויס. דאָס יונגסטע טראָגט די מאַמע אויף דער האַנט. דער וואַרשטאַט, וואָס שטייט ביי דער טיר, איז אויפגערוימט, אָבער אינעווייניק איז אַלץ אָפן, ווייל ווער וואָלט שבת געגאַנגען גנבענען און וואָס קאָן מען דאָ אַרויסגנבענען?

זיי גייען פאַרביי דעם ברונעם; דאָס איז אַן אַלטער שטיינערנער וואַסער-רעזערוואַר, לעבן וועלכן ער זעט יעדן באַגינען די מוטער מיט אַ קריג אין האַנט. דאַן גייען זיי פאַרביי אַסאַך סעדער, מיט וואָס די גבירים רינגלען אַרום זייערע הייזער, כדי עס זאָל זיין שאָטן און קילקייט. ווי שיין אַלץ צעוואַקסט זיך

אין דעמדאָזיקן קוואַל-רייכן הויכן טאָל! הויך רייסן זיך אַרויף די אַלטע ציפּריסן, מיט אַן עטוואָס אויסגעקרומטן שפּיץ, און די טייטלבוימער דערגרייכן כמעט צו זיי מיט זייער הויכ-קייט; די ווייַנשטאָקן זענען צעשפּרייט כמעט אויף אַלע זייטן און דאָס רויטע בליעכץ פון מילגרוים בליט אַרויס פון די העל-גרינע בלעטלעך. אָבער פון פאָרנט פאַר די סעדער זענען געפּלאַנצט דערנער, כדי קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן אַרייַנ-צוגיין אינעווייניק. און מחמת דער שטויב האָט זיי באַשיט, אַז ס'איז זיי שווער צו דערקענען, שטעכט זיך אָן זיי יעדער דורכגייער און די קינדער שרייען, ווען עס טרעפט זיך מיט זיי אַזאַ פאַל.

אינדעם זעט דאָס יינגל די פייַנטלעכע בליקן, וואָס פאַלן אויף די אויסגעפּוצטע הייזער און זייערע קאַלאָנעס, ווייל ער לייגט אַכט אויף אַלעמען, וואָס עס עפּנט פאַר אים די נשמה פונם מענטשן. אָבער ער פאַרשטייט נישט די בליקן, ווייל עס איז אים נאָך קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז ער אַליין וואָלט געקאָנט לעבן, ווי עס לעבן די רייכע. צי איז דען נישט גענוג, אויב מ'האָט פרישע ציגן-מילך, שעפּסן-קעז און פייגן? צי האָט אַ טשעסלער אַ קלענערע באַדייטונג ביי גאָט, ווי אַ למדן? ער האָט דאָך געהערט וועגן אַסאַך בעלי-מלאכות, וואָס האָבן זיך געפונען צווישן די פּרושים. ער וואָלט זיך באַגראָבן פאַר חרפּה, איידער ער וואָלט זיך דערוועגט אין בית-המדרש צו פאַרנעמען אַן אָרט אויף דער מזרח-וואַנט, וווּ עס זיצן די פאַרנעמסטע לייט.

די טאַטע-מאַמע זענען זיך זייער מצער, הלמאי זיי קאָנען נישט עולה-רגל זיין קיין ירושלים, אָבער אַזאַ דרייטאָגיקע רייזע איז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. וועגן דערדאָזיקער שטאָט האָט אים דערציילט דעם שכנס זון, וועמען די עלטערן האָבן יענץ יאָר מיטגענומען אַהין: ווי רייך און מיט גאָלד באַצירט עס איז דער בית-המקדש פון הורדוסן, ווי גרויס עס איז דער קרבן-עולה אויפן מזבח, ווי פּרעכטיק עס איז דער מאַנטל פון

כהן-גדול און וואָס פּאַר אַ גערויש עס האָט געהערשט אויף די גאַסן.

אָבער ישון ציט נישט צו פאָרן אַהין אויך נישט צו זען דאָס בית-המקדש.

ב

טרעפּ פירן זיי אַרויף צו אַ לאַנג קאַלט הויז, אין וועלכן עס גייען אַריין די עלטסטע זין מיטן פאָטער, וואָרים די מוטער גייט אַריין אין אַ באַזונדערן חדר, וואָס איז באַשטימט ספּעציעל פאַר ווייבער. ווי די מענער שטופּן זיך דאָס, בעת זיי שמועסן און פירן וויכּוחים! אויבן-אָן אויף אַן עטוואָס אויפגעהויבענעם שטול, דאָרטן ווו עס שטייט דער ארון-קודש מיט די ספרי-תורות, באַפעלט דער בעל-קורא צו זיין שטיל און אַלע זענען מתפלל שטייענדיקערהייט. דאַן פרעגט ער, ווער פון די מתפללים וויל היינט לייענען די תורה. פון אַ באַנק אינמיטן, שטעלט זיך אויף אַ קרעמפּער ווייסבערדיקער מאַן אין אַ קאָלירטן זיידענעם מאַנטל, מיט אַ טוך אויסגעזעצט מיט שטיינער. ער גייט-צו צום בעלעמער, ווו אַלע מאַכן אים אָן אָרט, און מיט אַ זינגענדיק קול הויבט ער אָן צו לייענען. ער איז איינער פון די רייכסטע יידן אין שטאָט, אַ למדן, קיינער קאָן זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן ביים שענקען נדבות, וואָרים ער קען שענקען אַזוי, אַז אַלע זאָלן זעען. דאָס איז אַ מענטש אָן אַ חטא, תמיד דער ערשטער אין גאָטס הויז און דער לעצטער, וואָס איז מתפלל ביי דער שיין פון די ליכט; תעניתים היט ער אָפּ שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע; די גרויסע צאָל קינדער, וואָס ער פאַרמאָגט, דערציט ער אין יראת-שמים און אויפן בית-המקדש און פאַר אָרעמע שענקט ער מער ווי מעשר: אַ מוסטער און אַ ביישפּיל. און דאָך האָט אים קיינער נישט ליב, ווייל אין גרונט גענומען האָט ער אויך קיינעם נישט ליב.

מיט אַ געפּיל פון פאַרדרוס שטעלט זיך דאָס יינגל אויף די שפּיץ פינגער, ער קוקט זיך אַרום איבערן לאַנגן זאַל צווישן

די גרויסע צאָל קעפּ ביז צום בעלעמער: ער האָט נישט ליב אויסצוהערן די פייערדיקע ווערטער פונם מויל פון דעמדאָזיקן דיקן צדיק. אָבער תיכּף ווערט ער בייז אויף זיך אַליין, דער־דאָזיקער מענטש האָט דאָך קיינעם נישט געטון קיין שלעכטס און ער היט אָפּ אַלע דינים. דער טאַטע האָט איב געהאַלטן פאַר אַ גוטן מענטשן, ווייל ער האָט אים אַמאָל באַצאָלט פאַר אַ טיר מער, ווי ס׳איז אים געקומען. פאַרוואָס קומט ער דעם יינגל אויס אַזוי פרעמד? און ווען עס הויבט זיך לסוף אָן אַ וויכּוח, וואָרים די פאַרזאַמלטע זענען נישט מסכּים מיטן אויס־טייטשן פונם פאָרליינער, ווען זיי הויבן אָן זיך צו חקרנען וועגן וואָרט „משיח״, צי דאַרף דאָס הייסן דאָסזעלביקע, וואָס „גאָטס זון״ און „בן-דוד״, בעת עס פאַלן וואָסאַמאָל שאַרפערע ווער־טער און יעדער איינער ברענגט עפּעס אַ פּסוק פון דער תּורה, כּדי אונטערצוהאַלטן זיין מיינונג, — דאַן ווערט דעם יינגל קאַלט און הייס, ער האָט חשק צו ראַטעווען די אוצרות פון זיין הארץ, עס ווילט זיך אים אַנטלויפן פון בית-המדרש דאָרטן אַהין, וווּ דער שטיפערישער פויגל גייט-צו צו אים אַזוי נאָענט און וווּ דער טייך רוישט אַזוי היימיש, וווּ איבערן קאָפּ האָבן זיך גע־צויגן וואָלקנס און וווּ דאָס אויג איז אַרויס אויסער זיי, זינ־קענדיק אין דער בלויקייט פון הימלישן קעניגרייך.

נאָכמיטאָג זיצן די קינדער ווידער אין קאַלטן חדר, אַלע אין איין ראָד, יעדער פון זיי האַלט אין דער האַנט אַ באַשריבן בלעטל און טייטלט מיט די פינגער פון אות צו אות, און אין אינמיטן ראָד זיצט דער רבי און לערנט זיי אָן אות נאָך אַן אות. פּאַמעלעך שאַפן זיך פון די אותיות ווערטער, פון די ווער־טער פּסוקים און די יינגלעך טוען אַלע צוזאַמען מעכאַניש זיי אויסזינגען. דאָס איז די איינציקע שול אין זייער לעבן. אויב עמעצער טוט נישט גוט אַכטונג, שלאָגט אים דער רבי, אָבער דאָס לערנען איז טאַקע גאָרנישט לייכט. ווייל רעדן רעדן זיי אַנדערש און לייענען הייסט מען זיי אַנדערש. דאָ, אין דער באַר־ביקער זייט לאַנד רעדן זיי מיט אַ געמישטער שפּראַך און מיט זייערע אַראַמישע קלאַנגען ווערן זיי אויסגעלאַכט אין גאַנץ

ארץ־ישראל. דאָסזעלביקע געשעט מיט די בערג־איינוווינער אויף דער גאַנצער וועלט. אָבער ישו ווייסט וועגן דעם גאָרנישט, אַז אַנדערע רעדן אַנדערש, און אַט ענדיקט זיך דאָס לערנען, אַלע זענען צופרידן און זיי צעלויפן זיך אויף אַלע זייטן.

און אויף דער גאַס קאָן מען זיך צוקוקן צו אַסאַך זאַכן. דאָ איז אַן אמתער מאַרק פון פעלקער, וואָרים אַלץ, וואָס קומט אָן פון אַנדערע לענדער אין האַפן עכו סיי אין סחורה און סיי אין מענטשן, כדי אָנצוקומען אין מיטן לאַנד פון ווייטן צפון, צום פירשט פון טבריה און ווייטער צו די סיריער אין דמשק, מוז אַלץ דורכגיין דורך נצרת. די קינדער זען די קעמלען און די פערד, די אייזלען און די וואָגנס, די זעלנער און די סוחרים מיט זייערע ווייבער און קנעכט. בעת די רייזנדער בלייבן שטיין, כדי צו פאָשן זייערע בהמות, שטייען די קינדער און קוקן זיך צו. ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט לערנען זיי זיך אויס עטלעכע גריכישע ווערטער, ווייל אין צפוריה, דאָס נאָענטסטע שטעטל, וואָס ליגט דריי שעה גאַנג פון נצרת, געפינט זיך מער היידן ווי יידן.

און פון מזרח קומען אָן פעניציאַנער סוחרים, אַראַבישע געלערנטע, און אונטער זיי גייען מענטשן ווילדע, פרעמדשפּראַכיקע אַוואַנטורניקעס, וואָס זענען ביז איצט געווען קנעכט ביים פירשט און איצט ווילן זיי זיך אומקערן צוריק אַהיים אויף יענער זייט ים. אָבער ווי מען דערהערט נאָר קולות און צונג־מענישן, ווען מ׳קלאַפּט מיט די פיס און עס לויפן באַפעלן, ווייסט מען שוין, אַז דאָס זענען זעלנער געשמידט אין אייזן, מיט קורצע שווערדן, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון אַסאַך לענדער פאַרן קיסר אין רוים. עס זענען פאַראַן צווישן זיי טונקעלע און העלע, שלאַנקע און דיקע, און בעת אַלע יידן דרייען זיך אַוועק פון רוימישן הערב, כדי זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן בוקן צום אָפּגאָט, דרייען זיך די קינדער אַהין און אַהער און באַמיען זיך ווייניקסטנס אַ קוק צו טון דורך די פינגער, וואָס פאַר אַ שלעכטס עס קאָן זיך דאָס געפינען אין דידאָזיקע פאַרבאַטענע בילדער.

דערדאַזיקער אומאויפהערלעכער צופלוס פון היידן פון אַלע זייטן וועלט, וואַרפט אַן אויף די מענער אַ מורא און אַ טרייסט גלייכצייטיק. זיי רעדן וועגן דעם אומאויפהערלעך, און ווען דאָס פאַרטראַכטע ייִנגל זעצט זיך אַוועק אין אָוונט פאַר דער שוועל לעבן זיין טאַטן און הערט אויס, ווי ער שמועסט זיך אויס מיט אַ שכן און ער באַקלאָגט זיך אויף די שלעכטע צייטן, דאַן ווערט ער געוווּיר וועגן אַסאַך זאַכן און ער פאַרשטייט בעסער דאָס, וואָס ער זעט אויפן גאַס. ער קריצט זיך דאָס איין אין זכרון, ווי דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס ער האָט געזען אַמאָל, שטייענדיק אויפן באַרג און נאָך עטלעכע הונדערט מיילן ווייטער, האָט אַמאָל געהערט צו די יידן, ווי די רוימער האָבן אַלץ צוגערויבט און אָט מאָנען זיי זיך נאָך איצטער מס און צאָל. דורך שרפות האָבן זיי אַמאָל איינגענומען גאָטס הויז. טייל זאָגן, אַז זיי האָבן זיך אַפילו אַריינגעריסן אין קדשי-קדשים. דאָס האָט געזאָלט געשען מיט עטלעכע יאָרן צוריק. אָבער דערנאָך איז אָנגעקומען דער שיינער קנעכט הורדוס, שמעון, און ער האָט פאַרברענט דעם קעניגלעכן פאַלאַץ אין יריחו, און עפּעס אַ פּאַסטוך אַ גרויסער און שטאַרקער, ווי משה רבינו, האָט זיך אָנגעטון אַ קרוין אויפן קאָפּ און ער האָט געקעמפט מיט די רוימער.

אָבער אַלע זענען געוואָרן באַזיגט.

## ג

עס איז געשען, אַז נצרת און גליל, וואָס זענען שוין לאַנג אויפגעציטערט געוואָרן פון דער אומרויקייט אין די שכנותדיקע לענדער, איז פלוצלונג אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציע פון זייער אייגן לאַנד. אין גמל, וואָס ליגט עטלעכע שעה גאַנג פון נצרת, האָט איינער אַ מאַן פון גליל מיטן נאָמען יהודה, שוין אַ יאָר צייט געקליבן אַרום זיך דרייסטע מענער, כדי צו באַפרייען זייער פאָטערלאַנד. צו דעמדאָזיקן טאַט האָט אים אָנגערעדט זיין אייגענער גורל: זיין טאַטע איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך הורדוס דעם רוימער, האָט ער געוואָלט אין אים

נקמה נעמען. ער איז די רעכטע האַנט און צדוק איז דער פירער פון דער פּאַרטיי קנאים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זיין געהאָרכזאַם די רוימער. נאָר גאָט דאַרפן מיר הערן! מיר זענען פרייע מענטשן! קאָפּ-שטייער ווילט איר? די נביאים האָבן אַפילו געקענט דראָען דוד המלך, ווען ער האָט געפּרוווט איינפירן שטייערן! יעדע זאַנג זאָל זיין באַשטייערט, און פון יעדן פלעשל אייל, וואָס מיר לאָדן אַהויף אויף דער שיף, זאָל מען נעמען צאָל? עס האַנדלט זיך שוין נישט בלויז אין דער געלט-גיריקייט, נאָר דאָס איז אַ חוזק איבער גאָטס פאָלק מצד געצנדינער! אויב די פּרושים זענען מסכים צו אַזאַ פּירונג, איז זיי פרעמד דער גייסט פון אַלטע נביאים, וואָרים נאָר דער אומגעדולד און נאָר דער טאַט קאָן ברענגען דעם גואל המשיח!

און אָט טרעט יהודה אַרויס מיט זיינע אָנהענגער אין אַ מלחמה, ער פאַלט אָן אויף אַ געווער-אַרסענאַל אין צפּוריה, נעמט צו ביי די רוימער דאָס געלט, וואָס זיי האָבן באַהאַלטן און, געבענטשט פון די כהנים, גייט ער ווייטער פאַרטרייבן די היידן. זיין שטח ווערט וואָסאַמאָל גרעסער און ער דערגרייכט שוין איבער די בערג פון גליל. אָבער וואַרוס, דער רוימישער פירער, קומט אין איילעניש אָן פון סיריע מיט הילף, נעמט מיט מיט זיך פינפאַכיק מאָל אַזויפיל שטאַרקערע כחות, און דערצו געהילף-חילות, געשיקט פון די פירשטן פון די שכנותדיקע לענדער. זיי נעמען פונסניי איין ירושלים, וואָס איז שוין געווען באַפרייט און זיי קרייציגן צוויי טויזנט אויפשטענדער, נאָר יהודה, דער פירער פון אויפשטאַנד איז אַנטלאָפן.

און ווי עס ציטערן די ייִנגלעך, בעת דער רבי אָדער דער טאַטע, וואָס איז פול מיט צאָרן און האָפנונג, דערציילן פאַר זיי אויך וואָס עס האָבן זיך פאַרמאָסטן זייערע ברידער פון גליל, ווי זיי האָבן מנצח געווען און אומגעקומען! דער העלד פון דער פאַנטאַזיע ווערט דעמאָלט יהודה, וואָס ליגט ערגעץ אין די היילן פון לבנון און גרייט זיך צו נייע נקמה-פּלענער. אָבער לסוף פאַלן ביי זיי אַראָפּ די הענט, בעת זיי דערוויסן זיך, אַז אויך יהודהן האָט מען געכאַפּט און מ׳האָט אים געקרייציגט. דאָן פאַרוואַנדלט

ער זיך ביי זיי מאָמענטאַל אין אַ קדוש, און די הייליקסטע ווער־טער אין בית-המקדש לויבן יהודהן, וואָס איז אומגעקומען פאַר דער פרייהייט, נקמה גענומען פאַר זיין טאַטן און פאַר זיינע אבות, און יענער געצנדינערישער צלם ביים וועג קיין ירושלים פאַרוואַנדלט זיך אין אַ סימבאָל פון רום. אמאָל האָבן זיי אַלע געפלאַמט מיט האַס, איצט פלאַמען זיי מיט נייע האָפנונגען. וואָרים ערשט נאָך דער באַפרייונג פון דער רוימישער הערשאַפט, קאָן איצט קומען משיח: אַזוי איז דער פּאָליטישער גלויבן פון רעמדאָזיקן אויסדערוויילטן גאָטס פאָלק.

נאָר בלויז דאָס פאַרטראַכטע יינגל איז פאַרבליבן שטיל אין בית-המדרש. ער האָט זיך ליב צו לערנען, ער השט'ט זיך נערן צו צו די שמועסן פון די עלטערע, און ער קוקט אויף ווי גלייכצייטיק פון דער זייט, כדי נאָכצושפּירן זייערע פאַר־באָרגענע מחשבות. אויב עס איז אמאָל געשען, אַז קיין נצרת איז געקומען עמעצער פון אַלעקסאַנדריע און ער האָט דער־ציילט וועגן דער גרויסער דאָרטיקער ספרים-זאַמלונג און וועגן די נייע סופרים, האָט זיך דאָס יינגל אויפמערקזאַם צוגעהערט, כדי גאָרנישט צו פאַרלירן דערפון, וואָס די ווייטעווינטן האָבן געברענגט קיין נצרת. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט פון איינעם אַ גריך געהערט וועגן דעם אַמאָליקן היידנישן נביא, וואָס האָט געלערנט מענטשן אויף דער גאַס, ווען אַטען איז נאָך געווען גרויס און מעכטיק, און דערדאָזיקער מענטש האָט פון חדר און פון בית-המקדש געהאַלטן ווייניקער, ווי פון אַ בעל-מלאכה אויף דער גאַס, ער האָט געזאָגט: „ווער עס באַמיט זיך צו דערקענען זיך אַליין, דער וועט תמיד גוט האַנדלען און דערמיט וועט ער דערגרייכן גליק.‟ דידאָזיקע ווערטער האָבן געוועקט דעם יינגלס פאַנטאַזיע און אין זיין יונגן מוח האָבן זיי אַרויס־גערופן אייגנאַרטיקע אויספירן.

אָבער איצט, בעת מען שמועסט וועגן דעם, אַז מ'באַדאַרף ניינט האָבן די יידן, פאַראַכטן די רוימער, ווען ער שטויסט זיך אָן צום ערשטן מאָל מיט די צעהיצטע נאַציאָנאַלע ליידנ־שאַפטן פון זיין פאָלק — בלייבט ער אָבער קאַלט. צי מוז גאָט

דורכאויס האסן דערפאַר יענע, ווייל ער האָט אונז ליב? און צי מיר אַליין זענען טאַקע אָן אַ חטא, אַז מיר זאָלן שטיין העכער ווי יענע? צי איז אַזוי וויכטיק, וואָס כּרמל גע־הערט צו די פעניציאַנער, און אויף צפון פון אונזער טייך הערשט פיליפּוס, הורדוסעס זון? אויב גאָט האָט זיך אויסגעקליבן אונז, צי דאַרף ער דערצו אַזויפיל בערג און אַזויפיל שטעט? צי איז נישט גענוג, וואָס אונז אַליין געהערט דאָס בית־המקדש? און אויב מען לייגט אַרויף אויף אונז מס, טאָ איז וואָס? וועלן די רייכע האָבן אַביסל ווייניקער, אָבער סוף כּל סוף וועלן דאָך אַלע האָבן גענוג ברויט. וואָס האָט גאָטס קעניגרייך אַ שייכות צום קעניגרייך פון יידישן פאָלק? און אויב צדוק און יהודה האָבן בלויז געשטרעבט צו דערגרייכן גאָטס קע־ניגרייך, טאָ פאַרוואָס האָבן זיי אויפגעהויבן די שווערד אַקעגן די היידן אין צפּוריה?

# ד

אָבער דער אויפשטאַנד דויערט נאָך עטלעכע יאָר און וועט זיך נאָך ציען אין משך פון אייניקע צענדליק יאָר. גלייכער איז נישט צו הערן וועגן דעם.

ישו איז שוין אַ יונגערמאַן און לויטן מנהג פון נצרת פאַרקעמט ער זיינע טונקעלע האָר אויף ביידע זייטן פון קאָפּ. און נישט לאַנג וועט דויערן, ווי ער וועט אויך אַזוי פאַרקעמען די באָרד. ער איז געזונט און פריש, וואָרים ווי ער רייסט זיך נאָר אָפּ פון זיין טשעסלער־אַרבעט, גייט ער אַוועק אין די בערג און אַפילו דעמאָלט, ווען ער שטייט צוזאַמען מיטן טאַטן און אַרבעט מיט זעג און האַק, הערשט נישט אויף דער גאַס אַזאַ היץ, ווי אין טאָל, וואָרים אויף די בערגלעך בלאָזן ווינטן, און די בערג־קוואַלן באַפּוצן די בערג מיט גרינס. אַז ער איז אַלט געוואָרן ניינצן יאָר, איז אים אָפּגעשטאָרבן דער טאַטע און צוזאַמען מיט דער מאַמען האָט ער געמוזט זאָרגן פאַרן גאַנצן בני־בית.

ער טראַכט נישט וועגן חתונה האָבן, הגם די תורה באַ-פעלט כמעט דאָס צו טון, זי גיט ברכות אַ טאַטן פון אַסאַך קינדער. אָבער ער האָט ליב פרויען, ווייל אָפטמאָל קומט ער צווישן זיי און צווישן קינדער, און זיי האַלטן זיך לעבן אים. נישט פאַר איינעם קומט ער אפשר אויס מאָדנע, וואָרים ער איז זייער סובטעל, קאָן נישט שעלטן און בייזערן זיך, ער איז העפלעך פאַר אַלעמען און קריגט זיך קיינמאָל נישט. בכלל איז ער אַ פריינטלעכער, הערט מער אויס ווי ער רעדט אַליין, זאַמלט צונויף אין זיין האַרץ די מענטשנס גורלות. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך צוגעקוקט צו די מענטשלעכע ליידנשאַפטן און ווי מיט אַ כשוף-שטעקעלע באַמיט ער זיך אויסצוזוכן זייערע אמתע מאָטיוון. קודם כל, איז ער אַן אויסגעצייכנטער מבין אויף די מענטשלעכע שוואַכקייטן, וואָס ליגן באַהאַלטן אונטער די שרייענדיקע ווערטער פון פליכט, אָבער ער דערקענט זיי אָן מינדעסטן כעס. מחמת דעם, וואָס ער פאַרשטייט אַזויפיל, איז ער אין האַרץ מוחל, און דערפאַר, וואָס ער שטויסט זיך קיינמאָל נישט צו ווערן שופט, האָבן אַלע צו אים צוטרוי.

עס קאָן זיין, אַז מענטשן האָבן צו אים צוביסלעך מיט-לייד, ווייל זיי זעען נישט, אַז ער זאָל צו עפּעס שטרעבן; זיי זעען גאָר, אַז תמיד שמייכלט ער, ווען אַנדערע פאַלן אַריין אין כעס. אויך די גבירים פאַרבעטן אים גערן צו זיך, וואָרים ער איז גוט באַהאַוונט אין די כתבי-קודש און איז תמיד באַ-שיידן. אַז זיי פאַרבעטן אים, זעצט ער זיך אַוועק מיט זיי ביי ווייַן, און דערדאָזיקער ווייַן איז שטאַרק, ווייל אַזעלכער וואַקסט ער אויף די בערג פון דעם לאַנד. ער זאָגט זיך נישט אָפּ צו זיין אַ גאַסט און אַנטלויפט נישט פאַר פרויען, און מיט געסט פאַרווייַלט ער זיך פריילעך.

אָבער צומליבסטן איז ביי אים אויסצוזעצן זיך ביים סוף וועג מיט זיינסגלייכן, אָדער אויף דער שוועל פון בית-המדרש מיט אָרעמע ווי ער און ער האָט ליב אויסצוהערן, ווי זיי באַ-קלאָגן זיך. ער גיט זיך אויך אָפּ מיט כלערליי נישט-סאָלידע מענטשן, פון וועלכע די פרומע ווייכן; ער דערווייטערט זיך

נישט פון די גאַסנמיידלעך, זעצט זיך אויך אַוועק ביי די טישן פון די צאָל-מאָנער, וועלכע אַלע האָבן פיינט. קיינער וועט זיי נישט מוחל זיין דאָס, וואָס יידן זענען מסכים אויסצורייסן ביי זייערע אייגענע ברידער מס און צאָל, געפאָדערט פון פירשט, וואָס מען מוז זיי לויט דער ריי אַרויסשיקן קיין רוים ווי אַן אָפּצאָל, און אויב די צאָל-מאָנער ווערן רייך דורך דערדאָזיקער אַרענדע, איז זייער רייכטום אַ חרפּה: קהליש געלט איז גניבה, און דער פרומער דאַרף צאָלן מס נאָר פאַרן בית-המקדש.

וואָס ציט דעם יונגן טשעפּלער צו אַזוינע מענטשן? אַז ער נעמט גאָרנישט, וועגן דעם ווייסט דאָס גאַנצע שטעטל, אָבער אַליין דאַרף ער דאָך אויך וויסן, אַז ס'איז אַ חרפּה צו פאַר-ברענגען מיט אַזוינע מענטשן. אָפּטמאָל הערט מען, ווי די לייט פון דער אונטערוועלט זוכן זיין געזעלשאַפט, ווייל ער זידלט זיי נישט, נאָר ער הערט זיך צו צו זייערע דערציילונגען, פאַרוואָס זיי האָבן אויסגעקליבן ליבע אָדער געלט אַלס זייער מלאכה, און וואָס זיי זאָלן נאָר פריער נישט האָבן געפּרוווט, איז אַלץ געווען — אומזיסט. דערדאָזיקער מאָדנער בחור זעט אויס, ווי ער וואָלט באַשאַנקען געווען מיט אַ באַזונדערע אייגנשאַפט, אַרויסצוקריגן פון אַלע מענטשן דאָס איבערגעבליבענע ביי זיי גוטס, וואָס עס פאַרמאָגן נאָך אַפילו די גרעסטע אויסוואורפן, הגם זיי אַליין קענען וועגן דעם גאָרנישט וויסן. אין זיין געזעלשאַפט עפענען זיך פאַר אים די פאַרשטיינערטע הערצער, און די גרוי-זאַמסטע מענטשן ווערן מילד.

וואָרים די גלילער זענען סאַנגווינישע מענטשן: אַט זענען זיי דרייסט, קרבן-גרייט, פאַנאַטיש איבערגעגבן דעם אידעאַל, און אַט זענען זיי נידערגעשלאָגן, קרענקלעך און אָן שום סיבה קליינמוטיק. זיי זענען מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט פאַרלאָזן אויף זייערע אייגענע כוחות און זייער אומבאַהאָלפנקייט האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט אַ דאַנק זייער אָפטן אויסמישן זיך מיט די שכנותדיקע היידן, וואָס זענען געוואָרן יידן. מ'וואָלט גאַנץ ווייט געדאַרפט זוכן אַזויפיל גייסטיק-קראַנקע, וויפל עס געפינען זיך אין גליל. אָבער ישו האָט נישט קיין מורא פאַר זיי,

וואָרים אין זייער שגעון זעט ער די ווילדקייט פון דעם שטן און מחמת דעם גייט ער צו די, פון וועלכע אַנדערע אַנטלויפן.

נאָר אויף איין מין מענטשן איז ער צייטנווייז בייז: אויף די לפנימדיקע פרומע, וואָס באַרימען זיך מיט זייער פרומקייט, די צדיקימלעך, וואָס שטייען אויף די מערק, די תּורה-קענער און פּרושים. וואָס מער דער דערוואַקסענער בחור פאַרטיפט זיך אין דער תּורה, אַלץ מער דערפילט ער די סתירה צווישן פאָרם און אינהאַלט. „ווען צוויי מענטשן זיצן און זענען נישט עוסק אין תּורה, איז עס אַן אָרט פון לצים", — דאָס איז איינער פון די מאמרים ביי די פּרושים. „ווי איז דעם, וואָס לערנענדיק תּורה אויפן פעלד, איז ער אָבער פלוצלונג מפסיק זיין לערנען און רופט אויס: ווי שיין איז דערדאָזיקער בוים, ווי הערלעך איז דאָס פעלד, וואָס איז פריש געאַקערט. אַזאַ מענטש איז ווערט דעם טויט. ווי איז דעם, וואָס טייטשט זיך אַליין אויס די תּורה קעגן די כּללים פון די תּנאים: אַזאַ מענטש וועט נישט האָבן קיין חלק עולם הבא"! וואָס אַזוינס? באַוווּנדערן אַ פּאַלמען-בוים זאָל זיין פאַרבאָטן? מען טאָר נישט קוקן אויף דער ערד, בעת מען טראַכט וועגן גאָט? כּדי צו דערוויסן זיך די געדאַנקען פון אַלטן תּהילים, דאַרף מען זיך האַלטן ביי די קאָמענטאַרן פון די תּנאים?

פונקט ווי יענע, קען ער אַזוי גוט די מנהגים און די דינים פון די כּהנים און דאָס התּונה-געזעץ, ער קען דאָס געריכטס-וועזן און דעם מעשר, די געשיכטע פון פאָלק ישראל און די נביאים. אין געהיים איז ער אויך אַ סופר,*) אָבער צו וואָס זיך רימען? צו וואָס שלעפּן זיי זיך אַרום איבער די גאַסן און שיקן פאַנאַנדער זייערע מענטשן, זיי זאָלן קאָנטראָלירן די ריינקייט ביי די אָרעמע? דערפאַר אָבער, ווען די תּורה זאָגט, אַז מען דאַרף דעם קנעכט באַפרייען אין זיבעטן יאָר פון זיין דינסט, זאָגן זיי, אַז זיי וועלן וואַרטן ביזן פופציקסטן יאָר.

*) סופר — אַ קענער און אַן אויסטייטשער פון תּורת-משה אין דער תּקופה פונם בית-שני.

די גבירים נעמען ביי די אָרעמע גרויסע שטייערן, און דעם לקט לאָזן זיי אויך נישט אַלעמאָל אויפקלויבן, ווי די תורה הייסט, און ווען זיי פאַרלאַנגען פון אָרעמען די בכורים פון די זיבן זריעות פאַר אַ קרבן, און צו דעם נאָך דעם מס פון בית־המקדש, פון שערן די שעפסן, פון די רינדער און פון די בוימער, — ווערט דער אָרעמער דאַן נאָכמער פאַראָרעמט, אָבער ער ווערט נישט פרומער.

אָט אַזאַ אָרעמאַן האָט נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי אַוועקצוזעצן זיך ביים וועג און וואַרטן, ביז עמעצער וועט אים דינגען אויף טאָג־אַרבעט. גאָט וועט נישט לאָזן שטאַרבן פון הונגער, מאָ צו וואָס זיך נעמען צום האַרצן? ווען ער, ישו אַליין, זאָל נישט האָבן אַ מאַמען און אַ בני־בית, וואָלט ער זיכער אַוועק אין די בערג און דאָרטן זיך דערנערט מיט פייגן און מילך. וואָרים די מענטשן דאָ זענען פול מיט גאוה, און אַז זיי טון שוין עפּעס גוטס, ווילן זיי, אַז נישט נאָר גאָט אַליין זאָל זען נאָר אויך די מענטשן, און ווען זיי זיצן און לערנען, גלאַנצן זייערע אויגן העלער, ווי אונטער די שטערן.

טיילמאָל מאַכט זיך אים אַ געלעגנהייט אַזוי צו רעדן צו צוויי אָדער צו דריי פריינט און יענע הערן אים אויס אויפמערקזאַם און חזרן איבער זיינע ווערטער פאַר אַנדערע. צופעליק נאָך דער אַרבעט קומען צו אים עטלעכע באַקאַנטע און אַלע הערן זיי אויס זיינע ווערטער. ער זעצט זיך דאַן אַוועק אויף דער שוועל פון זיין שטוב, ווו די מאַמע פירט דיווירטשאַפט און ער הערט זיך צו צום שטילן קול פון זיין האַרץ. עס קומט אים גאַנץ לייכט אָן זיך אָן עצה צו געבן מיטן תנ״ך, וואָרים איצט קאָן ער שוין גוט סיי די אַלטע און סיי די נייע שריפטן. היינט ביינאַכט וועט ער אפשר רעדן וועגן הילל, דעם גרויסן תנא, וואָס איז געשטאָרבן, ווען ישו איז נאָך געווען אַ קינד, און וואָס האָט געלערנט: „טו נישט קיין אַנדערע דאָס, וואָס דו ווילסט נישט, אז מ׳זאָל עס דיר טון“. וועגן דעם ווינרט שוין געברענגט אין ספר טוביהו, גיט ער צו פון זיך. אָבער איצט האָבן דאָס דעצידירנדיקע וואָרט די מענטשן, וואָס זיצן

אין סנהדרין, קודם כל שמאיס תּלמידים, די שטרענגע און טרי־בע, וואָס זאָגן: „גלייכער וואָלט געווען, ווען דער מענטש זאָל אינגאַנצן נישט געבוירן ווערן". צי איז נישט אַן עבירה צו זאָגן אַזוי, בעת מען זעט די זון, די בערג און די שאָף, די קינדער און די בלומען?

און צומאָרגנס, ווען עס וועלן נאָך אפשר צוקומען אַ צווייטע צוהערער, וואָס וועלן זיך אַוועקזעצן מיט די פיס אונטער זיך און אויסהערן די ווערטער פונם פאָלקס־מענטש, ווי עס איז נישט איינמאָל געשען, דאַן וועט ער זיך אָנצינדן מיטן פייער פון די נביאים. ער וועט אויסקלויבן זייערע ווערטער, וואָס זע־נען אים גוט נאָענט צום האַרצן, און אפשר וועט ער פאַר זיי ציטירן פון ישעיה הנביא, וועמען גאָט האָט געהייסן זאָגן: „וואָס טויגן מיר אייערע גרעסערע צאָל קרבנות? איך בין שוין זאַט מיט אייערע עולות פון בעק און מיט פעטס פון רינדער, און מיטן אָקסן־בלוט. אייער קטורת איז מיר דערווידער, ווייל אייערע הענט זענען פול מיט בלוט. לערנט אייך טון מעשים טובים, היט אָפּ די דינים און דאַן ערשט טוט תּפילה צו מיר!" און דערנאָך חזרט ער איבער פאַר זיי די ווערטער פון הושע: „רחמנות וויל איך און נישט קיין קרבנות!" און ער פילט, ווי דידאָזיקע ווערטער זענען זיין דעוויז.

אָבער אויפן פערטן אָוונט טרעפן זיי אים שוין נישט אויפן שטענדיקן אָרט, ווייל ער האָט זיך איינער אַליין פאַר־קליבן אין די בערג, כּדי דאָרט צו באַרויקן זיין האַרץ, וואָס איז באַדראָט פאַרשטייפט צו ווערן אין אַן אייביקן צאָרן קעגן די סופרים. אין די בערג קערט זיך אום די פרייד אין זיין האַרץ, ער האָרכט זיך איין צום גערויש פון וואַלד, די ווילדע ליליען שמעקן שטאַרקער ביינאַכט, און אין דער ווייטקייט זעט מען דעם שפּיץ באַרג פון שכם. אַמאָל זענען געזעסן אויף אים די נביאים, און אָט פאַרשווינדט ער איצט אין די שאָטנס פון דער נאַכט.

ער לייגט זיך אויפן גראָז, קוקט צו די שטערן. ער פילט

...ך אזוי, ווי ער וואָלט געדוט אויפן האַרצן פון אַלליבנדיקן פאָטער-גאָט.

## ה

שוין לאַנג, ווי דער יונגער טשעסלער, וואָס איז בקי אין תורה, הערט וועגן אַ סעקטע, וואָס האָט זיך פונאַנדערגע-שפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, ווייט פונם ליאַרם פון די קריגערישע פּאַרטייען און זיי ווילן גאָרנישט פאַרבעסערן אין לאַנד און אין זייער גלויבנס-געמיינדע, זיי ווילן נישט קיינעם אויפקלערן, זיי שטרעבן נאָר צו לעבן מיט זיך אין שטילקייט און אין רויקייט, אין ריינקייט און אין אָרעמקייט. פיר טויזנט מענער און פרויען הערן שוין צו די אסיים, צו די פרומע קאָמוניסטן, וואָס באַ-נעמען נישט דאָס רייכטום און די פרושים, קריגן זיך נישט מיט קיינעם, נאָר אַנטשלאָסענע פאַרווירקלעכן זיי די געדאַנקען וועגן ליבע צום נאָענטן און אַ געזעלשאַפטלעך צוזאַמענלעבן, ווי עס האָבן געפּריידיקט די נביאים. זיי זענען נישט קיין נזירים, אַלע אַרבעטן זיי, זיי זענען האַנטווערקער און ערד-אַרבעטער, פּאַסטוכער, בינען-האָדעווער און נעמען נישט אַריין צווישן זיך בלויז די אומאַנשטענדיקע פּראָפעסיעס: הענדלער, מאַטראָזן און געווע-רשמידן.

ווער עס שטייט-צו צו דערדאָזיקער סעקטע, גיט אַריין זיין פאַרמעגן אין דער בשותּפותדיקער קאַסע; ווער עס פאַר-דינט מער, וויפל ער דאַרף אויף דערנערן זיך, גיט אַוועק דעם עודף; איינער מיטן אַנדערן טוישט זיך מיט די זאַכן, וואָס איז זיי נויטיק. אַן אָרעמען קאָן יעדער שענקען וויפל ער געפינט אַיין, אָבער ער טאָר נישט שענקען זיינע קרובים. די פראַגן וועגן פאַרווענדן דאָס געלט פון דער אַלגעמיינער קאַסע ווערן געלייזט לויט אַן אָפּשטימונג פון אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. „מיינס און דיינס געהערט דיר". פון עק מדבר האָבן זיי זיך פאַמעלעך, טריט ביי טריט, דערנעענטערט צו מענטשלעכע ישובים און זיי וווינען גרופּנווייז אין די דערפער און אין די קליינע

שטעטלעך, אויף וויפל עס דערלויבט זיי זייער באַשעפטיקונג. אין זייער וואַנדער-וועג געפונען די אסיים מיטגעפיל און שטיצע אומעטום אין לאַנד פון ישׂראל. אָבער הגם זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט פּאָליטיק, זאָרגן זיך נישט פאַר דער מלוכה, און עס גייט זיי אפילו קיין סך נישט אָן דאָס בית-המקדש, זענען פונדעסטוועגן צווישן זיי פאַראַן בלויז יידן.

זיי זענען גלויביקע, היטן אָפּ די דינים, אָבער אַמאָל זענען זיי אויך עובר אויפן דין: וואָרים ווען עס פאַרשווינדט די פרימאָרגן-שעה פון טראַכטן און די זון גייט אויף, דאַן גיבן זיי אים אָפּ אַ לויב: דער לויטערער ליכטיקייט. אין דער פינסטערניש רעדן זיי נישט וועגן גאָט, ווייל נאָר די ליכטיקייט האָט אַ שייכות מיט חכמה, און ווען זיי זעצן זיך אַוועק מיטאָג-צייט צוזאַמען צו דער אַלגעמיינער סעודה אַרומגעוואַשן און אָנגעטון אין ווייסע מאַנטלען, אויך דעמאָלט טאָרן צוויי נישט רעדן מיטאַמאָל. זיי נוצן קיינמאָל נישט קיין פלייש און נישט קיין וויין, עסן בלויז ברויט און ירקות, מילך, האָניק און פרוכטן. ריינקייט און וואַסער האָט ביי זיי אַ גרעסערע ווערט, ווי די צערעמאָניעס. זיי ברענגען נישט קיין קרבנות, שווערן נישט, פאַסטן אָפּט, היטן אָפּ די שבתים אַזוי שטרענג, אַז אין דידאָזיקע טעג באַפרידיקן זיי נישט אַפילו זייערע פיזיאָלאָגישע באַדערפעענישן. זיי האָבן געפאָרשט די געוויקסן און די שטיינער לויט די אַלטע דינים, געקענט די מאַגישע אופנים און אַרויסגעטריבן דיבוקים, געקענט פותר זיין חלומות און טרעפן די צוקונפט. און מחמת דעם, וואָס זיי זענען נישט געווען גיריק און ליידנשאַפטלעך, האָט דאָס פאָלק זיי געגלויבט און זיך געוואָנדן צו זיי נאָך אַן עצה.

דאָס פרישות איז נישט אויף זיי פאַרפליכטנד, אָבער דער רוב פון זיי האָבן נישט חתונה און זיי דערציען אַסאַך פרעמדע קינדער. צעטיילט אויף פיר קלאַסן, גיבן זיי איבער זייערע ברידער און שוועסטער די סודות פון זייער סעקטע, און די איינציקע פאַר זיי דערלאָזבאַרע שבועה האָט אַ שייכות בלויז מיט האַלטן בסוד זייער לערע און די נעמען פון די ברידער,

וואָס געהערן צו דער סעקטע. ווער עס טרעט אַרויס קעגן איי־נעם פון די גרויסע געבאָטן, ווערט אויסגעשלאָסן פון דעם קלאַס און ער שטאַרבט מחוץ למחנה, געפּייניקט מיט די יסורים פון געוויסנסביסן. ערשט אַ קורצע צייט פאַרן שטאַרבן ווערט ער נאָך איין מאָל צוריק אַריינגענומען, אָבער נאָר צוליב רחמנות. דאָס אויסמיידן אייגנטום, מלחמה און כּעס, די ליבע צו אַ נאָענטן און פאַרטראַכטן זיך, רחמנות און צערעמאָניעס — אָט דאָס זענען די גרונט-יסודות פון דער יידישער סעקטע — פון די פרומע, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען זיך גיך אָפּרייסן פון דער גשמיותדיקייט. וואָרים די נשמה איז אומשטערבלעך און נאָכן אָפּלעבן אַ פרום לעבן, הויבט זי זיך אויף אין די אויבערשטע ספערן פון ליכטיקייט, אָבער ווער עס גיט זיך איבער די תענוגים פון עולם הזה, דער וועט נאָכן טויט פאַרבּרענגען אונטער דער ערד אין פינסטערניש און אין פּיין.

ווען דידאַזיקע סעקטע ביי די ברעגן פון ים-המלח האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין די מענטשלעכע ישובים און האָט לסוף דערגרייכט קיין גליל, ווו זי האָט אויסגעשפּרייט אַ טעטיקייט אָן מיסיאָנערן, האָט ישו זייער אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט צו דידאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן גאַנץ אָפט פאַרנומען זיינע שטילע געדאַנקען. ער איז אָבער צו זיי נישט צוגעשטאַנען. דאָס, וואָס זיי גיבן אָפּ אַ לויב דער זון, דאָס איז גאַנץ שיין, הגם דאָס איז אַ געצנדינערישער מנהג און מ׳איז קעגן דעם דת. דאָס, וואָס זיי האַלטן נישט קיין געלט און ווילן נישט טראָגן ביי זיך קיין געווער, איז נאָך שענער, אָבער אַמשענסטן איז דאָס, וואָס זיי ברענגען נישט קיין קרבנות. אָבער פאַרוואָס פאַסטן זיי מער, ווי עס הייסט דער שלחן-ערוך? פאַרוואָס פאַראַכטן זיי ווייַן, סעודות און געזאַנג? פאַרוואָס זונדערן זיי זיך אָפּ און שאַפן נייע סודות? פאַרוואָס אַנטלויפן זיי פון מענטשן, אויב זיי האָבן זיי ליב? ניין, ער קאָן נישט ווערן קיין אסייער, הגם אידעאיש איז ער אַזוי נאָענט צו זיי.

פלוצלינג האָט זיך איבערן לאַנד פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז אין עק מדבר ביים ירדן, האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, וואָס

פריידיקט תשובה. אַנשטאָט מילה, איז ער טובל אין וואַסער, כדי צו ריייניקן דעם גוף און נשמה, פונקט ווי עס טון די מטבי־לים, די אסיים. די האָר זענען ביי אים צעשויבערט, ער האָט אַ לאַנגע באָרד, גייט אָרום אין מלבושים פון האָלץ־קאָרע, אַ־רומגענומען מיט אַ גאַרטל, אויסגעדאַרט פון תפילות, פלאַמענדיק מיט גלויבן און מיט אַ שרעקנדיק קול וואָרנט ער און דערמאָנט דעם פאָלק. מ׳זאָגט אַז דאָס איז אליהו הנביא. אליהו, וואָס האָט אַמאָל געוווינט אין די היילן פון כרמל, און ווען ער האָט זיך באַוויזן, האָט ער אַרויפגעזעצט מלכים, אָדער זיי אַראָפּגעוואָרפן ער איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן, און לויט דער אַלטער לע־גענדע, דאַרף ער זיך נאָכאַמאָל באַווייזן. אליהו הנביא איז אויפ־געשטאַנען תחית־המתים, וואָרפנדיק אויף יעדן אַ שרעק און לעכצנדיק נאָך נקמה!

געבונדן דורך אַ תקיעת־כף מיט זיינע עלטערן, האָט יוחנן שוין יונגערהייט דערקענט יעדן מין התבודדות און געמוזט אַוועק אין מדבר, לעבן וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן און וואָס ער האָט גוט געקענט. וואָרים אין יענער געגנט גרענעצט זיך אַ קייט זאַמדיקע בערג אוממיטלבאַר מיט אַ באַגרינט און באַוואַסערט לאַנד און פון וואַסער ביז צום מדבר איז טיילמאָל אַ שפּרייז, אָדער נאָר אַ מייל. דער מדבר זעט אויס, ווי ער וואָלט געווען אַ ווייטע שטוב ביים סוף פון אַ לאַנג הויז. אין ירושלים האָט מען מיט אים פליי־סיק געלערנט די תורה, וואָרים ער האָט זיכער געדאַרפט פאַר־בלייבן אַ כהן, ווי זיין טאַטע. אָבער אין איינעם אַ טאָג איז ער אַנטלאָפן פון חדר: דאָס, וואָס מ׳האָט מיט אים דאָרט געלערנט איז געווען פאַר אים ווייניק, אָדער גאָר צו פיל. ער איז אַנטלאָפן פון שטאָט און פון די סופרים, פון די מענטשן און פון דער גאַנצער וועלט אין דער מדבר אַריין, וואָס איר איינזאַמקייט האָט נאָך אין דער קינדהייט דורכגענומען מיט אַ שוידער זיין האַרץ.

עס קאָן זיין, אַז ער איז געגאַנגען מיט די אסיים, אָבער ער האָט זיך נישט פאַרייניקט מיט זיי. אין אָרעמקייט און תעניתים, פונקט ווי זיי, נאָר ווייט פון זייער טעטיקייט און

געזעלשאַפטלעכקייט, האָט ער פאַרבראַכט אַסאַך צייט, מעגלעך, אַז גאַנצע יאָרן, כּדי אָפּצוזוכן זיך אַליין און זיין שליחות. אַ מאָסע גרויסע פראַגן און אַן אַ שיעור ספקות, האָבן אים גע־צוווּנגען צו קאָנצענטראַציע און התבודדות. אָבער דער כּח פון בעל־תשובהס האַרץ, וואָס וויל רופן אויך אַנדערע צו חרטה און זיין טעטיק, האָט אים לסוף צוריקגעצויגן צו זיין צווישן מענטשן. דאָרטן, ווו דער מדבר לאָזט זיך אַראָפּ אין ים־המלח, אויף דער גרע־נעץ פון אַראַביען, אין אַ ווּיסטעניש פאַרברענט פון דער זון, ווו די רויב־חיות זוכן אומזיסט חיונה, און דער מדבר־מענטש מוז זיך באַהאַלטן צווישן היילן און פעלזן, — האָט דערדאָזיקער דרייסטער נזיר זיך דערנערט מיט היישעריקן, וואָס ער האָט לויטן מנהג פון מזרח געבאַקן אויפן פייער און אויך מיט האָניק, וואָס עטלעכע געציילטע בינען האָבן אויסגעזויגן פון עטלעכע בלימעלעך. ער איז געקומען אַהין אָן אַ יעגער־מעסער און אָן יעגערישע כּוונות, פאַרבראַכט דאָרטן אָן געווער און כּמעט אָן שפּייז. ער האָט זיך דערמאָנט גאָטס שטראָף: צי האָט זיך דאָרטן נישט אַמאָל געפונען סדום, וואָס האָט געבליט און אָפּ־געבליט? צי וועט יריחו, וואָס ליגט סך־הכּל אַ טאָג גאַנג פונ־דאַנען, מאָרגן נישט פאַרוועלקט און אָפּגעמעקט ווערן, ווי אַמאָל סדום?

בעת ער האָט אַזוי געפּאַרשט זיין געוויסן און אָפּגעריכט תּעניתים, האָט ער געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אים געבן די זי־כערקייט, וואָס ער האָט צו טון און וואָס ער קען טון, אָבער קיין שום קול פונדערהויך האָט זיך נישט אָפּגערופן און נישט אויסגעשריגן: שטיי אויף, נביא, און זאָג אָן דעם פאָלק דיין נביאות! אָבער דאָך רופט אים אַן אינערלעכע שטימע, אַז ער זאָל אַנדערע לערנען התבודדות און פאַרטראַכטן זיך, אָפּצוהיטן אַסאַך פון דער אייטלקייט פון וועלטלעכן לעבן. אַסאַך? אפשר דעם אייגענעם פאָלק? וואָס וואָלט געווען, ווען אין זיין פערזאָן זאָל אויפלעבן אליהו? אַ פּחד נעמט אים אַרום אויף דעם בילד פון ריזיקן שאָטן, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר אים; ער טרייסט זיך אָבער מיט די ווערטער פון ישעיהו: „אַ קול רופט

אין דער מדבר: מאַכט אַ וועג פאַר גאָט דעם האַר, מאַכט גלייך זיינע שטעגן!"

אַזוי אין איינעם אַ טאָג, איבערטראָגנדיק שרעקלעכע מאַראַלישע יסורים, איבערלעבנדיק שווערע אינערלעכע נסיונות, נאָך אַ לאַנג פאַרשן דאָס געוויסן, איז ער אַרויסגעטרעטן און הויך אויפן קול אָנגעהויבן זאָגן די התראות, וואָס האָבן אים געצווינגען, אַז ער זאָל אַוועק פון אומעטיקן ירושלים און פון די מענטשן. ער איז אַריבער דעם ירדן. דאָרטן, ווו די בערג פון דעם מדבר לאָזן זיך משופּעדיק אַראָפּ אין ים-המלח און ווו דער אָנמעכטיקער טייך פּרוווט נאָכאַמאָל זיינע כּחות אין גע-ווירבל און אין זיינע קרומע וועגן; דאָרטן, ווו דוד המלך האָט זיך באַהאַלטן פאַר שאולן און דער מלך צדקיהו — פאַר די בבליים; ווו דאָס זאַמדיקע פלאַכלאַנד דערנערט די לעצטע אָ-רעמע טשערעדע — אָט דאָרט שפּרייזט יוחנן און דערנענטערט זיך צום ערשטן הויז. צי וועלן די פּאַסטוכער זיך נישט דער-שרעקן, ווען זיי וועלן דערזען דאָס ווילדע געשטאַלט און אַנט-לויפן? און אפשר וועלן זיי אים כאַפּן און בינדן? ניין, מען וועט דאָס נישט טון אין יהודה, ווו יאָר ביי יאָר באַווייזט זיך אַזאַ מאָדנע הייליק אייגנאַרטיק געשטאַלט און אין מאָדנע מלבושים, כּדי ס'זאָל דערמאָנען אין די נביאים. זיי וועלן עס נישט טון דאָ, ווו די וויסטע נאַטור בונטעוועט זיך מיט אַ טעמפּן ווידערשטאַנד קעגן דער רויקער רגילות און ווו דאָס שטוינענדיקע פאַרוואַנדלט זיך אין וואָרהייט.

לכתחילה רעדט ער צו עטלעכע פּאַסטוכער, זיי פירן אים אַוועק צו דער נאָענסטער אָאַזע, דאָס גאַנצע דאָרף קוקט זיך צו אים צו און האָרכט אים אויס. עס געדויערט אַ ווײַלע, ווי עס פאַרזאַמלען זיך מער ווי הונדערט מענטשן, זיי הערן אויס די האַרטע רעדע פון דעם האַלב-נאַקעטן וואַנדערער: „טוט תשובה, וואָרים ס'האָט זיך שוין דערנענטערט גאָטס קעניגרייך"! און לויט דעם נייעם געבאָט דערפילט יעדער איינער דאָס וואַסער פון ירדן, וואָס גיסט זיך אויף אים פאַר טבילה און תשובה.

עבער ירושלים, וואָס ליגט סך-הכּל אַכט אָדער צען שעה

גאַנג, איז תמיד אויף דער וואַך, קיינמאָל נישט רויק, זוכנדיק תמיד עפּעס נייס. אפשר איז יענער מענטש, וועגן וועלכן מען רעדט אַזויפיל אין דער גרויסער שטאָט, אַ פאַרפירער? זאָל עס טאַקע זיין יענער נייער דערוואַרטנדיקער אליהו? ער דערמאַנט יענעם מיט זיין הויך-געוויקסיקייט און מיטן דונערדיקן קול, מיט די באָרוועטע פיס און מלבושים פון קעמל-האָר. צי האָבן די שטימען פון די כהנים און אַפילו פון די פּרושים אין משך פון צען יאָר נישט אָנגעזאָגט דאָס קומען פון אַ גרויסן דערלייזער? אָדער זאָל דאָס זיין איינער פון די אסיים פון די, וואָס באַמיען זיך אָפּצוּוואַשן די זינד מיט וואַסער? דאָס האַרץ פון ירושלים, וואָס טרוימט יעדע נאַכט פון דעם אָנקומענדיקן נביא, לאָזט זיך לייכט וועקן פון דעמדאָזיקן מאָדנעם מענטשנס קול.

ווען די ערשטע מענטשן פון שטאָט זענען לסוף אָנגעקומען אין דער מדבר, כדי צו זען דעם נייעם נביא, זענען באַלד נאָכגעקומען נאָך זיי מחנות אַנדערע מענטשן, גבירים געטריבן דורך נייגעריקייט, אַסאַך אָרעמע געטריבן דורך האָפענונג און בטחון, און באַלד האָט זיך די ידיעה וועגן יוחנן המטביל פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, און ביים עק ירדן קומען אָן וואָסאַמאָל מער מענטשן. זיי קומען אָן פאַרמאַטערטע מיט גלויבן און ספקות, מיט האָפנונגען און פאַרלאַנגען.

צום ערשטן מאָל זינט הונדערט יאָר איז אויפגעשטאַנען אַ נביא אין פאָלק ישראל.

ו

אינט טשעסלערס האַרץ האָט זיך דערוועקט אַן אומרויקע פראַגע. מיט שטייגנדיקער אומרויקייט האָט ער אויסגעהערט די ידיעות וועגן יענעם מטביל, וואָס האָבן דערגרייכט ביז זיין באַרגיקער געבורט-שטאָט, וואָרים פון צווישן זיינע לאַנדסלייט האָבן טייל עולה רגל געווען צום ירדן און נאָכן אומקערן זיך אַהיים, האָבן זיי דערציילט שטוינענדיקע מעשיות. ער האָט זיי אויסגעפרעגט מיט אַן אומגעוויינלעכער נייגעריקייט וועגן די שטריכן פון יענעם

מאן, זיין קול: ער האָט זיך באַמיט אַרויסצורופן אין דער פאַנ־טאַזיע זיינע ווערטער, כדי צו פאַרשטיין זייער טיפע ווירקונג. פון די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון יידן, האָט ער געהערט, ווי זיי האָבן געפרעגט דעם מטביל, וואָס זיי האָבן צו טון, און ער האָט זיי געענטפערט: „ווער ס'האָט צוויי מלבושים, זאָל איינס אַוועקגעבן דעם, וואָס האָט גאָרנישט, און ווער ס'האָט גענוג ברויט, זאָל ער טון דאָסזעלבע". יאָ, אַפילו מיט די צאָל־נעמער און מיט די ענלעכע צו זיי מענטשן האָט ער גערעדט העפלעך! וואָס זאָלן מיר טון? — האָבן אים דידאָזיקע מענטשן געפרעגט. „נעמט נישט מער, ווי די תורה הייסט!" און צו די זעלנער האָט ער געזאָגט: „טוט נישט קיינעם קיין עוולה און ווענדט נישט אָן קיין געוואַלט, נאָר זייט צופרידן מיט אייער לוין".

און דער טשעסלער הערט זיך איין וואָסאַמאָל מיט אַ גרעסערער אומרויקייט צו דידאָזיקע ווערטער. אַן אסייער, אָבער דאָך אַ רעדנער? — שטעלט ער זיך אַ פראַגע. אַ נזיר, און גלייכ־צייטיק רבי? איינער פון די שטילשווייגנדיקע אין דעמדאָזיקן לאַנד האָט זיך פלוצלינג פאַרוואַנדלט אין אַ רופנדיקן? צום ערשטן מאָל איז געשען, ווי עמיצער הייסט דאָסזעלבע, וואָס ער האָט שוין פונלאַנג געפילט טיף אין זיין נשמה און וואָס ער האָט פאַרטרויט בלויז עטלעכע זיינע פריינט, פאַרדאַמענדיק די אויסערלעכע פרומקייט פון די פרושים, די קרבנות און די צע־רעמאָניעס, דאָס רייכטום, וואָס וויל זיך נישט טיילן מיטן אָרע־מען. צי זענען דאָס נישט זיינע אייגענע געדאַנקען, וועלכע דער פרעמדער נביא ביים ירדן האָט באַשפריצט מיט וואַסער? ער קערט זיך אום פון דער מדבר און פון איינזאַמקייט, גייט צווישן מענטשן, כדי זיי אויסצולערנען וויאַזוי צו דענקען, ער רייסט זיך אַרויס פון דער אַפּאַטיע און תעניתים, און פון דער שטרענ־גער איינזאַמקייט גייט ער צווישן המון ווי אַן אויסבעסערער און רופנדיקער! אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך טיילמאָל אַליין געמאַכט פאַרוואָרפן: פאַרוואָס טוסטו גאָרנישט? פאַרוואָס שטייסטו נישט אויף און זאָגסט נישט פאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס דו טראַכסט וועגן אמתן און וועגן פאַלשן גלויבן? און אָט

איצט געפינען די אַלע געדאַנקען אַן אויסדרוק. און ווען יענער קומט פון דער מדבר און זאָגט דעם פאָלק דעם אמת, טאָ פאַר־וואָס זאָל ער, דער טשעסלער, נאָך שווייגן?

דער ביישפיל פון יוחנן האָט ישוע אַרויסגעפירט פון זיין פריערדיקן צושטאַנד. ס'האָט אויפגעוואַכט אין אים דאָס אחריות־געפיל און אפשר האָט זיך אויך דערוועקט אין אים אַביסל אַמביציע. ווי אַזוי ס'זאָל נישט זיין, ער האָט זיך פאַרייניקט מיט דער ערשטער מחנה עולה־רגלניקעס און אַוועק צום ירדן.

אויפן אָרט, וווּ די הייל איז שמעלער ווי אומעטום און איז אַרומגערינגלט מיט קאַלך־בערג, צווישן קוסטעס און טראָסטענעס פון באַוואַקסענעם ברעג, שפרייזט אויך ער, דער טשעסלער. און נאָך דריי טעג וואַנדערן דערנענטערט ער זיך צום המון מענער און פרויען, וואָס וואַרטן און רוען זיך אָפּ. נאַקעטע, גרויזאַמע שטיינער־בערג רינגלען אַרום די הייל און די שפּאַרעס פון דער שמאָלער ענגער הייל. דער דרום־ווינט, וואָס בלאָזט פון ים־המלח נעמט זיי אַדורך מיט אַ געזאַלצענער לופט: אַ ווילד אומברחמ־נותדיק־האַרט לאַנד. הונדערטער מענטשן זענען דאָ אַהערגעקו־מען מיט זייערע פערד און אייזלען, מיט די קינדער און ציגן, וואָס זייער מילך האָט געדאַרפט דערנערן די קינדער. דער רוב פון זיי זענען געווען אָרעמעלייט, טייל אַלטע, אַסאַך קראַנקע, אין ערגעץ האָט מען נישט געזען קיין צופרידן פנים: בלויז בענקשאַפט. אַסאַך קניען, טייל זיצן. הונדערטער זענען מתפלל. יוחנן דעם מטביל האָט ישו ערשט דעמאָלט דערזען, ווען ער איז אַוועק צום פלאַכן טייל ברעג.

אָט שטייט אַ הויכער מאָגערער מאַן אין אַן אָרעמאַן־מאַנטל, וואָס איז ערטערווייז צעריסן געוואָרן פון די דערנער־קוסטעס, פון זיין מויל, וואָס איז באַוואַקסן מיט וואָנסעס און אַ באָרד, פליסן אַרויס צאָרנדיקע רייד. אינדערהאמתן, עס זעט אויס אַזוי ווי ישעיהו וואָלט גערעדט, יעדע וואָרנונג זיינע ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „ריכט אָפּ תשובה, וואָרים ס'האָט זיך דערנענטערט גאָטס קעניגרייך”. האַרט לעבן אים שטייען עטלעכע, דאַכט זיך, זיינע תלמידים. נאָך יעדן מאָל אָפּרעדן, גייט ער אַוועק מיט

איינעם פון די אַנקומענדיקע אָן אַ זייט און אין אַ ווײַלע אַרום גייט ער אַריין מיט אים אין וואַסער אויף אַ פלאַך אָרט און מיט אָן אַלטן עמער גיסט ער אויף אים דאָס געלבלעכע וואַסער פון ירדן.

פלוצלינג קומט אַריין אַ צערודערונג צווישן המון, אַלע דרייען זיך אויס צו מעריב צו: אויפן וועג פון ירושלים זעט מען אַ רייכן צוג, וואָס גייט אַריין אין דער הייל. ישו איז איי־נער פון די ערשטע, וואָס דערקענט זיינע באַהאַלטענע שונאים; עס גייען כהנים, לויים און פּרושים, אַן עולם פון צוועלף מענער. זיי קומען, כדי אַ קוק צו טון אויף דעם נייען בעל־מופת. ווי גלענצנד, ווי פרעמד זיי שיידן זיך אָפּ פון די פעלזן און פון דעם אָרעמען פאָלק, הגם זיי זענען נישט געקומען אַהערצו אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים! דער אויסדרוק אויף זייער פּנים זאָגט מער, ווי פון זייערע מלבושים, זייערע פאַרשנדיקע קאַלטע בליקן ווילן דערגיין, וואָס אַזוינס עס קומט פאַר אויף דעם אָרט סך־הכּל אַ טאָג גאַנג פון ירושלים. דאָרטן איז טאַקע פאַרגעקומען אַ באַראַטונג און זיי האָבן באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס דאַרף ענדלעך אַ קוק טון, אויסהערן און פרעגן ווען ס'איז נויטיק, וואָרים סוף כּל סוף קאָן מען דאָך נישט לאַנג גלייכגילטיק זיך צוקוקן צו אַזאַ צוזאַמענגעלויף. ווארשיינלעך, אַז ער טרעט אויך אַרויס קעגן אייגנטום! פּילאַטוס האָט שוין אַפילו זיך נאָכגע־פרעגט וועגן אים.

אָן חשק און מיט אַן אינסטינקטיוון דרך־ארץ מאַכט די מאַסע אויס געוווינהייט אַן אָרט פאַר די צוגעקומענע, וואָס שטייען שוין הארט ביים מטביל. מיט זיין פייערדיקן בליק שלאָגט ער די קעלט פון זייערע אויגן, עס זעט אויס, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגערופן מיט ווערטער און ער איז מער ענלעך צו אַ באַשולדיקער, איידער צו אַן אויסגעפאָרשטן. אַ גרויסער עולם רינגלט אַרום דידאָזיקע סצענע:

— ווער ביסטו? — פרעגט אים דער עלטסטער. דער גע־פרעגטער כאַפּט אויף דעם זין פון דער פראַגע און ענט־פערט אָפּ:

— איך בין נישט דער אויסלייזער.
— טאָ ווער ביסטו? ביסטו אליהו?
— ניין.
— ביסטו אַ נביא?
— ניין.
— טאָ זאָג זשע ווער דו ביסט, כדי מיר זאָלן קענען געבן אַן ענטפער די, וואָס האָבן אונז געשיקט אַהער! פאַר וועמען האַלסטו זיך?

עס הערשט אַן אָנגעשטרענגט שווייגן, וואָרים זיי האָבן נאָך נישט דערהערט זיין אמתדיק קול, און ישו, וואָס שטייט אין אַ קרייז צווישן אַסאַך, פילט, ווי זיינע דונערנדיקע ווערטער האָבן זיך צונויפגעקנוילט אין יוחננס ברוסט און באַלד וועלן זיי זיך צאָרנדיק פון דאָרטן אַרויסרייסן.

— איך בין דאָס קול, וואָס רופט אין דער מדבר: מאַכט גלייך די וועגן פון גאָט, ווי ישעיה האָט געזאָגט.

— וויאַזוי האָסטו דעמאָלט טובל געווען, אויב ביסט נישט משיח, נישט אליהו און נישט קיין נביא?

— איך בין טובל מיט וואַסער. עס וועט אָבער קומען אַ שטאַרקערער פון מיר, וואָס איך בין נישט ווערט אים אויפצובינדן די שנירלעך פון זיינע שיך. אָט ער וועט אייך טובלען מיט פייער!

אַ שוידער נעמט אַדורך אַלע אַרומיקע. אַלע אָטעמען אָפּ מיט פאַרלייכטערונג, וואָרים עס האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצומיידן די פראַגעס פון די כהנים, אָבער גלייכצייטיק דריקן זיך ביי אַלע צונויף די הערצער, ווייל ער האָט גערעדט וועגן משיח, אָבער ער אַליין איז דאָס נישט. בלויז די כהנים בלייבן שטיין קאַלטבלוטיק, שווייגנדיק קוקן זיי זיך איבער און זיי פילן, אַז דעמדאָזיקן מענטש קאָן מען אַזוי לייכט נישט בייקומען. אָבער אָט פרעגט אים איינער פון זיי, פאַרוואָס ער גייט נישט קיין שומרון, אָדער בכלל צו די חיידן, ווו עס געפינען זיך אַזעלכע, וואָס דאַרפן תשובה טון. דאַן האָט זיך טיף פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן אַ פעלזן-שטימע, וואָס דונערט מיט מער צאָרן,

בעת ער האָט זיי געשליידערט אין פּנים אַריין אָט די ווערטער:
איר שלאַנגען! ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז איר וועט קאָנען אַנטלויפן פאַר גאָטס צאָרן. איר זאָלט נישט מיינען, אַז איר קענט זאָגן: אברהם איז אונזער פאָטער. וואָרים איך זאָג אייך, אַז פון די דאָזיקע שטיינער וועט גאָט באַשאַפן קינדער פאַר אברהמען. די האַק ליגט שוין אויפן וווּרצל פון בוים, און ווער עס וועט אַרויסברענגען שלעכטע פּירות, וועט אָפּגעשניטן ווערן און אַריינגעשליידערט ווערן אין שאול תחתיה אַריין.

די לוויים טראַכטן, אַז זיי ווייסן שוין גענוג. זיי פאַרשטענדיקן זיך איינער מיטן אַנדערן און גייען אַוועק. אָבער ווער ווייסט, אפשר האָט זיך עמעצער פון זיי איבערגעשראָקן און ער טראַכט וועגן די ווערטער פון ישעיה: „גאָטס צאָרן וועט זיך אָנצינדן אויפן פאָלק, ער וועט אויסציען זיין האַנט און אַזוי לאַנג שלאָגן, ביז די בערג וועלן זיך אָנהויבן וואַקלען". דאָס אָרעמע פאָלק, וואָס איז פאַרבליבן ביים טייך, שטייט שטילשווייגנדיק, ווייל זיי האָבן נישט קיין מוט צו לויבן דעם מטביל, ווי עס וואָלט זיך זיי געוואָלט. זיי האָבן מורא דאָס צו טון, ווייל יוחנן האָט געדראָט די רייכע. זיי רינגלען אים נאָכאַמאָל אַרום אין אַ קרייז.

איינער נאָר שטייט פונדערווייטנס. ער האָט נישט געהערט די לעצטע קללה פון מטביל. אין זיינע אויערן און אין זיין האַרץ קלינגען אָפּ די ווערטער, אַז עס וועט קומען אַ שטאַרקערער, און פּונקט ווי דער געדאַנק פון שלאָפנדיקן גייט פאַמעלעך פאָרויס און ציט זיך צוריק, ווערט פאַרשווינדן און באַווייזט זיך ווידער, אַזוי פאַרחלומט באַוועגן זיך די געהערטע ווערטער אין דעם דרימלענדיקן באַוווסטזיין פון טשעסלער, ווערטער וואָס ווערן לסוף פאַרשווינדן, ווי נאָר ער וועט אויפוואַכן.

צומאָרגנס איז געקומען די ריי אויף אים. ער רופט אָן פאַרן מטביל זיין נאָמען, די שטאָט און זיין באַרוף, אפשר נאָך עפּעס מער, אָבער ווען עס קומט צום מתוודה זיין זיך, איז אַלץ ווי אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. נאַטירלעך, דאַרף ער אויך תשובה טון און מתפלל זיין ווי יערער איינער, וואָרים ליב האָבנדיק גאָט,

פילט ער זיך נישט בתכלית השלמות. ער פילט זיך אָבער נישט זינדיק פאַר מעשים, וואָס מ'זאָל קאָנען אָנרופן מיט ווערטער. און ווען ער זאָל אַזוי וועלן דערציילן יענעם וועגן דעם איינציקן חטא זיינעם, — וועגן זיין ווידערווילן צו די כהנים, וואָלט ער דערמיט אַליין אויך דעם מטביל געמאַכט פאַר אַ בעל-עבירה. מיט שוייגנדיקן דרך-ארץ קוקט ער זיך צו פון דער נאָענט דעם דרייסטן, פאַנאַטישן מענטשן, וואָס איז ענלעך צו אַ נביא, און פונדעסטוועגן רופט ער זיך נישט נביא; וואָס רופט צום בונט קעגן געלט און מאַכט, און דאָך פאַרלאָזט ער נישט דעם מדבר. ער באַוואונדערט אים, ווי עפּעס אַ פרעמד וועזן.

דער מטביל אָבער קוקט זיך צו צו אים אויפמערקזאַם. אַן אָרעמער און שטילער מענטש שטייט פאַר אים, אָבער עס רוט אויף אים עפּעס קעניגלעכס, הגם ס'איז אים נישט באַוווּסט וואָס: דער פאַרשנדיקער בליק? אָדער דאָס מילדע, ווייטע קול? די פאַרנייגונג, וואָס קומט נישט נאָר פון דער הכנעה? און ווען דערדאָזיקער פרעמדער מענטש בעט ביי אים נישט דרייסט אַ טבילה, דאַכט זיך דעם מטביל, וואָס האָט שוין אַזויפיל מענטשן טיף אין די הערצער געקוקט און נישט זעלטן געווען אינגאַנצן זיכער מיט זיך, — אַז דאָסדאָזיקע האַרץ איז פאַר אים אומצו-טריטלעך. פונוואַנען נעמט זיך צו דעם טשעסלער אַזאַ האַלטונג? צי ער אַליין ווייסט דערפון? אָבער ביידע שוייגן וועגן דעם, וואָס זיי טראַכטן און זיי גייען אַריין אין וואַסער.

און אָט שטייען לעבן זיך צוויי מענער אין עלטער פון צווישן דרייסיק און פערציק יאָר, ביז דער העלפט לייב שטעקן זיי אין לעבלעכן, שווערן, געלבלעכן ירדן-וואַסער: יוחנן און ישו, ביידע זענען זיי נאַקעט. אַ גאָר הויכע מאָגערע פיגור, שלאַנק און דאַר, שטייט לעבן אַ צווייטע פיגור, וואָס בליט מיט יונגקייט; יענער איז באַוואַקסן מיט שטעכעדיקע, ווילדע האָר אויפן קאָפּ און באָרד, דער אין לאָקן; דער קעניג פון דער מדבר לעבן אַ פריינט פון גערטנער, נזיר און דיכטער, פאַנאַטיק און טרוימער. לויטן אויסזען פון ביידע מענטשן זעט מען, ווי דער סובטעלער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, און דער אומסובטעלער

ליִיגט אַרויף  אויף אים די האַנט און באַגיסט אים מיט וואַסער. איינער טראַכט וועגן זיין אויסגעפירטער שליחות, דער אַנדערער — וועגן זיין פאָטער.

און ווען ער  גייט אַרויס פון וואַסער,  ריין פון עבירות, וואָס ער האָט נישט געטון, פילט זיך יעזוס שעמעוודיקער מער ווי פריער, גיכער פאַרחידושט ווי אויסגעלייזט. ווי אין אַ נעפּל זעט ער פאַר זיך דאָס בילד פונם מטביל און אַרום שטייט דאָס פאָלק; ווען ער זונדערט זיך אָפּ פון יענע, כּדי צו בלייבן מיט זיך אַליין, שפּאַרט ער זיך אָן אין אַ צווייג און פאַרמאַכט די אויגן: אַזוי שטייענדיק, זעט ער ווי פלוצלינג עפנט זיך פאַר אים אַ קוואַל פון אַ ניי ליכטיקייט און מיט זיין גייסטיק אויג זעט ער אַ ניי בילד, דאָס אויער הערט קולות. וויאַזוי? צי איז דאָס נישט די טויב, וואָס פליט אַראָפּ גלייך אויף זיין קאָפּ, ווי זי וואָלט אים געבראַכט אַ בשורה? און באַלד רופט זיך אָפּ, אָבער נישט אין אים — פון דער טיפער ווייטקייט קומט אָן אַ בת-קול, און אַ קול אָן אומבאַקאַנטס, וואָס איז איינגעהילט אין וואָלקנס, רופט אויס צו זיין האַרץ:

— דו ביסט דער, מיין ליבער זון, אין וועלכן כ'האָב זיך אָפּגעזוכט.

ער ציטערט, האָרכט זיך איין: אָט דאָס איז געווען אַ קול פון גאָט! אַסאַך מאָל האָט ער דאָס שוין געהערט אין גערויש פון טייך, אין גלאַנץ פון די שטערן, אין די קינדערשע קול-עכלעך, אין שווייגעניש, אין גערויש, אין געפיל! אָבער איצט דאַכט זיך אים, ווי ער וואָלט דייטלעך און קלאָר געהערט, ווי דידאָזיקע שטימע וואָלט אים מיט אַ וווּנדערבאַרער צערטלעכקייט גערופן און אים אָנגערופן אייגענער זון.

און איבערגעשראָקן אַנטלויפט ישו פון פאָלק און פון מטביל אין דער מדבר אַריין.

ז

צומאָרגנס וועקט ער זיך אויף פון טיפן חלשות. פאַ-מעלעך, שטופנווייז קומט אויף אין זיין זכרון דאָס געשעענע,

אָבער די מוטנע געדאַנקען ווערן נישט קלאָרער, און אין דעם העלן ליכט פון איינזאַמקייט, ווערן זיינע נשמה-יסורים נאָך שטאַרקער. ער האָט נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט געזען דעם מדבר און ער האָט אים פיינט. ס'איז דאָ גאָרנישטאָ, אין וואָס ער האָט זינט זיין קינדהייט דערקענט גאָט. ער זעט נישט דאָ קיין בלומען, קיין וואַסער, קיין חיות און מענטשן, פאַר זיינע אויגן גייט נישט פאַרביי די באַוועגלעכע כוואַליע פון דער וועלט. אַרום איז בלויז טויטע שטיינער און דאָס זאַמד צעשיט זיך בלויז צווישן זיינע פינגער. דאָ קאָן ער נישט בעטן גאָט.

אָבער גאָטס קול האָט זיך דאָך אָפּגערופן צו אים. צי איז עס געווען ערשט נעכטן? דאָסדאָזיקע קול האָט זיך אָפּגע-רופן אין האַרץ פון זיין האַרץ, אַ פרעמד און ווייט קול און אָנגערופן אים זון. דאָס קול האָט זיך אָפּגערופן, ווען ס'איז שוין געווען נאָך דער טבילה, נאָך וואָס ער האָט זיך געפונען אין אַ געדריקטן נשמה-צושטאַנד. אַ קול האָט געדונערט, דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און אין זיין פאַרחלומטן צושטאַנד האָט זיך אַ פליענדיקע טויב אַראָפּגעלאָזט איבער אים. אַזוי האָט זיך אָפּגערופן צו אים יענץ קול, און איצט איז ער אַליין צווישן זאַמד אין דער מדבר, איינער אַליין אונטער דעם גרע-נעצלאָזן הימל. אומזיסט שטעלט ער זיך די פראַגע, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? די צייט פאַרגייט, דאָס אָרט גייט פאַרלוירן אין נעפּל, די געבורט-שטאָט און דער ווערקשטאַט זענען פאַרבליבן ערגעץ אין אַ אומדערגרייכבאַרער ווייטקייט. אָט איז אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין לויטער, שטיל לעבן, קעמפט איינער אַליין מיטן גייסט, וואָס רופט אים; ער באַ-שליסט נישט צו פאַרלאָזן דעם מדבר, ביז ער וועט נישט דערגרייכן און דערקענען דעם קלאָרן אמת.

צי איז עס געווען דער רוף פון זיין פאָטער אין הימל? אויף אַזאַ אופן וואָלט דאָך דאָס קול מער געזאָגט, וויפל עס האָט געזאָגט צו די גרויסע נביאים. און אויב דאָסדאָזיקע קול האָט נאָר געדאַרפט זיין אַן אָפּפרישונג, טאָ פאַרוואָס האָט דאָס אַריינגעדרינגען אין די פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען זיינע? אין

משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט פאַרברענגט ביים ירדן, האָט ער בסוד פאַרגלייכט זיך מיט דעם, וואָס האָט טובל געווען אים און אַלע און גלייכצייטיק האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע, צי דידאַזיקע פאָרם און דידאַזיקע ווערטער זענען נושא-חן ביי גאָט. אין דער פאָרשטעלונג האָט ער זיך געזען אויפן אָרט פון יוחנן און ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי וואָלט ער אויף זיין אָרט געהאַנדלט. צי האָט זיך נישט דערוועקט אין אים אַ קנאה, בעת ער האָט געזען, ווי דאָס פאָלק רינגלט אַרום דעם מאָגערן נזיר, וואָס קאָן אוודאי נישט בעסער ווי ער דעם גלויבן? און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון וואַסער, צי האָט ער זיך אַליין נישט געפרעגט מיט אויפרעגונג, פאַרוואָס האָט ער צום ערשטן מאָל זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ פרעמדן מענטשן? אַזוי האָט געזען גאָט, וואָס ווייסט אַלץ, וואָס אַ שטערבלעכער טראַכט פאַר זיך אַליין. פאַרוואָס האָט דאָס קול, וואָס האָט גערעדט צו אים אוממיטלבאַר, אויסגעקליבן זיין שוואַכסטע מינוט? כדי אים צו שטאַרקן און צו מוטיקן?

ניין, דאָס אַלץ האָט אַ טיפערע באַדייטונג. אין דעם קול, וואָס איז געווענדעט געווען צו אים, האָט געמוזט זיין אַן אויפפאָדערונג! און אפשר דאַרף ער טון דאָסזעלביקע, וואָס דער מטביל טוט? פריידיקן תשובה, וואַנדערן אין לערנען? זאָל ער אַוועקוואַרפן די אַרבעט, די שטאָט און די פאַמיליע, זיין שטיל לעבן, און פון אידיליע איבערגיין צו מעשים? און ער זאָל טון דאָס, וואָס יוחנן טוט? בלויז דאָס, וואָס יוחנן טוט? צי יוחנן שאַפט נישט אַ נייע צערעמאָניע אויפן אָרט פון דער אַלטער? צו וואָס דער אַסקעטיזם און דער מדבר, תעניתים און ענויים? צי איז דאָס אַלץ נישט אַזוי ענלעך צו קרבנות, וואָס ער אַליין לייקנט אָפּ? פאַרוואָס שטראָף און אונטערגאַנג און נישט פאַטערלעכע גוטסקייט? צו וואָס האָט גענוצט יענער טאָן פון דראָונג, וואָס שרעקט איבער מענטשן און וואַרפט זיי אויף דער קני? אויפהויבן די מענטשן, — אָט דאָס וואָלט געווען אַ טאַט ראוי פאַר גאָט! נישט דער פחד וועט זיי געבן גלויבן, נאָר דער חסד, און ווער ס'האָט באַזוכט דעם איינזאַמען מענטשן, דעם

מידן, וואָס ציטערט צווישן המון אויפן זאַמדיקן ברעג, דער וואָלט שפּעטער געקאָנט פאַרזאַמלען אַלע אונטערן דאַך, אויף אַ פעלד, אויף אַ באַרג, און דערציילן זיי, וואָס אונזער פאָטער אין הימל פילט און וואָס ער וויל!

און דאָך ווי גרויס יוחנן איז! ווי שטאַרק דער בליץ פון זיינע אויגן האָט געטראָפן די כהנים! ווי שאַרף, ער האָט גע-חוזקט פון זיי, ווען ער האָט זיי אָנגערופן זין פון אברהם אבינו; און יעדער בעל-תשובה פון די געצנדיגער האָט ער געשטעלט העכער פון זיי! קיין איין וואָרט נישט וועגן קאַמף קעגן די רוימער, קיין איין וואָרט נישט וועגן אויפשטאַנדן. פאַר יעדן באַזונדער האָט ער געפּריידיקט חרטה, אָרעמקייט און הכנעה, אָבער ער האָט לייקענענדיק געשאָקלט מיט זיין צעשויבערטן קאָפּ, בעת מ׳האָט אים גערופן נביא.

נאָך מיר וועט קומען אַ שטאַרקערער! און ווען ער אַליין זאָל אויסדערוויילט זיין צו דעם, און דערפאַר טאַקע האָט זיך אין יענער שעה אָפּגערופן צו אים דאָס קול פון זיין באַשעפער? וואָס? ער, יוחנס נאָכפאָלגער? אפשר גאָר דער, וואָס וועט אים איבערשטייגן? מיט שרעק באַמיט ער זיך אָפּצושאָקלען פון זיך דעם געדאַנק, וואָס באַהערשט אים וואָסאַמאָל שטאַרקער, אַז ער דאַרף זיך שטעלן אויף יוחנס אָרט, פאַרראָטן דעם, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אַרויפגעלייגט זיינע גוטע הענט אויף זיין קאָפּ!

אין אַזאַ אינערלעכן פּיין הויבט ער אָן פאַסטן, ווי יוחנן האָט זיך נוהג געווען. צום ערשטן מאָל פּרווט ער מיט אַ קרבן פון גוף בייקומען די שוועריקייטן, ווייל נאָך קיינמאָל ביז איצט האָט זיין הארץ נישט געשטעקט אין אַזאַ תהו-ובהו, קיינמאָל ביז איצט האָט ער נישט גענוטיקט קיינע אויספּרוּוונגען און ער האָט זיך נישט גענויטיקט אין סמנים, ביז אַט איצט, ווען דער סימן האָט אים אַזוי שטאַרק צעמישט און געצווונגען אים צו מאַכן אַ פּרווו. פון טאָג צו טאָג זענען די נערוון און די חושים פון אויסגעהונגערטן נזיר געוואָרן פילבאַרער און די געדאַנקען וואָסאַמאָל לויטערער. אין די שמועסן מיט זיך אַליין, צווישן אויפשטייגונג פון גייסט און פאַרמאַטערטקייט, באַווייזן זיך פּאַת

זיין נשמה, וואָס איז אויסגעריסן פון שטילן לעבן, אַזעלכע בילדער, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט נישט געזען, אָדער אויף וועלכע ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט. דער הונגער שוואַכט אָפּ זיין גוף. זיין נשמה ווערט געפּייניקט פון נסיונות, וואָס ווילן מיט אַ פּלוצומדיקער אָנפאַל זי באַהערשן.

דער געדאַנק, אַז ער איז דער אויסדערוויילטער, שטויסט אים, ווי אַ שטאַרקע טרייב-קראַפט צו דעם, אַז ער זאָל צו זיך אַליין אַרויסשטעלן אויסערגעוויינטלעכע פאָדערונגען. עס זעט אויס, ווי די אַליינדערקענונג זיינע וואָלט געוואָקסן פון שעה צו שעה. וואָרים אַ קול פון אינעווייניק פרעגט אים, פאַרוואָס קען ער אויך נישט פאַרוואַנדלען די שטיינער אין ברויט, ווי יוחנן האָט עס געזאָגט אין זיין דרשה. אָבער ער באַרויקט זיך, וואָרים אַן אַנדער אינערלעך קול ענטפערט אים אָפּ: „נישט מיט בלויז ברויט לעבט אַ מענטש, נאָר מיט יעדן וואָרט פון גאָט.“ ווען ער וועקט זיך אויף פון זיין האַלבשלאָפעדיקן צושטאַנד ווייסט ער, אַז דאָס איז געווען דער שטן, דערזעלבער טייוול, וועלכן ער האָט שוין אַזויפיל מאָל געזען זיך וואַרפן און וויל-דעווען אין די גייסטיק-קראַנקע און יעזוס באַוואָפנט זיך דערי-בער אויפסניי מיט פרישע כחות.

אָבער אין חלום זעט ער, ווי ער איז איבערגעטראָגן גע-וואָרן אויף דעם גאַניק פון בית-המקדש, איבערן גאַנצן פאָלק, און דאָס פאַרפירערישע קול פון אַמביציע, דאָסזעלביקע, וואָס האָט זיך אָנגערופן צו אים, ווען ער האָט דערזען יוחנן דעם מטביל, פרעגט אים: „אויב דו ביסט גאָטס זון, טאָ לאָז דיך אַראָפּ אונטן, וואָרים עס שטייט געשריבן: ער האָט זיינע מלאכים באַפוילן וועגן דיר, אַז זיי זאָלן דיך אויף די הענט טראָגן, כדי זאָלסט דיינע פיס, חלילה, נישט צעקלאַפּן אין די שטיינער.“

דער גאָלדענער דאַך אונטער זיינע פיס רייצט אים מיט זיין גלאַנץ און עס לאָקט אים אויף דער געדאַנק צו זיין, כאָטש אויף אַן אויגנבליק, נביא אין דער גאָר ווייט-אויסגע-שפּרייטער, אומבאַקאַנטער שטאָט. אָבער ער ווערט אָפּגעראַטעוועט

דורך אַ קול פון האַרץ, וואָס רופט אויס: „פּרוּװו נישט אויס דעם האַר, דיין גאָט!“

און דאָ וואַרפט זיך אויף אים שרעקלעך אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע. עס בענקט זיך אים שטאַרק נאָך זיין היימאַט. ווו איז די זעליקע שטילקייט פון זיין האַרץ, בעת ער האָט פאַרבראַכט אין זיין פאָטערס הויז, ווו ער האָט דאָרט פון גאָרנישט זיך געמוזט אָפּזאָגן, ווייל ער האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט? צי מוז ער ווערן אַ קעמפער? און ווידער פילט ער, ווי דאָס פיבער קערט זיך אום צו אים, דעם איינזאַמען אויפן זאַמד אין מדבר, דעם הונגעריקן, און דריי מאָל פאַר אַ נסיון געשטאַנענעם, ווייל אָט אין חלום פילט ער זיך פאַרטראָגן אויף אַ הויכן באַרג און ער זעט דאָס קעניגרייך פון דער גאַנצער וועלט ביי זיינע פיס, און דער שטן זאָגט צו אים: „דאָס אַלץ וועל איך דיר אוועקגעבן, אויב דו וועסט פאַלנדיק בוקן זיך צו מיר“. אָבער יעזוס רייסט זיך אַרויס מיט אַלע כחות און שרייט אויס: „אַוועק שטן! וואָרים עס שטייט געשריבן: נאָר צו גאָט זאָלסטו זיך בוקן און נאָר אים אַליין זאָלסטו דינען!“

און מיט זיין אייגענעם געשריי אין די אויערן פאַרלאָזט ער אַן איבערגעשראָקענער, צובראָכענער און פאַרצווייפלטער די בערג און די הויכקייטן און אַנטלויפט פון דער מדבר, וואָס ער האָט אַמאָל געזוכט, און אונטער אים לויפן נאָך שאָטנס פון שרעקלעכע וויזיעס. ער וועט זיך אומקערן אין זיין היימאַט צו זיין וואַרשטאַט, צו די אָוונטן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי די זייטן פון די בערג, אין דער שטילקייט פון זיין קליינער, אָבער גרויסער וועלט.

אָבער ווען ער דערנענטערט זיך צום טייך, באַשליסנדיק פעסט אויסצומיידן דאָס אָרט, ווו יוחנן המטביל איז טעטיק, באַמערקט יעזוס אַן אויפרעגונג צווישן אַ מחנה מענטשן, וואָס איז אים געקומען אַנטקעגן; עס איז אַ גערודער און אַ קאָכעניש אין דער מחנה, ווי נאָך אַ פאַרשפּילטער מלחמה. פונדערווייטנס זעט ער זעלנער גייען אויף מזרח. מיט אַ מאָדנעם פאַרגעפיל דערנענטערט ער זיך צו די ערשטע מענטשן, וואָס ער

קאָן דאָ באַגעגענען. — צי האָט איר נאָך גאָרנישט געהערט? — פרעגן אים די פאַרחידושטע. מ'האָט געפאַנגען דעם מטביל! הורדוס אַנטיפּאַס, דער האַר פון לאַנד, האָט אַרויסגעשיקט זיינע זעלנער זיי זאָלן אים פאַנגען! אָט דאָרטן פאַרשווונדן זיי אין די אונטערגייענדיקע אָוונט-שטראַלן און פירן דעם אין קייטן געשמידטן אַרעסטאַנט אין תּפיסה אַריין, פון וועלכער קיין שום כח וועט אים שוין נישט באַפרייען.

ישו בלייבט שטיין ווי פאַרשטיינערט. אָט איז דער סימן! אסברא, אַז גאָט אַליין האָט אַנטשיידן דעם קאַמף אין זיין נשמה: ער דאַרף און ער מוז! אָט פאַרוואָס ס'האָט זיך אָנגערופן צו אים דאָס קול פון זיין פאָטער! דערפאַר האָט אים אָנגערייצט דער שטן! כדי זיין וואַקלדיקייט זאָל באַזיגט ווערן, אויב ער דאַרף פאַרטרעטן דעם מטביל, ער, דער אָנקומענדיקער! זיינע מילדע שטריכן אויפן פּנים ווערן פאַרשטיינערט, ווי אַ מאַסקע. די מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט די בשורה וועגן גורל, וואָס האָט געטראָפן דעם מטביל, קוקן דערשראָקן אויף דעם פאַרענדערטן פּנים פון יעזוסן. די אָבער, וואָס קענען אים, קערן זיך אָפּ פון אים מיט פאַרדרוס, וואָס אויף זיין פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרן אַן אויסדרוק פון גאווה, פון איבערנעמען זיך מיט עפּעס.

און ווען יעזוס באַפרייט זיך פון דעם פאַרשטאַרטן צושטאַנד, כדי צו וואַנדערן ווייטער צו זיין געבורט-שטאָט, הויבט זיין קאָפּ אָן צו טראַכטן אויף אַ נייעם אופן. עס שאַפן זיך ביי אים פּלענער, וואָס זענען אים נאָך קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, עס ווערן געבוירן פראַגן ווי אַזוי דאַרף ער אָנהויבן זיין ווערק און וווּ, ווי אַזוי זאָל ער אויספאָרשן די קליינע צאָל חברים זיינע, כדי זיך איבערצוצייגן אויב זיי וועלן אים גלויבן? און בעת ער וואַנדערט תּמיד אַליין, צו צפון, קומען אים אויפן געדאַנק פאַרשידענע פאַרגלייכונגען: צי האָט יוחנן גוט געטון, וואָס ער האָט אָנגעגריפן די פּרושים? צי האָט ער נישט באַדאַרפט דאָס אויסמיידן? צי וואָלט ער נישט געקאָנט אין אַ מילדן טאָן דערגרייכן דאָס זעלבע, צי גאָר נאָך

מער, און נישט זיך איינרייסן מיט דער וועלטלעכער מאַכט? דאַן טראַכט ער וועגן זיינע ברידער, וואָס זענען פאַרבליבן אַליין, אַרבעטן שווער און ווער ווייסט זיי צוהעלפן ביים טשעסלעריי. אַזוי טראַכטנדיק, דערנענטערט ער זיך קיין נצרת.

אין שטאָט דערוויסט ער זיך אַז דאָס גאַנצע בני־בית איז אַוועק אויף אַ חתונה קיין כּנא, וואָס ליגט צוויי שעה גאַנג פון נצרת. און אפשר זאָל ער אויך גיין אויף דער חתונה? פאַר זיינע אויגן שפּרייטן זיך אויס בילדער און די פילפאַרבי־קייט פון דער חתונה־סעודה, זיינע אויערן נעמען אויף די פריילעכע קלאַנגען פון די היימישע מעלאָדיעס, וואָס רייסן אים מיט וואָס אַמאָל שטאַרקער. נאָך די נשמה־אויפטרייסלונגען וויל ער זיך אָפּרוען און זיך פאַרגעסן. ער וואַנדערט נאָך אַ שטיקל וועג צו צפון צו און ער גייט אַריין אין הויז, ווו ס'קומט פאָר די חתונה.

דאָרטן פאַרווייַלט מען זיך פריילעך. די דאָרפסלייט טאַנצן און זענען אונטער די קלאַנגען פון די פלייטן און צימבלען אַזוי לוסטיק, גלייך ווי עס וואָלט קיינמאָל נישט געדאַרפט קומען דער לעצטער טאָג. זיי פאַרטויבן זיך, כּדי זיך אויסצולעבן, טראַכט ער ביי זיך און לכתחילה קוקט ער זיך צו אַ ווייַלע פונווייטנס צו דער שמחה. די געסט זענען שוין אוודאי אַביסל שיכּור, אָבער מען זעט נישט, אַז זיי זאָלן האָבן געטרונקען. אפשר האָט זיי אויסגעפּעלט ווייַן? זיכער האָט די חתונה, וואָס דויערט שוין דריי טעג, פאַרשלונגען אַלץ, וואָס אָרעמעלייט קענען געפינען אין זייערע קעלער? און יענע טאַנצנדיקע מיידלעך — זאָלן דאָס זיין זיינע אייגענע שוועסטער? אָבער דער, וואָס קלאַפּט זיך איבער די שענקלען און לאַכט פריילעך, איז עס נישט זיין ברודער? זיי אַלע קומען שוין אויס אינגאַנצן פרעמד זיין ניי־עם געדאַנקען־גאַנג.

ערשט ווען ער דערנענטערט זיך עטוואָס און מען דערקענט אים, ווערט די שמחה שטילער. אַלע פילן זיך ווי צעטומלט, וואָרים דער אויסדרוק אויף זיין פּנים פּאַסט זיך נישט צו אַ חתונה־פאַרווייַלונג. עס דאַכט זיך, ווי זיין אַנוועזנהייט

וואָלט געשטערט די פרייליכקייט. עמעצער טוט מיט אַ שמייכל אַ פרעג, צי ער קומט פון ירדן און צי די טבילה האָט אויף אים געווירקט; אַן אַנדערער טוט אַ שטויס אַ דריטן און ער ווייזט אָן אויף יעזוסעס פאַרגייסטיקט פּנים, וואָס קוקט פּלוצלינג אויף די געסט ביים טיש. און אַ פערטער זאָגט אין אַ פּאַר-לעגנהייט, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין ווײַן, און צי ער, מיט אַזאַ פייערלעך יום-טובדיקן אויסזען, קאָן גאָרנישט דערצו העלפן. אָבער ישו שטייט, קוקט זיך צו און שווייגט.

דאַן דרייט זיך אויס צו אים זיין מוטער, וואָס זיצט ביים טיש צוזאַמען מיט אַנדערע, און ווי זי וואָלט אים געוואָלט אויפוועקן פון חלום, טוט זי מילד אַ זאָג: „זיי האָבן נישט קיין וויין".

און ווען ער דערהערט דער מאַמעס קול, וואָס האָט זיך ווי אָפּגערופן צו אים, קערט זיך אום אויף זיין שטערן זיין פריערדיקער דרוק, ער פילט זיך אינגאַנצן פרעמד. זיינע לעצטע איבערלעבונגען, די בילדער וואָס ער האָט געזען און די קולות, וואָס ער האָט געהערט, האָט אים אָפּגעריסן פון אַלצמען און אַלץ, וואָס האָט אים ביז איצט אַרומגערינגלט און וואָס איז פאַר אים געווען זיין שטיל און באַשיידן מענטשלעך גליק. ווי פון אַ טיפער ווייטקייט זעט ער די פרוי, וואָס האָט אים געבוירן, ער קוקט אויף איר קאַלט און רופט אויס:

— וואָס פאַרא שייכות האָב איך מיט דיר, אשה?

אַ פּחד לויפט אַדורך די אָנגעשיכורטע חתונה-געסט, זיין מאַמעס ווערט בלייך, אַלע ווערן תיכף אויסגעניכטערט און אַלע קוקן זיי אויפן טשעסלער פון נצרת, וועלכן זיי קענען טאַקע פאַר אַ מאָדנעם טרוימער, אָבער וועגן וועלכן זיי וויסן גלייכ-צייטיק, אַז ער איז תמיד געווען אַ צערטלעכער און אַ ווויל-ער חבר. וואָס איז מיט אים געשען? צי איז ער משוגע געוואָרן? וווהין קוקטער אַזוי מיט אַזאַ שטאַרן, אומבאַוועג-לעכן בליק?

און ער פילט זיך אַזוי, ווי זיין נשמה וואָלט געקרעפּטיקט געוואָרן. צום ערשטן מאָל דערפילט ער אין אַ געזעלשאַפט פון

מענטשן, אַז ער האָט כּח צו ווירקן אויף זיי, צו קערעווען און באַפעלן מיט זיי: צום ערשטן מאָל דערפילט זיך ישו אַלס נביא! ער שפירט, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט צייכנס, און דאָס, וואָס האָט גראָד פּאַרפּעלט ווײַן, איז דער ערשטער סימן. וואָס הייסט? ער, וואָס איז אויסגעקליבן צו פּאַרטרעטן יוחנן, זאָל נישט האָבן גענוג כּח צו באַזאָרגן אַלעמען מיט ווײַן? טאָ ווי־אַזוי וואָלט ער געקאָנט אויף אַזאַ אופן לערנען דעם פאָלק? ער האָט דאָס געפּיל, ווי ער וואָלט אָט טאַקע איצט אויסגעפּרווון דעמדאָזיקן נייעם כּח. וואָס קיינער האָט נאָך נישט דערקענט אין אים, און וואָס האָט מיט אַ ווײַלע צוריק אַרײַנגעבראַכט די געסט אין צעטומלטקייט, בעת ער האָט זיך געווענדעט צו זײַן מאַמען.

מיט אַ באַפעלערישן זשעסט, וואָס איז יעזוסן אַליין אויסגעקומען פרעמד, באַפעלט ער די קנעכט, אַז זיי זאָלן ברענגען זעקס וואַסערפעסלעך, וואָס זענען פאַראַן אין שטוב, הייסט זיי אָנפילן מיט וואַסער, און דאַן הייסט ער אַוועקטראָגן אַביסל דערפון צום קאָכמייסטער, וואָס ווייסט גאָרנישט, וואָס דאָ קומט פאָר. אַלע קוקן אויף אים, און דאַן אויף דער טיר, דורך וועלכער עס גייט אַרײַן דער פאַרחידושטער קאָכמייסטער, און ער זאָגט צום חתן:

„אומעטום גיט מען צוערשט דעם גוטן ווײַן, און אַז די געסט זענען שוין אַביסל בגילופנדיק, גיט מען דעם געמיינערן ווײַן. און דו האָסט באַהאַלטן דעם גוטן ווײַן דווקא אויף שפּעטער!"

און ווידער קוקן אַלע דערשטוינט אויף ישון. וואָס הייסט? זאָל דערדאָזיקער מענטש האָבן אַזאַ כּח, אַז ער זאָל דורך דער וואַנט פון דרויסן צווינגען דעם קאָכמייסטער צו גלויבן אין דעם, וואָס ער באַפעלט פון דאַנען? זאָל ער טאַקע זײַן אַזאַ מכשף?

און ווידער הויבט זיך אויף צווישן די שיכּורע חתונה־געסט אַ פרייַלעכער גערודער, און נאָר איין איינציקער מענטש, פול מיט חסד פון אַן אויסדערוויילטן קוקט זיך צו מיט אַ רויק און לויטער אויג אויף דער מחנה מענטשן. אָט אַזוי איז דאָס פאָלק

וואָס ער דאַרף לערנען. צי וועט דאָס פאָלק גיין מיט אים, אויב ער וועט זיי נישט געבן מער ווי געדאַנקען? א פאַרשלאָ- סענער אין זיך פאַרלאָזט ער די חתונה-סעודה.

און דאָס איז געוועזן דער ערשטער מופת פון דעם נביא פון נצרת.

## צווייטע קאַפּיטל

# אַ פריילעכע בשורה

## א

„גלויבט אין דער פרייליכער בשורה!"

אַזוי שרייט אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער מאַן אויף אַלע זייטן, און די פישער און הענדלער, בעלי-מלאכות און וואַנדערער, וואָס האָבן פול געמאַכט דאָס בית-המדרש, קוקן אויף אים מיט גרויס חידוש. דאָס קומט פאָר אין כפר-נחום, אויפן צפון ברעג פון טייך כנרת און מחמת דעם, וואָס דאָ, ביים האַנדלסוועג, וואָס ציט זיך פון ים ביז דמשק, פאָרן דורך אַסאַך קאַראַוואַנען און צוזאַמען מיט זיי געלערנטע און נייגעריקע, רייכע און סופרים, — דערפאַר זאַמלען זיך דאָ שבת אָן אַסאַך מענטשן, וואָרים דאָ קאָנען די היגע תושבים זען און הערן אַסאַך נייעס דעם פרעמדן, אויב ער קאָן נאָר לייענען, גיט מען אים אַ ספר-תורה, אַז ער זאָל פאָרלייענען און דאָס געלייענטע אויסטייטשן לויט די פירושים פון דער נייעסטער ירושלימער ישיבה.

אָטאָ דער, וואָס איז נעכטן געקומען אין שטאָט אַריין, און רעדט היינט, שטאַמט נישט פון ווייט, זאָגט איינער צום אַנדערן. וואָרים פון נצרת קאָן מען אַהער קומען אין משך פון איין טאָג, אויב מען גייט אַרויס גלייך מיטן זונאויפגאַנג. קיינער דערוואַרט נישט פון אָנקומענדיקן אויסערגעוויינלעכע זאַכן. אָבער ווען דער פרעמדער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן מתפלל זיין איז דער גאַנצער עולם געוואָרן דערשטוינט, ווייל ער האָט גערעדט שטיל, ווי צו זיך אַליין. ווען ער איז אַרויף אויפן באַלעמער, האָבן אַלע געזען, אַז ער איז נישט קיין אמתער רבי, ווייל ער האָט נישט געטראָגן ביי זיינע קליידער קיין פיר ציצית, ווי

דער דין הייסט. און אפשר איז ער איינער פון יוחננס תּלמידים. װעמען מ'האָט ערשט נישט לאַנג געפּאַנגען? פון װען אָן װאַנ־דערן דידאַזיקע מטבילים איבערן לאַנד און זיצן נישט ביים ירדן? אָבער אויף יוחננס אַ תּלמיד זעט ער אויס צו העפלעך, ער טראָגט נישט קיין האָרענעם קיטל, װי אַלע אַסקעטן און טראָגט נישט קיין נביא־מאַנטל, װאָס אַזױפיל מענטשן גייען שוין אָנ־געטון, כּדי אויסצוזען װי אליהו הנביא. ער קוקט מיט אַ קלאָרן בליק און רעדט גאַנץ איינפאַך:

— עס איז שוין געקומען די צייט, גאָטס־קעניגרייך האָט זיך דערנענטערט! טוט תּשובה און גלייבט אין דער פריי־לעכער בשורה!

דאָס קלינגט לחלוטין אַנדערש, װי דאָס פּריידיקן פון די מענטשן ביים ירדן! אָט דער דראָט נישט און װאָרנט נישט, ער פאַרלאַנגט נישט קיין טבילה און װידוי. עס זעט אויס, װי ער װאָלט אויסגעטייטשט און אויפגעקלערט דעם פאַרבאָרגענעם זין פון דער אַלטער נביאות. און דערפאַר װאָס ער טראָגט נישט קיין ציצית און באַנוצט זיך נישט מיט ספרים, רעדט מיט אַ לשון, װאָס איז אַלעמען פאַרשטענדלעך, פאַרזיכערנדיק דערביי, אַז דער װאָס גלויבט, דער קאָן האָפן, — פאַנגט ער מיט דעם די הערצער פון די פישער און פויערן, װאָס האָבן — אינדעראמתן געזאָגט — זיך תּמיד געלאַנגווייליקט ביי די סובטעלע און שפּיציקע פּשטלעך פון די פּרושים. װעגן דער פריילעכער בשורה האָבן זיי נאָך נישט געהערט, אָבער דאָס אַלץ איז דאָך אַזוי קלאָר און פּשוט, אַז אַפילו קינ־דער קאָנען עס פאַרשטיין; אָט איצט, למשל, פאַרגלייכט ער דאָס הימלישע קעניגרייך צום פיש־פאַנג פון לעבעדיקע און פאַר־פוילטע פיש.

ביי דידאָזיקע װערטער טוט איינער דעם אַנדערן אַ שטויס און זיי לאַכן צו זיך, װאָרים אַלץ װאָס האָט נאָר אַ שייכות מיט פיש־נעצן, איז זיי גאָר גוט באַקאַנט. װען זיי הערן זיך װייטער צו צו זיינע װערטער, דערװיסן זיי זיך באַלד װעגן דעם פאַרזייער, װאָס האָט אַ ביסל זריעה אויסגעשיט ביים װעג, אַ ביסל צװישן די דערנער, אַ קאַפּעטשקע אויף די שטיינער, און דאָס איבעריקע אין

דער גוט צעאַקערטער ערד און דערציילט דערביי וועגן די רעזולטאַטן פון אַזאַ זריעה. אָבער צום סוף רעדט ער תמיד וועגן הימלישן קעניגרייך און יעדער פאַרשטייט אים, בעת ער דערציילט, למשל, וועגן אַ גרויסן און קליינעם בעל-חוב, וועגן צינזן און וווכעריי, און פון אַלעם דרינגט ער אַרויס אַ גרויסן מוסר-השכל וועגן אַ דין וחשבון פאַר גאָט, ווען מ׳שטאַרבט. די פרויען אונטער דער מחיצה הערן אים אויס אויפמערקזאַמער און שאָקלען באַגייסטערט מיט די קעפּ, בעת ער רעדט וועגן אַן אַלט קלייד, וואָס מ׳דאַרף נישט פאַרריכטן מיט אַ ניי שטיקל, און וועגן אַלטע פאַרפוילטע לאָגלען, אין וועלכע מ׳טאָר נישט אַריינגיסן קיין יונגן ווײַן. זיי הערן זיך אויפמערקזאַם צו צו די מעשיות, ווי אַן אלמנה גייט צום בית-דין און גיסט אויס איר ביטער האַרץ, און וועגן אַ באַלעבאָסטע, וואָס זוכט פלייסיק די פאַרלוירענע פּרוטה. דאָס אַלץ זענען זייערע אייגענע ענינים, און זיי הערן אויס מיט מער חשק דעמדאָזיקן מענטש, — וואָס הגם ער איז נישט פונדאַנען, נאָר האָט זעט עס אויס ווי ער וואָלט אָפּגעשטאַמט פון יענער זייט טייך, פון מענטשן אָרעמע און זייערסגלייכן, — איידער די מאָנאָטאָנע תפילות און פּסוקים, וואָס עס פלוידערן די כהנים. בעת זיי קוקן אָפּער פון אונטערן שלייער אויפן רעדנער, געפעלט ער זיי שטאַרק, וואָרים ער האָט שיינע האָר און אַ מעלאָדישע שטימע.

נאָר דריי אָדער פיר סופרים, וואָס זיצן אויף די פאָדערשטע בענק, געפעלט נישט דערדאָזיקער רעדנער. וואָרים מ׳זעט באַלד, אַז ער האָט זיך נישט געלערנט ביי די כהנים, און הגם ער קען תורה, קאָן ער זיכער נישט דעם פּירוש, וואָס איז די וויכטיקסטע זאַך. כל-זמן אַזאַ פּראָסטער מענטש זיצט ביי זיך אין דאָרף, איז אַלץ גוט, ווייל יעדער ווייסט, וואָס ער איז און קיינער נעמט זיך מיט אים נישט איבער. אָבער ווען ער הויבט אָן וואַנדערן און לערנען אַנדערע, דאַכט זיך די פויערן, אַז אַזאַ פרעמדער ווייסט אַסאַך מער, איידער די באַשטימטע לערער, וואָס פאַרלירן דאָן דעם אָנזען ביי זייערע ביז איצטיקע צוהערער. אָטאָ דער האָט אויסגעפינען אַ נייעם אופן ווי אַזוי צו

פאַראינטערעסירן די צוהערער: בעת מ'הערט אים אויס האָט מען דעם איינדרוק, אַז ס'איז אַ שמועס פון שכנים אויפן גאַס. די איינפאַכקייט אַליין! נאַטירלעך, געפעלט דאָס דעם עולם, און דערפאַר וועט ער עטלעכע וואָכן ווערן אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון דידאַזיקע פשוטע מענטשן און ביי זיי אָנגיין פאַר עפּעס.

און בעת זיי וואַרטן אומרויק אויפן סוף פון זיין רעדע און קאָנען נישט איינזיצן רויק אויף די ערטער, בעת ער רעדט און אילוסטרירט מיט די הענט דאָס, וואָס ער זאָגט מיטן וואָרט, — דערהערט זיך פון פאָליש פון בית-המדרש אַ דורכ-דרינגלעכער געשריי. דער רעדנער רייסט איבער, ער שטעלט זיך אויף, אַלע דרייען זיך אויס מיטן פּנים צום פאָליש, פונוואַנען עס טראָגט זיך דאָס געשריי. די מענטשן דאַרטן ציען זיך צוריק פאַר אַן אומגליקלעכן, וואָס ליגט אויסגעצויגן און וואַרפט זיך מיט אַ שוים איבערן מויל, ספּאַזמירט שרעקלעך, ציטערט און שרייט: שווייג! שווייג! וואָס האָסטו צו אונז, ישו הנוצרי? ביסט געקומען אונז אומברענגען! איך ווייס ווער דו ביסט: אַ הייליקער פון גאָט!

און אָט דער האַלב-משוגענער מענטש דריקט אויס אין געציילטע ווערטער אַלע פריינטלעכע און אומפריינטלעכע איינ-דריקן, וואָס מאַכן פול די הערצער פון הונדערטער צוהערער פון דעם פרעמדן רבי. עס דאַכט זיך, ווי זיינע נערוון וואָלטן אויפ-גענומען די שווייגנדיקע אומצופרידנקייט פון עטלעכע פּרושים און דעם שטילן ליב פון אַ גאַנצער מחנה פּראָסטע צוהערער. זיין אויסברוך רייסט איבער די געשפּאַנטע שטימונג, און אין זיינע ווערטער זענען פאַראַן גלייכצייטיק סיי זידלעריי און סיי פאַרגעטערונג.

ישו איז איבערגעשראָקן. דער לאַנגער זאַל זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך אַ וואַקל געטון אין זיינע אויגן און גע-וואָרפן זיך אין אומזיכערקייט. מענטשן שטופּן זיך אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ, ווי זיי וואָלטן געפילט דעם פּחד פון דעם איינעם, אויף וועמענס מעשים זיי וואַרטן. צום ערשטן מאָל האָט ער גערעדט היינט פאַר אַ גרויסן עולם וועגן דעם, וואָס האָט זיך

אַנגעקליבן אין זיין האַרצן אַזויפיל יאָרן. די פּלוצימדיקע קאַלטע פרעמדקייט לגבי זיין מאַמען, וואָס ער האָט דערפּילט אויף דער חתונה ווען ער האָט צו איר גערעדט, דער זעלבסטבאַוווסטזיין און דער ווילן צו ווירקן אויף פרעמדע מענטשן, האָבן אים געהאַלטן פונדערווייטנס פון דער פאַמיליע און אים געבּרענגט אויף דער זייט טייך, ווו עס איז דאָ אַסאַך שטעט און דערפער. נאָר אין דער ערשטער מינוט פון זיין רעדע, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט די בליקן פון די פּרושים, האָט ער זיך דערפּילט אומרויק, אָבער שפּעטער האָבן זיינע אויגן זיך באַגעגנט מיט די בליקן פון די פויערן, יונגנט און פרויען, און פון זייערע בליקן האָט ער אַרויסגעלייענט די געדאַנקען, וואָס זיי דערוואַרטן פון אים.

מיט גיכע טריט גייט ער צו צום קראַנקן, די מענטשן מאַכן אים אַ וואַרע, ווי פאַר אַ קראַנקן-היילער. ער קניט אַנידער, נעמט אָן דעם משוגענעם פאַר דער האַנט, דעם גאַנצן כּוח פון זיין בליק שפּאַרט ער אַריין אין זיינע אויגן, ער טוט אים אַ טרייסל און שרייט צו אים: „שווייג! גיי אַרויס פון אים, דיבוק!" אָבער דער חולה הויבט זיך אָן אויפסניי וואַרפן, ער קערט איבער די אויגן און דרייט זיך אין קראַמפן, אָבער אונטערן איינדרוק פון דעם צערטלדיקן, כּמעט גלעטנדיקן און גלייכצייטיק באַפעלנדיקן בליק, פילנדיק אַן אויסערגעוויינלעכע שטאַרקע באַרירונג, ערגערנדיק זיך, וואָס דידאָזיקע סצענע קומט פאָר אין אַ מקום קדוש, — גיט זיך דער קראַנקער אונטער, די מוסקולן ווערן שוואַכער, פאַלט אַנידער, פאַרמאַכט די אויגן, זיפצט אָפּ רויק און טוט ווידער אַ קוק אויף דעם, וואָס האָט אים בייגעקומען און ער פילט, ווי דער דיבוק, אין וועלכן ביידע גלויבן, פאַרלאָזט זיין גוף. ער פילט דאָס, ווייל דער פרעמדער צווינגט אים אין דעם צו גלויבן. דער שטורעם איז פאַרביי, מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג, כּמעט אָפּגעשוואַכט, שטעלט זיך דער קראַנקער אויף. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט געוואָרן געזונט.

הונדערטער מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם: דער פרעמדער איז, משמעות, איינער פון יענע כּשופמאַכער, וואָס

קענען ארויסטרייבן דיבוקים, ווי דאָס האָבן געקאָנט די אַלטע נביאים! דער עולם רוקט זיך אָפּ מיט דרך-ארץ פון וועג און לאָזט אים אַדורכגיין. און ער ווידער איז פאַרמאַטערט. די פרייד, וואָס ער האָט דערפילט און וואָס איז געשטיגן אין אים וואָס אַמאָל אַלץ מער, דער אומבויגזאַמער ווילן פון אַ קראַנקן-היילער, וואָס האָט אָפּגענומען ביי אים אַלע כוחות — אָט דאָס אַלץ איז פון אים אַוועק און ער אַנטליפט פון המון, דערווייטערט זיך פון די גאַסן, ער גייט אַרויס אונטער דער שטאָט און ערשט דאָרטן, ביים ברעג, זעצט ער זיך אַוועק אויפן זאַמד אונטער די טראַסטענעס, כדי אַביסל אָפּצורוען און קומען צו זיך.

ב

גרין און לויטער האָט זיך צעגאָסן דער טייך צופּיסנס פון די בערג. זיינע כוואַליעס פינקלען אין דער נאָכמיטאָג-זון, און איבער דער בוכטע, געשיצט פון די ווינטן, צווישן בערג און וואַסער, ליגט זיך דידאָזיקע שטאָט, ליגן דערפער און אַסאַך אַנדערע שטעט. פון צפונדיקן ברעג טייך קאָן מען זיי אַלע זען. יענע, למשל, אויף דער רעכטער זייט, אַ צוויי שעה גאַנג פון־דאַנען, די ווייסע שטאָט מיטן טורעם, דאָס איז דאָס נייע טבריה, איבער וועלכער עס הערשט הורדוס אַנטיפּאַס, דער פירשט פון דעם לאַנד, וואָס באַמיט זיך מיט די נעמען פון שטעט, טעמפּ־לען און אַדלער, צו געפעלן און צו חנפענען דעם רוימישן קיסר, פון וועמענס קאַפּריזן ער איז אַליין אָפּהענגיק. אויף דער לינקער זייט זעט מען דעם אָפּפלוס פון ירדן, און ווייט אויף דרום קאָן מען זיך פאָרשטעלן דאָס אָרט, ווו דער ירדן פאַרלאָזט ווידער דעם טייך, כדי צו שווימען גלייך אין ים-המלח אַריין.

גאַנץ מעגלעך, אַז אין דערדאָזיקער מינוט דערמאָנט זיך ישו דעם אָפּפלוס פון ירדן, דעם מענטש, וואָס האָט אים דאָרטן טובל געווען אין וואַסער און יענעם שרעקלעך-שיינעם רוף פון פאָטער, וואָס האָט אים אויפגעוועקט פון די לאַנגיעריקע חלומות. וועגן מלך הורדוס טראַכט ער נישט. דערדאָזיקער

מענטש איז אים פֿרעמד, ווי דער רוימישער קיסר אויף זיין אינזל אין אַ פרעמדן ים און ווי אַלע פאַריבערגייענדיקע וועלטמאַכטן. דאָס געוויש פון פייגל-פליגל דערגרייכט צו זיינע אויערן, ער זעט פון דער נאָענט די טירקלטויב פון זיין היימאַטגעגנט, זי שפרינגט צווישן די טראָסטענעס און לויפט רויק אויף דער בלאָטע ביים ברעג, גלייך אויך זי וואָלט אים דערקענט. אָבער דער פעליקאַן האַלט זיך פונדערווייטנס, ווייל ער איז גרויס און דערפאַר האָט ער שוין נישט אַזאַ צוטרוי צו מענטשן, ווי דאָס קליינטשיקע באַשעפעניש, וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר די פישער. אַז דער וואַנדערער עפנט אַ מושלע און מיט איינס פון זיי צעגראָבט ער אַביסל די ערד, וועט ער זיך תיכף אָנשטויסן אויף אַ שוואַרצן שטיין: דאָס איז אַ באַזאַלט,*) אַ זכר פון אַן ערד-ציטערניש, וואָס האָט דאָ מיט עטלעכע יאָר צוריק געווילדעוועט און מיטגעריסן טויזנטער מענטשן.

ישו קוקט נישט אויף די זאַכן אַזוי גלייכגילטיק ווי אַנדערע מענטשן; ער איז אַ פּאָעט און זוכט אין אַלץ פאַרגלייכונגען. די בערג און די שטיינער, דער טייך און דער שלאָס, די קאַטאַסטראָפאַלע ערד-ציטערנישן און די בליענדיקע בערגאָפּריסן, אויף וועלכע די וויינטרויבן און די מעלאָנען ווערן איצט, אין ניסן, צייטיק, — אַלץ דערציילט אים זיין באַדייטונג און רעגט אים אָן זיך צו פאַרטראַכטן. אָט, למשל, די פעלזיקע בערג, וואָס ער האָט אונטער זיך, דעם חרמון מיט זיינע הייליקן שפּיצן, באַדעקטע מיט אייביקן שניי, איז עס נישט ווי אַן אייביקע דערמאַנונג? שיין, ווי דאָס לעבן, רוט דער טייך צופיסנס די מוראדיקע בערג, און ער ווייסט די ווערטער פון גאָט, אַז צווישן די זיבן טייכן אין ישראל, האָט גאָט אים אויסגעקליבן פאַרן שענסטן.

אין אָוונט-צייט, ווען עס הויבט אָן טונקל ווערט, וועט דער וואַנדערער אַ גרויסע צאָל שיפלעך, וואָס פאַרלאָזן דעם ברעג די פישער איילן אַרויסצוציען די אָנגעשטעלטע נעצן, ווייל אין בין-השמשות קומען די פיש אַרויף גערן אונטערן אויבערפלאַך,

*) אַ פּצ'ו נאָך אַ וווּלקאַנישן אויסברוך מ. פּ.

און דער ערשטער שטערן, וואָס לייכט אויף מזרח, איז אַ צייכן, אַז דער שבת איז פאַרענדיקט און מען מעג שוין ווידער אַרבעטן. מען הערט די געשרייען פון איין שיפל צום אַנדערן, די פישער ציִען אַרויס די נעצן און פאַרוויקלען זיי, דאַן וואַרפן זיי אַריין אין די שיפלעך דעם פאַנג, וואָס וואַרפט זיך און רודערן גיך אַוועק צום ברעג, וואָרים אין דערדאָזיקער געגנט פאַלט גיך צו די נאַכט.

און ווען עטלעכע פון זיי קומען-צו צום ברעג הארט לעבן דעם זיצנדיקן פרעמדן, דערקענען זיי אין אים דעם מכשף פון בית-המדרש, און אויך ער דערקענט איינעם פון די פישער, אַנדריי, יוחננס תלמיד, וועמען ער האָט ערשט נישט לאַנג געזען ביים ירדן. אַנדריי ווייזט אים זיין ברודער שמעון, און בעת אַלע דריקן זיך די הענט, ווייסט קיינער נישט פון זיי, וואָס פאַר אַ פאַלגן ס'וועט האָבן אין דער צוקונפט דער דאָזיקער האַנט-דרוק און אַפילו ישו ווייסט נישט, אַז ער וועט נאָך דעמדאָזיקן שמעון אָנרופן — פעטרוס.

אָבער תיכף דערנענטערן זיך אַנדערע צוויי, וואָס ווילן קענען דעם בעל-מופת, און ווידער זענען דאָס ברידער, זיי הייסן יעקב און יוחנן, און נאָך זיי קומען נאָך אַנדערע. אַלע האָבן זיי צוטרוי צו דעם פרעמדן מענטשן, אָבער נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געזונט געמאַכט דעם משוגענעם, — ווייל אַזוינע נסים האָבן שוין באַוויזן אַסאַך פרושים, — נאָר דערפאַר וואָס ער האָט אויפריכטיק און האַרציק גערעדט צום פּראָסטן מענטשן און צוגעטראָפן צו זייערע הערצער מיט זיינע רייד, וואָס האָבן אַרויסגעפלאָסן פון האַרץ. און ווען די נאַכט-פינסטערניש האָט לסוף אַלע פאַרטריבן, נעמט אים שמעון אַהיים צו זיך, פאַרבעט אים צום טיש, און באַלד פאַרזאַמלט זיך אַ האַלב שטעטל פאַר דער טיר, ווייל די אַרבעט איז שוין געענדיקט, און יעדער וואָלט געוואָלט שטיין פנים אל פנים מיטן פרעמדן היילער.

אויף אַ בעט ליגט אַ קראַנקע שמעונס שוויגער. זי האָט פיבער און מחמת דעם, וואָס ער האָט היינט באַוויזן אַזאַ נס, פירן זיי אים צו צו איר און קוקן אויף אים, און ער פאַרשטייט

זייערע מחשבות. צי דאַרף פון אים ווערן אַ ווונדער-דאָקטאָר? ער וואַרפט אָפּ פון זיך דעם געדאַנק, אָבער די מענטשן שטופּן זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, שטעקן אַריין די קעפּ דורך די טירן און ווענט. אַפילו אויך משה רבינו און די נביאים האָבן באַוויזן נסים, איידער מ׳האָט אָנגעהויבן גלויבן אין זייער לערע. אָט גלויבט שוין אין אים די אַלטיטשקע, וואָס האָט געהערט וועגן דעם געזונט מאַכן אין בית-המדרש און זי ווענדעט רחמנותדיק איר בליק מיט אַן אומבויגזאַמען גלויבן אויף דעם פרעמדן געשטאַלט. זי וויל זיין געזונט, ער וויל זי געזונט מאַכן: פון דעמדאָזיקן טאָפּלטן גלויבן ווערט געבוירן די הייל-קראַפט, און בעת ער נעמט זי אַרום, ווען ער קוקט אויף איר באַפעלעריש און צווינגט זי אונטערוואַרפן זיך זיין כח, גיט זיך עס אים אויך דאָס מאָל איין צו באַזיגן דעם פיבער, און די קראַנקע הויבט זיך אויף אַ געזונטע.

מיט דאַנקבאַרקייט און יראת-הכבוד קוקן אויף אים אַלע מענטשן, וואָס שטיין אַרום. איבערגעשראָקן און מיט אַ דערוויי-דערגעפיל טראַכט ער אַליין וועגן דער ראָל פון מכשף, וואָס מ׳האָט אויף אים אָנגעוואָרפן. וואָרים פון אַנדערן טאָג אָן שטראָמען חולאים פאַר דער טיר פון שמעונס הויז: זיי קומען מחנותווייז, טייל ברענגט מען צו טראָגן אויף בעטלעך, מצורעים, בלינדע, הינקנדיקע, און ער מוז זיי אַלעמען געזונט מאַכן. ער טוט וואָס ס׳איז נאָר פאַר אים מעגלעך. טייל מאַכט ער געזונט אויף לאַנג, אַנדערע — אויף אַ געוויסער צייט, טייל שמירט ער אויס מיט זאַלב. טייל רייבט ער איין מיט בלאָטע, אָבער אין אַלע פאַלן ווירקט דער גלויבן, וואָס ער באַמיט זיך מיט אים אָנצושטעקן אַנדערע. אָבער די קונסט פון געזונט מאַכן איז אים אַזוי נבזהדיק, אַז נישט געקוקט אויפן מיטגעפיל, וואָס ער האָט צו די קראַנקע, מוז ער גובר זיין זיך אַליין, כדי ער זאָל זיי העלפן, און יעדעס מאָל זאָגט ער גוט אָן די געזונט-געוואָרענע, אַז זיי זאָלן שווייגן און קיינעם נישט דערציילן וועגן אים. אָבער אַלע רעדן וועגן אים הויך און זיי לויבן גוזמאדיק זיין קונסט, און דערפאַר פאַרלאָזט ער באַגינעז כפר-נחום, כדי צו האָבן רו.

מענטשן פון המון, פישער און פויערן גייען אים נאָך, כּדי זיך צו דערוויסן נאָך מער וועגן דעם, וואָס ער האָט גע-רעדט אין יענער שעה. חוץ מזה גייען אים נאָך פרויען, און פאַראויס פאַר אַלע יעקבס און יוחננס מאַמע. אַלע זענען שוין געוווינט אים צו זען צווישן זיך, בעת זיי זיצן אויפן באַרג און פאַרריכטן די נעצן, שמירן די שיפלעך מיט סמאָלע און שניצן די רודערערס. אַרומגערינגלט מיט דידאָזיקע אַרעמעלייט, וואָס רייסן אָפּט אָפּ זייערע אויגן פון דער אַרבעט, כּדי אַ קוק צו טון אויף אים, זיצט ער ביים ברעג צווישן מושלען, אין שאָטן פון עטלעכע אַלטע טאַמאַרינבוימער און סרייט זיך, ווען עס רוישן די טראַסטענעס און עס ברויזן די כוואַליעס פון טייך. צווישן דידאָזיקע אומגעבילדעטע, גלויביקע, גוטע מענטשן פילט ער זיך גליקלעך, זיינע געדאַנקען ווערן אויסגעדריקט און באַקליידט פון משלים, וואָרים בעת ער רעדט דאָ, ביים טייך, וועגן גאָטס קעניגרייך, איז פאַר אים גענוג בלויז אויפצוהויבן אַ פינגער אינדערהויך און אָנצווייזן אויפן הימל.

אָ, ווי קליין עס איז דידאָזיקע גרויסע וועלט! נאָך אַ שעה וואַנדערן איז מען שוין אין אַן אַנדער דאָרף ביים צווייטן ברעג טייך, אָבער ישו דאַרף אַסאַך וואָכן ביזן טיפן זומער אַריין איידער ער וועט אויסגיין אַלע דערפער, שטעטלעך און די שטעט אויף יענער זייט טייך כּנרת. ער האָט נישט ליב צו ויצן אויף איין אָרט און וואַרטן, אַז מ׳זאָל צו אים קומען, ווי יוחנן האָט געטון. ער גייט אַליין צו זיינע צוהערער, און מחמת דעם וואָס זיינע ערשטע פריינט באַגלייטן אים כּסדר, שאַפט זיך באַלד אַן עולם מענטשן, וואָס וואַנדערן מיט אים פון אָרט צו אָרט.

פאַר דעמדאָזיקן פון גאָט אויסגעקליבענעם פאָלק איז עס גאָרנישט קיין נייעס און ווונדער, אַז אין דידאָזיקע צייטן פול מיט זוכעניש נאָכן אמת, געפינט דאָרט אַזאַ וואַנדערנדיקער לערער תּלמידים, וואָס פאָלגן אים נאָך און העלפן אים. וואָס האָבן זיי צו פאַרלירן אָט די פישער-קינדער? טרוימערישע נשמות, אומבאַהאָלפענע אַקעגן דעם אוצר פאַרלאַנגען; נעמות, וואָס ווייסן נישט פון קיין חילוק צווישן גאָטס קעניגרייך און דער

ערדישער גאולה פון פאָלק ישראל, גייען גערן נאָך אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט שיינע ווערטער פון דער תורה און האָט גליק־לעכע הענט געזונט צו מאַכן קראַנקע; גייען גערן נאָך אַ מענטשן וואָס וועקט אַ רייכערע בענקשאַפט און אַ טיפערע פון די, וואָס מ'האָט געפילט ביז איצט, און וואָס בעת דעם וואַנדערן, גיט ער אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט ענינים און זאַכן, וואָס מ'האָט אין די אייגענע מקומות נישט געזען און נישט געקענט. חוצדעם איז ער פריילעך, זעצט זיך גערן צו צו אַ סעודה, ווייכט נישט אָפּ פון ווייַן און הייסט נישט אָוועקוואַרפן די ווייַ־בער. די יוגנט און די אומבאַשטימטע טרייב־קראַפט צו נסיעות, די שיינקייט פון דער פריילעכער בשורה און איר אָנגענעמער אָנזאָגער, דער פאָראורטייל און די האָפנונג פון אַ הימלשן שכר, — אָט דאָס אַלץ ציען צו די יונגע מענטשן, צו באַגלייטן דעם נייעם נביא אין זיינע נסיעות.

פון די טאָלן און פון די בערג קומען מענטשן, כדי אַ קוק צו טון אויפן רופא און בעל־מופת, און דאָרט ווו ס'איז נישטאָ קיין בית־המדרש, פאַרזאַמלט זיך דאָס גאַנצע דאָרף ביים ברעג, און ישו שטייגט איין אין אַ שיפל און ער הייסט זיינע חברים, זיי זאָלן עס אַביסל אָפּרוקן פון ברעג. דאָס וואַסער צעטראָגט די קלאַנגען פון זיין קול, און שטייענדיק מאַיעסטעטיש ווי אַ קעניג, אויפהויבנדיק זיך העכער איבער דער גרויסער מחנה מענטשן, וואָס זיצן אָדער ליגן ביים ברעג, רעדט ער צו זיי מיט די ווערטער פון זיין פריילעכער בשורה, רעדט צו זיי מיט וואָס אַמאָל מער משלים און בילדער, גענומען פון זייער אייגע־נעם, ענגן און ריינעם לעבן. ווארים נאָר מיט משלים און מיט קונסט קאָן מען אויסלערנען דאָס פאָלק. אַפילו גאָט, וואָס קיין איין ייד טאָר זיך אים נישט פאָרשטעלן בילדלעך, נעמט ער די דרייסטקייט פאַרצושטעלן פאַר דידאַזיקע פשוטע מענטשן, ווי אַ מלך וואָס זיצט אויף אַ טראָן, ווי אַ האַר איבער ווייַנשטאָקן, ווי אַ פריינדלעכער ווירט, אָדער ווי אַ הערשער איבער שקלאַפן.

דאָן פילט ער, ווי פון דידאַזיקע פשוטע הערצער פליסט אַרויס דער עכאָ פון זיינע רייד און ווען די צוהערער שטעלן

אים פראַגן, ענטפערט ער אויף זיי, און ווען זיי ברענגען אים זייערע קראַנקע, היילט ער וויפל ער קאָן נאָר און דאַן גייט ער ווייטער. פאַרן הויז, וווּ ער שטייט איין, פאַרזאַמלען זיך מענטשן, אַז ער זאָל צו זיי רעדן, בײַ די שיידוועגן בלײַבט ער שטיין און ער רעדט צו אַסאַך אָדער צו ווייניק מענטשן, ווי עס לאָזט זיך, און אויב עס הערן אים אויס פרויען און קינדער. רעדט ער צו זיי נאָך מיט מער לייכטקייט און קלאָרקייט. אָבער אַמליבסטן האָט ער אַוועקצוזעצן זיך מיט זיינע תּלמידים בײַם טיש, און ער רעדט שטיל צו זייערע פאַרטרוילעכע נשמות, ווי ער האָט גערעדט אַמאָל אויף דער שוועל פון זיין ליים-שטיבל אין נצרת, בעת עס איז אָוונט-צייט געקומען צו אים עטלעכע חברים זיינע.

ער מיידט נאָר אויס גרויסע שטעט, ער גייט קיינמאָל נישט קיין טבריה, וואָס האָט שוין מיט איר גלאַנץ אַרויסגערופן פאַרחידושטקייט ביי יעדן קינד פון דער געגנט, און נישט קיין צפוריה. וואָרים דאָרטן, ער פילט דאָס גוט, ווינט דאָס רוישנדיקע לעבן, דער דורשט נאָך מאַכט און כבוד, דאָרטן איז דער טעמפל פון געלט, און די גבירים וועלן אים נישט אויסהערן. ווייטער דאָרטן, ווייט, ליגט און טראַכט עפּעס פאַר-באָרגענע געדאַנקען אַ גרויסע שטאָט, איבער וועלכע עס הערשן די מעכטיקע כהנים, די סופרים און אָפיציעלע שבועה-אָפּגע-מערס, וואָס מיט זייער באַהאַלטענעם האַס ער האָט זיך באַגעגנט נישט איינמאָל אין אַ שווייגנדיקן בליק.

פונדערווייטנס האַלט זיך ישו פון ירושלים.

## ג

די מענטשן וואָס קומען מיט אים אין באַרירונג האָט ווי-אַרומגענומען אַ שטראָם פול ליבע-שטימונגען. ער איז צו זיי געקומען, כדי צוזאַמען ליב האָבן און נישט צו האָסן, ער האָט אין ערגעץ נישט געזוכט קיין קאַמף. דאָס, וואָס ער לערנט דעם אָרעמען און שטילן פאָלק אויף יענער זייט טייך פון

נצרת, פליסט אַריין אין זייער האַרץ, אָבער פאַר די שטאָטישע געלערנטע וואָלט דידאָזיקע לערע זיך נישט אָנגענומען און עס וואָלט נאָר געוועקט ביי זיי די איינגעוואָרצלטע ספקות. אָ, ווי לייכטער עס איז צו טרעפן אין די הערצער פון די גוטמוטיקע און אומפּאַרטייאישע. אָט דידאָזיקע פישער, וואָס מוזן טאָג ביי טאָג מיט געדולד וואַרטן ביי די נעצן און ביי די וועלדקעס ביים ברעג אָדער אין אַ שיפל, אָט זיי זענען דאַנקבאַרע צו-הערער, וואָס קיין שום רוף און אָנרעגונג צו טאָט וועט זיי נישט אַרויסברענגען פון זייער געדולד. דידאָזיקע דערוויסן זיך נישט פון ישוּן אַלץ, וואָס רופט אַרויס אַ כאַאָס אין קאָפּ: וועגן הערשונג איבער דער וועלט און רום, וועגן קנעכטשאַפט און וועגן דעם גרויסן עבר פון פאָלק, און זיי הערן דעסגלייכן נישט וועגן גאָטס נקמה און שטראָף, וועגן צאָרן און באַצאָלונג.

אַ מעכטיקער קוואַל פון חסד גיסט זיך אַרויס פון ישוּס האַרץ, וואָס איז פול מיט ליבע, און דאָס, וואָס ברענגט אים פרייד, לייגט ער אַוועק אויף דעה שויס פון זיין פאָטער אין הימל, וואָס האָט באַשאַנקען אים מיט אַלעמען. מחמת דעם, וואָס אַלע זענען קינדער פון איין גרויסן פאָטער, פאַרשטייען אים צום בעסטן די אומשולדיקע, די איידעלע, די אומגעבילדעטע באַלד ביים ערשטן וואָרט, ווייל זיי דענקען נישט אַנדערש, נאָר ווי קינדער. ווער עס פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, דער לעבט אונ-טער זיין השגחה, וואָרים „זיין זון הייסט ער באַלויכטן סיי פאַר די שלעכטע און סיי פאַר די גוטע, און דעם רעגן שיקט ער אַראָפּ סיי פאַר די צדיקים און סיי פאַר די רשעים". ווער עס גלויבט אַזוי, דער וועט גיך זיך דערוואַרטן גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד, ער וועט געפינען אַן אוצר באַהאַלטן אינם וועלט-אַקער.

אַזוינע ווערטער פאַרשטייען גוט די אַבערגלויבערישע דאָרפסלייט, וואָס זיצן אַרום זייער לערער, וואָרים די לופט איז אָנגעפילט מיט נסים, און די נביאים האָבן געזען ברייט-צעעפנטע הימלען. נישט איינער האָט דאָך שוין מסתמא געהערט וועגן אַ באַהאַלטענעם זילבערנעם אוצר, וואָס מ׳האָט געפונען

פיים אָקערן און אַז דער רעגן איז צונויף געקומען אויך דער תּבואה פון א שלעכטן שכן, וואָס קיינער האָט אים נישט גע־קאָנט ליידן, וועגן דעם אַלעם האָבן זיי געוווסט. אַז דער נביא דניאל האָט שוין געזען איבער זיך אָפן דעם הימל, דאָס ווייסן שוין נישט דידאָזיקע מענטשן, און נאָך ווייניקער ווייסן זיי וועגן דעם, אַז דער מאַן פון נצרת האָט נאָך יונגלווייז צוגע־לייגט זיין אויער צו דער ערד און אויף יעדן אָרט האָט ער געפילט און געהערט די אָנוועזנהייט פון גאָט, וועגן וועלכן ער דערציילט זיי אַצינד. דידאָזיקע פּראָסטע גלויבן אים, ווייל ער דראָט נישט קיינעם, ער זאָגט נאָר אָן א פריילעכע בשורה: ווייל דאָס מענטשלעכע גליק וואָס ער רופט אָן הימליש קע־ניגרייך, מאַכט ער צוטריטלעך פאַר יעדן איינעם, און חוצדעם פאַרלאַנגט ער נישט פאַרן דאָזיקן הימלשן קעניגרייך קיין חרטה און תּשובה, ווי עס האָט געפאָדערט דער מטביל. „בעט און מ׳וועט אייך געבן. זוכט און איר וועט געפינען. קלאַפּט אָן און מ׳וועט אייך עפענען״. צי האָט נאָך וועגן ס׳איז א כהן אין גאָטס הויז געזעדט צו די אָרעמע מיט אַזעלכע טרייסט־ווערטער?

צי איז ער נישט געזעכט דערמיט, וואָס ער רופט אונז ברידער, אויב מיר אַלע האָבן איין פאָטער? צי איז גוט אָפּצו־צאָלן א ברודער אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, ווי עס לערנען די צדוקים אין דער גרויסער שטאָט? ניין, אָבער דאָס, וואָס עס לערנט דער נייער לערער, איז אויך נישט קיין לייכטע זאַך. „אויב טוט דיר עמעצער א פּאַטש אין דער רעכטער באַק, שטעל אים אויף די לינקע. אויב עמעצער ציט פון דיר אַראָפּ דיין מאַנטל, גיב אים אויך אָפּ דיין העמד״. און ווען אין די הערצער פון דידאָזיקע פישער און פויערן ווערן געבוירן וואָסאַמאָל נייע ספקות, צי זיי וואָלטן געקאָנט דערויף באַשטיין און פאַרוואָס זאָלן זיי דערויף באַשטיין, דאַן זאָגט ער צו זיי: „וואָרים אויב איר וועט מוחל זיין די מענטשן זייערע זינד, וועט דער פאָטער אין הימל אויך אייך מוחל זיין״. ווי זיי הערן דאָס, שאָקלען זיי צו מיט די קעפּ און זיי פאַרשטייען, אַז אַזאַ זעלבסטאָפּפערונג וועט אַמאָל ווערן באַלוינט.

אָבער ער פֿאַרלאַנגט נאָך מער! ליב האָבן די, וואָס האָבן אונז ליב, דאָס קענען אויך די היידן. „האָט ליב אייערע פֿיינט; בענטשט די, וואָס שעלטן אייך; טוט גוטס יענע, וואָס האַסן אייך און זייט מתפּלל פֿאַר די, וואָס טוען אייך עוולות און פֿאַרפֿאָלגן אייך“. ליב האָבן די פֿיינט איז זייער אַ שווערע זאַך. וויפֿל מאָל זאָל איך מוחל זיין מיין ברודער? — האָט עמעצער אַ פֿרעג געטון. צי וועט גענוג זיין זיבן מאָל?

און דער רבי קוקט מיט עקשנות אין פּנים פֿונם פֿרעגנ־דיקן און ענטפֿערט:

— נישט קיין זיבן מאָל, נאָר זיבנאונצוואָנציק מאָל!

זיי זיצן און שווייגן. און אין געדאַנק פֿרעגן זיי זיך אַליין, צי דערדאָזיקער מענטש טרייבט נישט איבער אין אַלעמען. אָבער תּיכּף הויבן זיי אים אָן צו פֿאַרשטיין, בעת ער הויבט אָן מיט אַ שטיל קול זיי דערקלערן און עצהנען:

— משפּט נישט, כּדי איר אַליין זאָלט נישט געמשפּט ווערן, וואָרים ווי איר משפּט, אַזוי וועט איר אַליין געמשפּט ווערן... אַלץ, וואָס איר וואָלט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן אייך טוען, טוט איר אויך דאָסזעלבע זיי. אַזוי איז דאָס געזעץ און די נביאים“.

— נאַטירלעך ווייסן זיי נישט, אַז שוין מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, האָט הלל, דער ראש־הסנהדרין, געלערנט דאָסזעלבע כּמעט מיט דיזעלבע ווערטער, אָבער זיי ווייסן, אַז הלל איז לכתּחילה געווען דערזעלבער אָרעמער טאָג־אַרבעטער, ווי זיי. זיי זעען דאָך מיט זייערע אויגן, אַז ישו זיצט נישט אין דעם ראָט פֿון די אנשי כּנסת הגדולה אין ירושלים, קומט נישט אין די רייכע הייזער, זעצט זיך נישט ביי רייכע טישן, נאָר ער קומט צו די אָרעמע, גייט אַריין אין זייערע שטובן, וואָס שטייען אויף יענער זייט טייך, ווייט פֿון בית־המקדש און פֿון די פּאַלאַצן. און ווען ער וויל זיך שוין זעצן צוזאַמען מיט זיי ביים באַשיידענעם טיש, בייגט ער זיך איין אַריינגייענדיק דורך דער נידעריקער טיר, קוקט אַריין אין וויגל און פֿרעגט זיך נאָך וועגן דער ווירט־שאַפֿט, שפּילט זיך מיט די קינדער, און טיילמאָל העלפֿט ער

אַרויס אַ קראַנקע באַלעבאָסטע. זיי גלויבן אים, נאַטירלעך, מיטן גאַנצן האַרצן, בעת ער דערציילט ביים טיש:

— געבענטשט זענט איר, אָרעמע, וואָס איך געהערט גאָטס קעניגרייך... זאַמלט נישט קיין אוצרות אויף דער ערד, ווו מילבן און זשאַווער שעדיקן זיי און ווו גנבים קריגן זיך צו זיי צו און גנבענען אַוועק. זאַמלט אוצרות אין הימל, וואָרים דאָרטן, ווו ס'איז אייער אוצר, דאָרטן איז אויך אייער האַרץ...

זיי שאָקלען פלייסיק מיט די קעפּ אויף אַ צייכן, אַז זיי זענען מיט אים מסכים, וואָרים אין גליל זענען טאַקע דאָ אַסאַך רויבער. זיי הויבן אָן קריגן צו אים צוטרוי, ווייל זיי זעען, אַז ער ווייסט, וואָס ער זאָגט: טאָ אפשר איז דאָס, וואָס ער זאָגט זיי צו אויף יענער וועלט, אויך זיכער און אמת.

בכלל האַנדלט ער אַליין, ווי ער לערנט אַנדערע.

— אַז דו וועסט מאַכן אַ סעודה, סיי מיטאָג-צייט סיי אין אָוונט, פאַרבעט נישט דיינע רייכע חברים, ברידער און שכנים, כדי זיי זאָלן אויך דיך נישט בעטן און דיר אָפּצאָלן. זאָלסט פאַרבעטן די אָרעמע און די קאַלעקעס, לאָמע און בלינדע און וועסט זיין געבענטשט, וואָרים דידאָזיקע האָבן גאָרנישט און זיי קענען נישט דיר מיט עפּעס אָפּדינען. דיין שכר וועסטו באַקומען, ווען די צדיקים וועלן אויפשטיין תחית-המתים.

די רייכע הערן אומרויק אויס דידאָזיקע ווערטער. טאָמער איז עס ווידער אַ נייער אונטערהעצער, וואָס דערציילט דעם פאָלק געפערלעכע זאַכן? אָבער די זין און אייניקלעך פון דידאָזיקע רייכע פילן זיך גערירט פון דעם רוף פון דעם נייעם רבי. אָט גייט צו אים צו אַ רייכער יונגערמאַן און פרעגט, ווי אַזוי קאָן ער אָנקומען אין הימלשן קעניגרייך. די געבאָטן? „איך האָב זיי פלייסיק אָפּגעהיטן פון מיין קינדהייט אָן". פאַר זיינע שטרעבונגען און הכנעה געפעלט ער דעם רבין, וואָס וויל אים, דוקא אים, געווינען פאַר זיך:

עס פעלט דיר נאָר איין זאַך. גיי און פאַרקויף אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט און גיב עס אָפּ די אָרעמעלייט, וועסטו האָבן אַן אוצר אין הימל.

אָבער דער רייכער בחור קען דאָסדאָזיקע נישט משיג זיין, ער טוט אַ קוק אויפן רעדנדיקן, מעגלעך, אַז ער נעמט אים אָן פאַר אַ משוגענעם און גייט אַוועק מיט כּעס פונוואַנען ער איז געקומען. ישו קוקט אים נאָך, און דאַן קוקט ער זיך אַרום און זאָגט צו זיינע תּלמידים:

— ווי שווער איז פאַר די, וואָס האָבן רייכטימער אַריינ-צוגיין אין גאָטס קעניגרייך! גרינגער איז פאַר אַ קעמל דורכצוגיין דורכן לעכל פון אַ נאָדל, איידער פאַר אַ רייכן אַריינצוגיין אין גאָטס קעניגרייך.

ווי מילד ער איז זיך באַגאַנגען מיט דעם רייכן — טראַכטן די מענטשן פון זיין סביבה — הגם ביי אים איז עשירות פאַר-רעכנט פונקט ווי אַ חטא. ער רעדט דאָך אַזוי איידל צו אַלע בעלי-עבירות, אַז טיילמאָל דאַכט זיך, אַז זיי האָט ער ליבער, ווי די צדיקים. ווי אַזוי קאָן מען זיך נישט חידושן? און ווען ער באַמערקט אין זייערע אויגן אַ צווייפל, דערציילט ער זיי אַ משל, וואָס פאַסט זיך צום בעסטן צו פאַר מענטשן אויפן פעלד, אויף וועלכן זיי געפונען זיך טאַקע; אַזוי איז שוין תּמיד, ווייל ער באַקליידט זיינע געדאַנקען אין אַזאַ לבוש לויט עס ברענגט מיט זיך יעדע רגע, די געלעגנהייט און פאַרשידענע באַדינגונגען.

— ווער פון אייך, וואָס וואָלט געהאַט הונדערט שאָף און עס וואָלט אים פאַרלוירן געגאַנגען איינס פון זיי, וואָלט נישט איבערגעלאָזט ניינאוננייציק אויף דער לאָנקע און אַליין וואָלט ער נישט אַוועק זוכן דאָס פאַרלוירענע שעפעלע? און ווען ער וואָלט עס שוין געפונען, וואָלט ער עס אַרויפגעלייגט אויף זיין אַקסל און זיך געפרייט. ווי עס וואָלט נאָר געקומען אַהיים, וואָלט ער צונויפגערופן זיינע פריינט און שכנים און געזאָגט צו זיי: פרייט זיך, וואָרים איך האָב געפונען דאָס שעפעלע, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן. אַזוי וועט אויך אין הימל זיין מער פרייד איבער איין בעל-תּשובה, איידער איבער ניינ-אוננייניציק צדיקים, וואָס נויטיקן זיך נישט אין קיין תּשובה.

און ער דערציילט זיי די געשיכטע פון איינעם אַ זון, וואָס האָט צעטרענצלט זיין גאַנץ פאַרמעגן און לסוף האָט ער

זיך פול מיט חרטה אומגעקערט צו זיין טאַטן, וואָס האָט אים געקושט, אים אָנגעטון אין די יום-טובדיקע מלבושים און געהייסן פאַר אים שעכטן אַ פעט שעפעלע. און בייז איז געוואָרן אויפן טאַטן דער צווייטער זון, וואָס האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט צוזאַמען מיטן טאַטן, זיך קיין איינמאָל נישט פאַרזינדיקט און אפילו נישט געקריגן אַ ציגעלע, אַז ער זאָל קאָנען מאַכן אַ סעודה פאַר זיינע חברים.

— זון מיינער — האָט דער טאַטע געזאָגט — דו ביסט תמיד מיט מיר און אַלץ, וואָס איז מיין, איז אויך דיין. אָבער דו דאַרפסט זיך פרייען און צופרידן זיין, וואָרים אָט דער ברודער דיינער איז שוין געווען געשטאָרבן, און ער איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, ער איז פאַרלוירן געגאַנגען און צוריק זיך אָפּגעזוכט.

ווי אַזוי קאָן עס זיין? צי דער זון, וואָס אַרבעט האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו זיין בייז? עס האָט צומאָל נישט געקריגן קיין ציג פאַר זיין שווערער אַרבעט? אָט אַזוי אומגערעכט מוז זיין די מענטשלעכע ליבע, ווען זי לאָזט זיך פירן מיטן חסד פון דעם גרויסן פאָטער אין הימל. עס האַנדלט זיך נישט אין דעם, וואָס דער מענטש טוט און וואָס ער טוט נישט, נאָר אין דעם, וואָס ער פילט און טראַכט דערביי. צוזאַמען שוין מיטן קלוגן און דורכדרינגלעכן אויג פונם לערער, קלאַפּט אַ מענטשלעך האַרץ און זעט ווי אויף דער פלאַך פון דער האַנט די באַהאַלטענע שוואַכקייט פון דעם האַרץ. אַלץ, וואָס ישו האָט נאָך יונגלוויז באַמערקט ביי די רייכע, קומט אים איצט אויפן נעדאַנק, אָבער נאָר פאַר דער באַהאַלטענער זינד איז ער שטרענגער ווי דאָס געזעץ.

ער ווייסט אויך, אַז מיט די פייערלעכסטע שבועות באַשטעטיקט מען מערסטנטיילס דאָס, וואָס מען ווייסט נישט אויף זיכער. צו וואָס האָט גענוצט צו שווערן איבערן הימל און איבערן אייגענעם קאָפּ? „דער מענטש האָט דאָך צומאָל נישט איבערן אייגענעם קאָפּ אַזאַ מאַכט, אַז ער זאָל זיך קאָנען מאַכן איין האָר שוואַרץ אָדער ווייס. דאַן זאָלן אייערע רייד זיין: יאָ,

יאָ; ניין, ניין. און וואָס עס איז איבער דעם שטאַמט פון נישט־גוטן. צוואָס הייסן צעפּויקן, בעת מען טיילט די נדבות די אָרעמעלייט. רימען זיך ווי די צבועקעס אין די בתי־מדרשים, כדי מענטשן זאָלן אויף זיי קוקן און זיי לויבן? זיי האָבן זיך שוין גענומען זייער שכר. אָבער דו בעת שענקסט אַ נדבה, זאָל דיין לינקע האַנט נישט וויסן, וואָס עס טוט די רעכטע האַנט, כדי דיין נדבה זאָל זיין בסוד, און דיין באַשיצער, וואָס זעט אפילו באַהאַלטענערהייט, וועט דיר אָפּן אָפּגעבן דיין שכר. צו וואָס מתפּלל זיין אַלעמען אין די אויגן, אַלע זאָלן זען? גיי אַריין אין דיין צימער, פאַרמאַך הינטער זיך די טיר און אַ באַהאַלטענער זיי מתפּלל צו דיין פאָטער אין הימל. פאַרוואָס פאַרנאַכלעסיקסטו בעת אַ תענית דיין אויסזען, אַז אַלע זאָלן זען, אַז דו פאַסטו? אַז דו פאַסט, שמיר איין דיין קאָפּ מיט זאַלבן און וואַש דיין פּנים.

אָדער אפשר מיינט איר, אַז מיט אַ קרבן קאָן מען אַלץ דערגרייכן?

— בעת דו ברענגסט דיין קרבן אויפן מזבח, און פּלוצלינג דערמאַנסטו זיך, אַז דיין ברודער איז אין כעס אויף דיר, דאַן לאָז איבער דיין קרבן און גיי בעט איבער דיין ברודער און דערנאָך ערשט קער זיך אום צוריק און ברענג דעם קרבן.

ער, וואָס האָט תמיד געלעבט אָן פרויען, האָט פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען די בליקן, וואָס באַגעגענען זיך בעת אַ שמחה, די תאווה, וואָס אים אַליין איז זי געווען פרעמד, האָט ער איינמאָל באַמערקט אין אַן אויג פון אַ מאַנסביל, וועלכער האָט אין בית־המדרש געקוקט צו אַ פרוי, וואָס איז געזעסן מיט אַנדערע פרויען און זיך געמאַכט ווי זי באַמערקט נישט. און הגם מ'האָט נישט געהערט קיין שום רכילות וועגן דער געטרייַלאָזיקייט פון די ביידע, האָט ער אָבער פאַרשטאַנען זייערע באַגערן, און דערפאַר האָט ער געלערנט:

— אויב עמעצער האָט אַ קוק געטון אויף אַ פרוי מיט דער מחשבה זי צו באַזיצן, איז שוין גליַיך, ווי ער וואָלט מיט איר אינדעראמתן בעזינדיקט.

דידאַזיקע ווערטער הערן אויס מיט שרעק די מענטשן, וואָס פילן זיך שולדיק, און זיי לאָזן אַראָפּ זייערע אויגן.

## ד

און דאָך האָט ער אין זיך גאַרנישט פון אַ פריידיקער, וואָס רופט צו תשובה. דער וואָס ברענגט אַ פריילעכע בשורה פאַר די אָרעמע מענטשן, האָט קיינמאָל פון אַ קראַנקהייט אָדער נויט נישט געמאַכט קיין טוגנט. נאָר ער האָט נאָר געטרייסט און געהיילט. ער האָט קיינמאָל נישט געטרייסט די זינדיקע און נאָך ווייניקער זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט נעמען זייערע עבירות אויף זיך. זינדיקט נישט מער! — האָט ער גערעדט צו די גע-ראַטעוועטע. די פרייד פון לעבן, וואָס האָט נאָך יונגלווייז גע-וועקט צו דאַנקבאַרקייט פאַר גאָט, האָט זיך ביי אים פאַרטאָפּלט, ווען ער איז אַ דערוואַקסענער געוואָרן און וואָס גיסט איבער דאָס רייכטום פון זיין ליבע אין אַזויפיל הערצער! „זייט נישט אומעטיק ווי די צבועקעס! — זאָגט ער צו די הייסע פרומע לייט. קראַנק זיין איז אַן עבירה, אָדער אַ סימן פון זינד — זאָגט ער צום געזונט-געוואָרענעם: — אָט ביסטו שוין געזונט גע-וואָרן. זינדיק שוין נישט מער, כדי ס'זאָל שוין מיט דיר נישט געשען קיין ערגער אומגליק". אַליין איז ער אַזוי געזונט, אַז ער קען אַפילו בעת אַ שטורעם רויק שלאָפן אין אַ שיפל. צו-פרידן, גליקלעך, וואָס ער פילט זיך גאָטס אַ קינד, פאַרשטייט ער נישט די דאגות פאַרן מאָרגן, מיט וועלכע נישט איינער קומט צו אים. ער קוקט אויף די חיות און געוויקסן, מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט פון זיין קינדהייט אָן, און ער לערנט: „זאָרגט אייך נישט וועגן אייער לעבן, וועגן דעם, וואָס איר זאָלט עסן און וואָס איר זאָלט טרינקען, און נישט פאַרן גוף, מיט וואָס איר זאָלט אים באַקליידן. צי איז דאָס נשמה-לעבן נישט חשובער ווי די שפּייז, און דער גוף, ווי זיין באַקליידונג? טוט אַ קוק אויף די פייגל אין הימל: זיי זייען נישט, שניידן נישט, זאַמלען נישט. נאָר אייער פאָטער אין הימל דערנערט זיי. צי זענט איר נישט

אַסאַך חשובער ווי זיי?... קוקט אייך צו צו די ליליען אויפן פעלד, ווי זיי וואַקסן: זיי אַרבעטן נישט און שפּינען נישט, און איך זאָג אייך, אַז אַפילו שלמה המלך איז אין זיין גאַנץ רייך לעבן נישט געווען אַזוי אָנגעטון ווי איינע פון זיי. אויב גאָט באַצירט אַזוי דאָס גראָז פון פעלד, וואָס היינט איז עס נאָך דאָ און מאָרגן ווערט עס פאַרברענט, צי זאָרגט ער נישט אַסאַך מער וועגן אייך, אָ, איר ווייניק-גלויביקע... מחמת דעם זאָג איך אייך: זאָרגט אייך נישט פאַרן מאָרגן, ווייל דער מאָרגן וועט שוין פאַר זיינע אייגענע באַדערפעניש זאָרגן".

מיט דאַנקבאַרקייט נעמט ער אויף אַלץ, וואָס יעדער טאָג באַזונדער ברענגט אים, סיי דאָס איז אַ פאַרזאַמלונג אויפן מאַרק, סיי אַ שטילער שמועס מיט עטלעכע תלמידים, סיי ווען ער איז מיט זיך אַליין ביים ברעג-טייך פאַרטון אין געדאַנקען, צי גאָר אַ סעודה מיט ווייס ברויט, געבראָטן שעפּסנס און מיט רויטן ויין פון אייגענע טרויבן. פאַרוואָס פאַסטן יוחננס תלמידים, און דיינע נישט? — טוט מען אים איינמאָל אַ פרעג. ער ענטפערט דערויף מיט ווערטער פול מיט לעבנספרייד: „ווי אַזוי זאָלן פאַסטן די חתונה-געסט, אַז דער חתן איז מיט זיי? שפּעטער ווען ער וועט אַוועקגיין, קאָנען זיי פאַסטן".

וואָרים ער רעט נישט דערלויבן קיין שום רבנישן דין, אַז ער זאָל אים שטערן זיינע צופרידענע שעהן. בעת ער זעצט זיך אַוועק מיט זיינע נאָענטע ביי אַ סעודה, דאַרף מען נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות ביים וואַשן די הענט און די כלים לויט די דינים. מען זאָגט נישט קיין לאַנגע תפילות. אַ קורצע ברכה איז גענוג. ער פאַרבאָט נישט קיינעם צו ברענגען קרבנות און מתפלל זיין און יעדן איינעם גיט ער די פולע פרייהייט, אָבער אַליין ברענגט ער נישט קיין קרבנות, און אַפילו די קורצע תפילה „פאָטער אונזער", וואָס ער האָט אויסגעלערנט זיינע תלמידים אויף זייער פאַרלאַנג, ווערט אויך נישט אַ חוב און מען חזרט זי נישט איבער. ער האָט אַזויפיל פעסטן מוט, אַז ער שליסט נישט איין זיין פרייליכע בשורה אין קיין שום געשלאָסענע פאָרמולעס, נאָר ער גיט זי איבער פון האַרץ צו האַרץ, וואָרים בלויז אין

[illegible] די נישט אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זעט ער די זינד און דעם חסד.

דערפאַר דערגענטערט ער זיך צו די תּמימים, צו די מינ־דעריעריקע און אומגעבילדעטע, צו די אָרעמע, וואָס קיין שום דאגה וועגן גוטס קאָן זיי נישט אָנרעגן צו שלעכטע מעשים. און בעת די תּלמידים ווילן אָוועקטרייבן עטלעכע ווייבער, וואָס גייען צו אים מיט זייערע קינדער, כּדי די לעצטע זאָלן אים באַרירן, שרייט ישו אויס צו זיי: — לאָזט די קינדער צוגיין צו מיר און שטערט זיי נישט, וואָרים זיי געהערט גאָטס קע־ניגרייך! איך זאָג אייך באמת, אַז אויב ווער עס וועט נישט ווערן ווי איינס פון די קינדער, וועט ער נישט אַריינטרעטן אין גאָטס קעניגרייך". דאַן צערטלט ער די קינדער און בענטשט זיי.

צו זיינע תּלמידים מוז ער זיך טיילמאָל שאַרפער באַציען, ווי ער האָט לכתּחילה געהאַט בדעה. זייער קליינער קרייז איז אים פונקט אַזוי נויטיק, ווי אַמאָל די נביאים, אָדער יוחנן. אַ דאַנק זיי דערווערבט ער זיך גיך אַ נאָמען אָן וועלכן ער וואָלט נישט געקאָנט זיין טעטיק און אויספירן זיין מיסיע. אונטערן איינדרוק פון ערשטן אויגנבליק, קלויבט זיך ישו אויס זיינע תּלמידים און רופט זיי צו גיין מיט אים. אָבער ווען עמעצער וואַרפט זיך אים אַליין צופיל אָן פאַר אַ תּלמיד און אָנהענגער, וועקט דאָס ביי אים אומצוטרוי און ער שטויסט אים אָפּ. אָבער לסוף האָבן זיי דאָך אַלע אים פאַרראַטן.

אַ טייל פון זיין עדה זענען געווען תּלמידים פון מטביל, ס'זענען אויך פאַראַן צווישן זיי עטלעכע רייכע מענטשן, וועלכע ער הייסט אַוועקלייגן ס'געלט אין אַ בשותּפותדיקער קאַסע, לויטן מנהג פון די אסיים און פון דעם געלט לעבן זיי אַלע. אַמ־נאָנסטן זענען אים שמעון־פעטרוס, אַ פּראַקטישער מענטש, יעקב דער ענטוזיאַסט און דער צערטלעכער יוחנן, — אַלע דריי זענען זיי גלויביקע און דאָך עגאָיסטישע; אומזיכער, אָבער דאָך פול מיט ליבע. איינמאָל גייענדיק מיטן ברעג־וועג, האָט ישו דער־זען אין זיין בודקע דעם צאָלבאַאַמטן, וואָס זענען ביים עולם פאַראַכטעט און דאָך האָט ער מיט אים אָנגעקניפּט אַ שמועס

און אים צוגעצויגן צו זיין עדה, כדי לוי-מתי — אזוי האָט געהייסן דערדאָזיקער צאָלבאַאַמטער — זאָל דינען פאַר אַ ביישפיל, ווי אַזוי אַ בן סורר ומורה קאָן אַרויף אויפן דרך-הישר. דערדאָזיקער צאָלבאַאַמטער האָט שפּעטער מער אויפגעטון פאַר דער רום פון ישוע, איידער אַנדערע האָבן עס געטון. דאָן קלויבט ער אַפילו אויס איינעם פון די קנאים, שמעונען, אַ תלמיד פון יענעם יהודה, וואָס זיינע מעשים און זיין סוף האָבן ישוע אויפגעטרייסלט נאָך אין זיין קינדהייט. אַלע האָבן זיי געשטאַמט פון גליל.

נאָר איינער פון זיי איז געווען פון פרעמדע מקומות פון צפון-יהודה, אָבער קיינער און קיין שום אינערלעך קול האָט נישט געוואָרנט ישוען פאַר זיין אומפאַרזיכטיקייט צו מאַכן פאַר ויינס אַ פאַרטרויונגס-מאַן דעם מענטש, וואָס האָט געשטאַמט פון ירושלימער געגנט. דערדאָזיקער מענטש האָט געהייסן יודאַש.

מחמת דעם, וואָס אַלע זענען יינגער ווי ער, איז אים נישט שווער מיט זיי אָנצופירן. ער רופט זיי אָן זיינע אַרבעטער און קינדער, הייסט זיי צוגרייטן אַ שיפל, רודערן, זאָרגן וועגן ברויט, און טיילמאָל ווען זיי פאַרשטייען אים נישט, שרייט ער אויס צו זיי: „איר פאַרשטייט נישט דעם משל? טאָ ווי אַזוי וועט איר פאַרשטיין אַלע אַנדערע משלים?" ער שאַפט נישט פון זיי קיין שום באַזונדערע געמיינדע, דערלויבט זיי אָנצורופן אים לערער און רבי, און אין דביקותדיקע מינוטן רופט ער זיי אָן דאָס זאַלץ פון דער ערד, דער פונדאַמענט און דאָס ליכט פון דער וועלט.

ער פאַרלירט קיינמאָל נישט דאָס געדולד לגבי פרויען, וואָס גייען מיט מיט אים. דריי אָדער פיר בלייבן תמיד לעבן אים, אָבער דאָס זענען פרעמדע פרויען, קיין איינע איז נישט פון זיין משפחה, אָדער פון זיין שטאָט. זיי זענען רייכער, איידער זיינע תלמידים און יאָאַננאַ איז אַפילו אַ פרוי פון אַ פירשטלעכן באַאַמטן. זי מיט שושנהן גלויבן אין אים, ווייל ער האָט זיי געזונט געמאַכט, אַנדערע צוויי פרויען גייען צוזאַמען מיט וייערע זין, וואָס זענען זיינע תלמידים.

מחמת דעם, וואָס ער פריידיקט נאָר ליבע, טאָ פאַרשטייען

אים בעסער די פרויען, איידער די מאַנסבילן. זיינע וואַנדערונגען רינגלען זיי אַרום מיט אַן עקסטאַז, וואָס עס געפעלט אים נישט און דאָך געפעלט עס אים פאַרט, ער אַליין זוכט עס נישט, אָבער דאָך מיידט ער עס נישט אויס, טאַקע דערפאַר, ווייל ער לעבט אַן פרויען. בעת זיי שמירן אים איין אָדער זיי הערן באַגייסטערט אויס זיינע ווערטער, ווערט דאַמאָלסט פאַרווירקלעכט דער ליבע-טרוים פון זיין האַרץ און ער פאַרשווינדט אַלס נביא, ער ווערט אויסגעמישט צווישן אַלעמען. נאָר אַלס אויסדערוויילטער און נאָר אויפן גרונד פון זיין וועלט-באַנעם, זאָגט ער זיך אַרויס קעגן דער חתונה, אין וועלכער דער מאַן און דאָס ווייב באַמיען זיך צו געפינען בלויז פערזענלעכע, קעגנזייטיקע פרייד אַנשטאַט צו דינען גאָט. אָבער פונדעסטוועגן פאַרלאַנגט ער אַפילו נישט פון זיינע נאָענטע קיין פרישות און פאַר זיינע תלמידים האָט ער זיך אויסגעקליבן צוויי באַווייבטע. פעטרוסן דערלויבט ער, אַז ער זאָל אים באַגלייטן צוזאַמען מיט זיין ווייב און דאָס פאַמיליען-לעבן האַלט ער פאַר געהייליקט און באַשטימט פון גאָט און דעריבער איז דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און ווייב אייביק אומצעשיידבאַר, — אויף אַזאַ אופן האָט ישו פאַרטיידיקט דאָס פאַמיליען-לעבן מער, איידער דער אָפּיציעלער דין האָט עס געטון. הגם ער נעמט גערן אויף די דינסט פון פרויען, האָט ישו דאָך ליבער צווישן זיי די טרוימערישע און ענטוזיאַסטישע נשמות. בעת אין אַ שטוב, וווּ ס'זענען פאַראַן צוויי שוועסטער, איינע אַרבעט און די אַנדערע זיצט ביי זיינע פיס און הערט אויס זיינע ווערטער, און ווען די ערשטע, מאַרטע, ווענדעט זיך צו אים, אַז ער זאָל אויך איר שוועסטער הייסן באַשעפטיקן זיך מיט דער ווירטשאַפט, לאַכט ער זיך פאַנאַנדער און ענטפערט:

— מאַרטע, מאַרטע, דו האָסט אַסאַך דאגות און מי. אָבער מרים האָט אויסגעקליבן די בעסערע טייל און מען דאַרף עס ביי איר נישט אָפּנעמען.

אַלע זעען אין דעם נייעם רבי אַ נביא און ער האַלט זיך אויך פאַר אַזעלכן. אָבער קיינמאָל קומט אים נישט אויפן געדאַנק, אַז

ער זאָל וועלן זיין עפּעס מער, פאַרקערט, ער האַלט זיך גאָר פאַר נאָך קלענער. ער דערמאָנט קיינמאָל נישט וועגן עפּעס איבערמענטשלעכע זכרונות און האַפּנונגען, קיינמאָל באַרירט ער נישט, אפילו פונדערווייטנס, די משיח-ספּערן און ווען מענטשן זאָגן, אַז ער איז איינער פון די אַמאָליקע נביאים, נעמט ער אויף זייערע ווערטער שווייגנדיק און ער ווענדעט זייערע געדאַנקען צו גאָטס קעניגרייך און צום רבונו של עולם. אָבער תמיד רופט ער זיך אַליין אָן גאָטס זון, וואָרים ער איז עס באמת, ווי יעדער אַנדערער, וואָס פילט אין זיך די שעפערישע כחות, פון וועלכע מיר שטאַמען. אָבער אָט האָט ער געפונען אַ ניי וואָרט, מיט וועלכן ער וועט קאָנען נאָךטיפער און שטאַרקער אויסדריקן זיין הכנעה: בעת די אַלטע נביאים האָבן געוואָלט אויסדריקן די טיפקייט פון תהום, וואָס איז געלעגן צווישן זיי און גאָט, דאַן האָבן זיי זיך אָנגערופן מענטשנזון. אַזוי האָבן דניאל און אויך יחזקאל זיך געלאָזט אָנרופן פון גאָט. אַ שטערבלעכער מענטש, פול מיט שוואַכקייט גע-בוירן צו ליידן און צו שטאַרבן, אָבער אויך פול מיט חשיבות, געשאַנקן פון גאָטס חסד.

דעמדאָזיקן נאָמען האָט ער אויסגעקליבן פאַר זיך פון די כתבי-קודש, וואָרים ער האָט געזוכט די באַשיידנסטע נעמען, וואָס ס'האָבן נאָר אויסגעקלערט די נביאים. דער מענטשנזון, — זאָגט ער, — איז נישט באַשאַפן געוואָרן, כדי מזאָל אים דינען, נאָר ער דאַרף דינען. וועגן זיין מענטשלעך קומען און אוועקגיין רעדט ער דאָסזעלבע, וואָס עס האָט פאַר אים גערעדט יוחנן, און בעת עס באַגעגנט אים אַ רייכער בחור און פרעגט אים: גוטער רבי, וואָס זאָל איך טון אויף צו ירשענען אייביק לעבן? האָט ישו צו אים געזאָגט: פאַרוואָס רופסטו מיך גוטער? נישטאָ קיין גוטער, נאָר איינער, דאָס איז גאָט.

## ה

אַזוי לעבט ער ווייט און פרעמד פון די אַלטעגלעכע פראַגן און פון אַלץ, וואָס איז פאַרבינדן מיט די נאַציאָנאַל-פּאַ-

ליטישע פראָבלעמען. אָבער פּונקט, ווי אַלע יידן, אַזוי מיידט ער אויך אויס צו באַגעגענען זיך מיט אַלע אומריינע געצנדינער, פאַר דעם וואָרנט ער אייך די תּלמידים און קיינמאָל וואָלט איב נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז ער זאָל דידאַזיקע אומגלויביקע לערנען אָדער היילן. ער רעדט וועגן זיי נאָר מיט פאַראַכטונג און ווען ער וויל באַצייכענען עמעצנס אַ טעות, זאָגט ער אויף זיין שטייגער: צי טוען דאָס נישט אויך די געצנדינער? זיי יאָגן זיך נאָך געלט און פאַרמעגנס און פאַר זיי דאַרף מען נישט פריידיקן די פריילעכע בשורה, וואָרים מ׳וואַרפט נישט קיין פּערל פאַר אַ חזיר. אַפילו שומרון, וואָס איז ווי איינגע-קלאַמערט צווישן די יידישע לענדער, דאַרפן זיי אויסמיידן און בעסער אַנלייגן וועג און גיין דורך אומוועגן. בעת ער אַליין מיידט אויס ירושלים, איז אים אָבער ווינציקער ניחא צו בעטן גאָט אויפן שומרונישן באַרג גריזים.

ער פירט נישט מיט קיינעם קיין וויכּוחים וועגן וועלטלע-כע ענינים. אין זיינע דרשות טרעט ער נישט אַרויס קעגן הורדוסן, וואָס האָלט יוחנן פאַרשפּאַרט אין תּפיסה, ער רעדט נישט קעגן רוים און איר וועלט-הערשאַפט, זידלט נישט קיין איינעם פון די מאַכטהאָבער. קיין שום וועלטלעכער ענין, וויכ-טיקע און אומבאַדייטנדע, אינטערעסירן אים נישט און ווען עמעצער ווענדעט זיך צו אים, אַז ער זאָל אויסגלייכן אַ סיכסוך מיט אַ ברודער, ענטפערט ישו אָפּ צאָרנדיק:

— מענטש, ווער האָט דען מיך באַשטימט, אַז איך זאָל זיין אייער שופט?

אין אַלעמען באַמיט ער זיך פאָרזיכטיק צו פאַרבינדן דאָס אַלטע מיטן נייעם:

— מיינט נישט, אַז איך בין געקומען פאַרלייקענען די געזעצן אָדער די נביאים! איך בין נישט געקומען זיי אויפלייזן, נאָר דערפילן און אויספירן. הימל און ערד וועלן פאַרשווינדן, אָבער קיין אות און אַפילו אַ קוצו של יוד וועלן נישט פאַר-שווונדן פונם געזעץ ביז אַלץ וועט נישט אויסגעפירט ווערן.

יאָ, טיילסמאָל הייסט ער דעם המון, אַז זיי זאָלן אין

אַלעמען אויספירן דאָס געזעץ לויט דער לערע פון די נביאים:

— גייט און שטעלט אייך פאַר די כהנים... וואָס זיי וועלן אייך זאָגן, דאָס זאָלט איר טון.

און ער איז דאָך די פּרושימס אַ שונא און זיי זענען אים שונאים. צוערשט גייען זיי פאַרזיכטיק אים נאָך אַ טריט נאָך אַ טריט, פאַרבעטן אים צו זייער טיש, די מלמדים אין כפר-נחום דיסקוסירן מיט אים, רופן אים רבי און הערן אויס זיינע פאַרזיכטיקע אויספירן, אָבער צוזאַמען מיט זיין גיך שטייגנדיקן רום פאַרשטאַרקט זיך ביי זיי די אומרויקייט, זיי זוכן אַ געלעגנהייט אָפּצווענדן פון אים דאָס פאָלק. אָט, למשל, טרעפן זיי אים ביי אַ סעודה, אַ לוסטיקן און אַ פריילעכן צווישן צאָלבאַאַמטע און אַנדערע זינדיקע, און עמעצער פון די פּרושים טוט אַ פרעג איינעם פון זיינע תלמידים:

— פאַרוואָס עסט עפּעס אייער רבי צוזאַמען מיט צאָלבאַאַמטע און זינדיקע?

ישו, וואָס זיצט ביי דער אַנדערער זייט טיש, דערהערט די פראַגע, אָדער אפשר דערפילט ער זי, און תיכף פאַרשווינדט זיין שטענדיקע מילדקייט. רויק און אָן פאַרוואָרף ווענדעט ער זיך איבערן גאַנצן טיש צו יענעם מענטשן, וואָס איז זיינס אַ שונא אויף טויט און לעבן און זאָגט צו אים די ווערטער:

— נישט געזונטע דאַרפן דעם רופא, נאָר קראַנקע! גייט און לערנט, וואָס עס איז דער טייטש: איך בין געקומען רופן צו תשובה און חרטה די רשעים און נישט די צדיקים!

דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ, וואָס ער האָט געגעבן זיינע שונאים אין דער אָנוועזנהייט פון עדות. דערדאָזיקער קלאַפּ האָט שטאַרק ווי געטון; זיי גייען שווייגנדיק אַוועק און דער קאָנפליקט הויבט זיך אָן.

אָבער ווי אַזוי קאָן מען אים בייקומען? ביי וואָס פאַקט מען אים? היינט זעצט ער זיך צום טיש צוזאַמען מיט זינדיקע, און מאָרגן וועט אים קהל אַרויסרופן, אַז ער זאָל דרשענען? קעגן דעם איז דאָך שווער זיך אַן עצה צו געבן. ער איז פון די

בעפערלעכע נאָוואַטאָרן, וואָס הויבן אָן זייער אַרבעט פון די מלוכה-גרענעצן, פון צווישן אָרעמע דאָרפסלייט וועלכע געהערן נישט צו קיין שום חברה, וואָס וואָלט געקאָנט פאָדערן פון זיי אַ חשבון. צי האָט ער אפילו נישט גערעדט קעגן די רייכע און זיי געגליכן צו רשעים? פונקט אַזוי האָט דאָך אָנגעהויבן יוחנן און ער וואָלט שוין זיכער היינט געווען אַ דראָענדע מאַכט, אויב הורדוס וואָלט אים נישט פאַרשפּאַרט אין תפיסה. אויך פון דעמדאָזיקן מענטשן טאָר מען נישט אַפּלאָזן קיין אויג, אָבער דערוויייל איז גלייכער אים נישט צו שטערן; וואָס מער ער וועט זיך פאַרפּלאָנטערן אין זיינע דרשות, אַלץ גיכער וועט קו-מען דער טאָג, ווען ער וועט אַרויסטרעטן קעגן געזעץ, און דאַן וועט זיין אַ געלעגנהייט אים צו מאַכן אומשעדלעך.

אין איינעם אַ שבת גייט ישו מיט זיינע תלמידים איבערן פעלד. ס׳איז סיוון, דער ווייץ איז שוין צייטיק, און אַזוי ווי זיי זענען הונגעריק, רייסן זיי מיט זאָרגלאָזיקייט די זאַנגען, כדי זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט די קערנער. צוויי פּרושים, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען און נאָכשפּיאָנירט דעראָזיקער אַפּי-קורסישער עדה, האָבן זיך כלומרשט צופעליק באַגעגנט מיט זיי און פרעגן, צי מען מעג טון אַזאַ זאַך אין שבת. וואָרים דער שבת איז ביי די פּרושים געווען אַ גרויסער הייליקער טאָג. זייער אָבערגלויבן האָט אַרויפגעלייגט קייטן אַפילו אויף דער נאַטור: קוואַלן, וואָס האָבן נישט תמיד געפלאָסן האָבן דידאָזי-קע מענטשן אָנגערופן שבתדיקע. ישו, וואָס האָט גערעדט צום פאָלק אין אַ פּשוטער שפּראַך און צו די תנאים — מיט פסוקים פון דער תורה, האָט פונקט ווי ער וואָלט געווען צוגעגרייט, זיך דערמאָנט אַ פּאַסיקן ענטפער:

— צי האָט איר נישט געהערט, וואָס דוד המלך און זיינע מענטשן האָבן געטון, בעת זיי זענען געווען הונגעריק?

— ווי אַזוי ער איז אַריין אין גאָטס הויז און געגעסן דאָרט דעם לחם-הפנים, וואָס עס איז נאָר דערלויבט די כהנים? דער שבת איז באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש און נישט דער מענטש פאַרן שבת. דאַן איז דער מענטשנזון אויך באַלעבאָס איבערן

שבתדיקן טאָג.

איבערגעשראָקן קוקן זיך אָןביידע פּרושים: ער האָט מחלל-שבת געווען!

באַלד נאָכדעם ברענגט מען אים אַ פּאַראַליזירטן און מחמת דעם וואָס מ׳קאָן נישט, צוליב דעם גרויסן עולם, צוקומען צו ישוע, טראָגט מען אַריין דאָס בעטל מיטן קראַנקן אין שטוב אַריין און ישוע, וואָס זעט אין דער חולאת זינד, זאָגט:

— מענטש, דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן געוואָרן — און די סופרים האָבן געטראַכט: — ווער איז עס דער, וואָס וואַגט גאָט צו לעסטערן? ווער, חוץ גאָט, קאָן מוחל זיין זינד? ישוע פילט, וואָס זיי טראַכטן, ווייל זיין אויג קאָן באַמערקן שונאים אַפילו צווישן אַן עולם, און זיין ענטפער קלינגט שאַרף:

— וואָס טראַכט איר אין אייערע הערצער? וואָס איז לייכטער צו זאָגן: דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן געוואָרן? ביז: שטיי אויף און קום? — און אָט אונטער דעם איינפלוס פון זיין מאַגנעטישן כח, שטעלט זיך אויף אויך דער קראַנקער, וואָס נעמט זיינע קישנס און גייט אַוועק.

די מענטשן זענען איבערראַשט געוואָרן פון אימה און שרעק. זיי זענען געבליבן אַזוי דערשיטערט, און קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט עפנטלעך צו לויבן דעם רבין. די אַנוועזנדע זענען ווי געליימט געוואָרן. זיי רופן צו גאָט און זאָגן: „מיר האָבן היינט געזען גרויסע וואונדער״. די פּרושים, וואָס זיצן ביי זיך אין שטוב אונטער פאַרמאַכטע טירן, היצן זיך וואָסאַמאָל מער און זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, זאָגן זיי:

ער האָט געלעסטערט גאָט! ער האָט מוחל געווען זינד! ער איז חיב מיתה!

דערווייל האָבן זיי נאָך נישט דעם מוט צו זאָגן דאָס הויך, ווייל דאָס פאָלק האָט אים ליב, און ווייט פון דער מעכטיקער הויפּט-שטאָט איז אין גליל, איז נישט לייכט צו פאַנגען אַ פאָלקס-פירער. דערווייל טוען זיי גאָרנישט, נאָר זיי דערציילן אומעטום, אַז דערדאָזיקער נייער רבי נעמט אַוועק די ווייבער פון זייערע פליכטן. און ער, אַ דערמוטיקטער און פול

מיט התלהבות, הויבט איצט אָן טון דאָס, פון וואָס זיין נאַטור האָט אים ביז איצט אָפּגעהאַלטן: פאַרטיידיקנדיק זיך, גרייפט ער אַליין אָן דעם קעגנער, כאָטש לכתחילה נאָר אין משלים. צוויי מענער, — דערציילט ער, — זענען גלייכצייטיק אַריינגעקומען אין בית-המקדש מתפלל זיין: אַ צאָלבאַאַמטער און אַ פּרוש. דער לעצטער דאַוונט און בעט אַזוי: „איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס איך בין נישט, ווי אַלע אַנדערע, רויבער, רשעים, נואפים, אָדער ווי אָט דערדאָזיקער צאָלבאַאַמטער. איך פאַסט צוויימאָל אין דער וואָך, איך גיב מעשר פון אַלעם, וואָס איך האָב". דער צאָלבאַאַמטער איז געשטאַנען פונדערווייטנס און ער האָט נישט געהאַט דעם מוט אויפצוהויבן די אויגן אפילו צום הימל, ער האָט זיך נאָר געקלאַפּט אין האַרצן און איבערגעחזרט אָן אַן אויפהער: „אָ גאָט, האָב רחמנות אויף מיר זינדיקן". אַלע זענען נייגעריק צו וויסן דעם סוף פון דעם משל. צי וועט ער האָבן דעם מוט צו נעמען דעם זינדיקן אונטער זיין שוץ? — איך זאָג אייך — פאַרענדיקט ישו זיין משל — אַז דער צאָלבאַאַמטער איז אַן אויסגעלייזטער געגאַנגען אַהיים. וואָרים ווער עס דערהויבט זיך אַליין, דער וועט זיין דערנידריקט, און ווער עס דערנידריקט זיך אַליין, וועט ווערן דערהויבן".

תיכף פאַרשפּרייט זיך איבער גאַנץ גליל די ידיעה, אַז דערדאָזיקער מענטש פון נצרת איז אַ שונא פון די תנאים, און דורך די אייגענע פאַרטרויונגס-מענער דערוויסט זיך גלייכצייטיק וועגן דעם דער העכסטער ראַט אין ירושלים, וואָס לייגט גוט אַכט אויף אַלע נאָוואַטאָרן אין גאָטס מלוכה. „גייט נאָך טריט ביי טריט און באַמיט זיך אים אין דער ביעך צו כאַפּן!" — איז דער באַפעל פונם ראַט. דאַן פאַרבעט אים נאָכאַמאָל איינער פון די פּרושים צו זיך. און בעת ישו זיצט ביים טיש און עסט, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יונגע פרוי: די זונה, וואָס איז אַלעמען באַקאַנט. זי האָט געהערט וועגן חסד-פולן רבין, וועלכער האָט ליב די זינדיקע. זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו אים צוצוקריגן. צווישן המון וואָלט מען זי זיכער אויסגעלאַכט, אָדער גאָר פאַרטריבן. לאַנג האָט זי געזוכט אַ געלעגנהייט

צו טרעפן אים אין אַ שטוב אין אַ געזעלשאַפט פון נישט קיין אַסאַך מענטשן, און ווען זי האָט זיך פאַרטראַכט, מיט וואָס אַזוינס צו דערפרייען זיין האַרץ, איז איר נישט געקומען אויפן געדאַנק עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דער זאַלב, מיט וועלכן זי האָט געשמירט איר לייב וואָס זי פאַרקויפט.

און אָט זעט זי ביים טיש דעם, וועלכן זי האָט געזוכט, זעט זיין גוטמוטיקן בליק צווישן זיינע קאַלטע בליקן פון די אַרומיקע און זי פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט. זי פאַלט אים צו די פיס און וויינט. און בעת אירע טרערן האָבן נאַס געמאַכט אירע פיס, שוויינן אַלע און קיינער וויל איר נישט העלפן, ווען צעטומלט זוכט זי איר טיכל, אָבער זי געפינט עס נישט; זי האָט נאָר די לאַנגע האָר, וואָס האָבן תמיד פאַרפירט פרעמדע מענער. מיט דידאָזיקע האָר הויבט זי אָן ווישן זיינע פיס, און דערנאָך, כליפּנדיק אָן אַן אויפהער, קושט זי ליידנשאַפטלעך דידאָזיקע פיס און לסוף נעמט זי אַ סלאָאיקל אין אירע ציטערנדיקע הענט און שמירט איין זיינע פיס. די אויגן האַלט זי כּסדר אַראָפּגעלאָזט, וואָרים זי האָט נישט קיין מוט צו קוקן אים אין פּנים.

דער באַלעבאָס ווערט בייז און טראַכט ביי זיך:

— ווען דאָס זאָל זיין אַ נביא, וואָלט ער דאָך געוווּסט, ווער עס איז די אשה, וואָס רירט אים אָן, אַזאַ זונה!

ישו דערפילט, וואָס יענער טראַכט, ער הויבט זיך שנעל אויף און זאָגט:

— שמעון, זאָל איך דיר עפּעס זאָגן?

— זאָג, רבי.

און ישו הויבט אָן דערציילן אַ משל וועגן צוויי בעלי-חובות, וואָס דער מלוה האָט זיי געשאָנקען די חובות: איינעם אַסאַך, דעם אַנדערן ווייניקער, און ער פרעגט, ווער פון זיי ביידע דאַרף זיין מער דאַנקבאַר.

— דער, וועמען מ'האָט מער געשאָנקען, — ענטפערט דער האַלעבאָס.

— האָסט גוט געזאָגט — זאָגט ישו, און זיין קול קלינגט

ווייטער רויקביים טיש. אָבער אָט טוט ישו אַ קוק אויף דער ערד אויף דער פרוי, וואָס ליגט ביי זיינע פיס, און דאַן אויף שמעונען און זאָגט:

— זעסט דידאָזיקע אשה? איך בין געקומען צו דיר, און דו האָסט צומאָל נישט באַגאָסן מיינע פיס מיט וואַסער, אָבער דידאָזיקע אשה האָט זיי אָפּגעוואַשן מיט אירע טרערן און אָפּ- געווישט מיט אירע האָר. דו האָסט מיך נישט געקושט, אָבער זי הערט נישט אויף צו קושן מיינע פיס. דו האָסט אַפילו נישט איינגעשמירט מיט זאַלב מיין קאָפּ, און זי האָט איינגעשמירט מיינע פיס. דערפאַר זאָג איך דיר, אַז איר וועט מען אַסאַך מוחל זיין, וואָרים זי האָט אַסאַך געליבט. וועמען מ׳איז ווייניק מוחל, דער ליבט ווייניק.

הערנדיק אַזעלכע אַפּיקורסישע רייד, האָבן זיך די פּרושים אויפגעהויבן און געבליבן שטיין ביים סעודה-טיש, ווי פאַרשטיי- נערט. פון שרעק איז ביי זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון און זיי האָבן ישון באַלד נישט געקאָנט אָפּענטפערן. ווי בלויז זיי אַליין וואָלטן געווען אין דער שטוב, שטייען זיי לעבן זיך: דער נביא און די זונה. פאַרבינדן און פאַרייניקט דורך באַרירונג, דורך קושן און טרערן, פאַרייניקט אַ ווײַלע מיט אַ וואָרט וועגן ליבע; אַ פרוי וועלכע עס האָבן באַזעסן אַלע מענער, און אַ מאַן, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין מגע ומשא מיט אַ פרוי. אַ ניי וואָרט אַרויסגעזאָגט פאַר די אייביקייטן, האָט שטיל אָפּגעקלונגען אינם שטיבל פון אַ הענדלער, ביים ברעג פון אַן אומבאַקאַנטן טייך, ווייט פון דעם וועלט-טומל. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם קליינעם שטיבל.

דאַן בויגט זיך ישו איין איבער דער פרוי, העלפט איר זיך אויפשטעלן און זאָגט צו איר שטיל:

— דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן געוואָרן. דיין גלויבן איז דיר בייגעשטאַנען. גיי אַוועק בשלום.

זי איז אַוועקגעגאַנגען, זיך אומגעקערט און פאַרבליבן. זי איז געקומען פון מגדל, פאַרכאַפּט פון קערפּערלעכע תאוות און זיי נישט געקענט גובר זיין. צי האָט זי נישט

געוויינט פאַר דעמדאָזיקן פרעמדן מענטשן? ווער, אחוץ אים, האָט מיט איר גערעדט אַזוי צערטלעך, נישט וועלנדיק דערביי גע־ניסן פון איר רייצנדן קערפּער? ער, דער היילער, האָט געמילדערט איר געראַנגל אין קאַמף און אין איר אַריינגעהויכט פרישע כוחות. און אַז זי איז אים נאָכגעגאַנגען שוין לענגער ווי אַ יאָר, האָט זי אין די קנייטשן אויף זיין געהיימניספולן שטערן געזען דאָס, וואָס קיינער האָט נישט געזען: זעלבסטאָפּפערונג. זי האָט אים פאַרשטאַנען, ווי נאָך קיינער נישט פון זיינע תל־מידים. און פאַרשטאַנען האָט זי דערפאַר, ווייל זי אַליין האָט פריער געלעבט אין אַ שטענדיקן שטראָם פון אומגעצוימטע ליידנשאַפטן, אין וועלכע זי האָט געציטערט ביז משוגעת.

און אַזוי וועט געשען, ווען אַלע תלמידים וועלן זיך פונאַנדערלויפן, וועט די פרוי פון מגדל שטיין געטריי אונטער ישוס קרייץ, און מיט איר טרוים וועגן אויפשטיין תחית־המתים, וועט זי אים ערשט מאַכן אומשטערבלעך.

ו

וחנן האָט געשמאַכט אין תפיסה. אַז ער דערנענטערט זיך צו דער פאַרקראַטעוועטער עפענונג דורך וועלכער ער קריגט אַריין עסן און לופט, זעט ער אַ טייל פון דער מויער, וואָס רינגלט אים אַרום. זי לאָזט זיך אַראָפּ משופּעדיק אין די ריזיקע שטיקער שווארצן באַזאַלט איבערן פינסטערן תהום, און אַז ער לענט זיך אָן ביים גרויסן שטיין פון זיין לאָך, זעט ער נאָך אַן עק פונם ווייסן קאַלכבאַרג, אויף וועלכן עס שטייט דאָס פעסטונג. טיילמאָל טראָגט זיך פונם תהום אַ רויך אויסגעמישט מיט פאַרע און ער דערגרייכט ביז צו אים אין קאַמער אַריין און דעמאָלט ווערן די ווענט פייכטער ווי תמיד. פרעמד זענען אים די זעלנער, וואָס גייען לעבן דער תפיסה און מיט מיט־לייד אָדער גאַר שפּאָט, גיבן זיי פון צייט צו צייט אַ בליק אין זיין קאַמער. דאָס זענען געווען מואבים, אדומים, מענטשן פרעמד אַפילו ביז צום קלאַנג פון זייער שפּראַך.

וואָס טראַכט ער, דער שווייגנדיקער יוחנן? אין געדאַנק פּרישט ער אויף די בילדער פון ירדן, אָדער ער גייט נאָך ווייטער און ער דערמאַנט זיך זיין נזירות אין דער מדבר, לסוף זעט ער, ווי דורך אַ נעפּל, זיין יוגנט אין דער גרויסער ווייסער שטאָט. שוין צום הונדערטסטן מאָל לייענט ער די נביאים דניאל און ישעיה און פון די דערציילונגען וועגן זייערע קאַמפן שעפּט ער מוט. צי גלויבט ער נאָך אין פרייהייט און אין נצחון? און אפשר וועט זיין גורל ענלעך זיין צום גורל פון משה-רבינו, וואָס האָט נאָענט פון דערדאָזיקער פעסטונג, פון באַרג נבו געוואָרפן זיין לעצטן בליק אויף דעם צוגעזאָגטן לאַנד? אויך משה רבינו האָט זיך אָנגעצינדן מיט צאָרן קעגן זיין אייגן פאָלק, ווייל זיי האָבן נישט געגלויבט. צי גלויבט יוחנן אינם גלויבן פון דעמדאָזיקן פאָלק? וואָך-איין וואָך-אויס ציילט ער די טעג און ער קען זיך נישט דערוואַרטן אויפן צוריקקומען פון זיינע געטרייסטע תלמידים, וועלכע ער האָט אַרויסגעשיקט, זיי זאָלן אים ברענגען ידיעות. וואָרים מיט זיי מעג ער רעדן דורך די קראַטעס. זיי זענען ווי די טויבן, וואָס ער שיקט אַרויס, זיי זאָלן אים דערציילן פונם גרויסן מבול, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איבערן ירדן, און וועלכער וועט, ווי ער גלויבט, נאָר כסדר זיך פאַרגרעסערן.

ווער איז דאָס דער מאַן פון נצרת, וועגן וועלכן מ'האָט אים לעצטנס דערציילט, ווי וועגן אייגעם, וואָס באַווייזט וווּנדער און נסים? ער זאָל אים אויך האָבן אַמאָל טובל געווען, אָבער צווישן די הונדערטער פּנימער, וואָס ער דערמאַנט זיך, זוכט ער אומזיסט אין זיין געדאַנק, ווער דאָס איז געווען. האַלב גליל דערמאַנט כסדר זיין נאָמען, און יוחנן קאָן זיך נישט דערמאַנען אים. עפּעס דערוווסט ער זיך פון דעמדאָזיקן מענטשן אַזעלכע מאָדנע זאַכן, וואָס שמעקן גאָרנישט מיט קיין קדושה: ער מאַכט סעודות צוזאַמען מיט די צאָלבאַאַמטע און אויסגעלאַסענע מיידלעך און מ'זאָגט, אַז ער און זיינע תלמידים פאַסטן נישט און זיי זענען כסדר פרייליך. אַ פריילעכע און גוטע בשורה? מיט וואָס פריילעך? פאַרוואָס איז ער נישט טובל און ער הייסט נישט

זיך מתודה זיין. און דאָך דאָס אַלץ, וואָס יענער רבי פּריי-דיקט וועגן גאָטס קעניגרייך; זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן די רייכע און מאַכטהאָבער; דער אופן ווי אַזוי ער האַלט אָפּ זיינע דרשות פאַר אַן עולם מענטשן, וואָס פאַרזאַמלען זיך אַרום אים אונטערן פרייען הימל, ווייל צוליב זייער גרויסער צאָל, איז נישטאָ פאַר זיי קיין אָרט אין קיין שום בית-מדרש, — אָט דאָס אַלץ זענען זאַכן, וואָס קענען נישט אַרויס פון יוחננס קאָפּ. צי איז עס נישט וווּנדערבאַר דער פאַקט, וואָס דערדאָזיקער ישו איז אַרויסגעטרעטן פּונקט דעמאָלט, ווען ער אַליין איז פאַרשווּנדן? צי האַלט אים נישט דאָס פאָלק פאַר זיין נאָכפאָל-גער? ער אַליין האָט אים, משמעות, פאַרלייכטערט דעם וועג, וואָרים ער האָט געדרשנט, אַז נאָך אים וועט קומען אַ גרעסע-רער. וואָס וואָלט געווען, ווען דאָס זאָל זיין גאָר אַ פאַלשער נביא, איינער פון די בעלי-מופתים, וואָס מיסברויכן מיט יוחננס נביאות?

די תפיסה-טירן האָבן זיך געעפנט. צוויי זעלנער זענען אַריינגעקומען און באַפוילן גיין מיט זיי. צי קומט שוין דער טויט? פול מיט שרעק און שפּאַנונג, פאַרלאָזט ער זיין תפיסה-קעלער. אָבער די זעלנער פירן אים נישט אַרויס אויף דעם פינסטערן הויף, נאָר פירן אים מיט די טרעפּ אַרויף אינדערהויך צום פירשטס שלאָס.

הורדוס אַנטיפּאַס איז געווען אַ מענטש אַ שוואַכער און פּחדנותדיקער, באַהערשט פון תאוות און געיעג נאָך פאַרגע-ניגנס און נישט געהאַט די געשיקטע ענערגיע פון זיין פאָטער הורדוס. אַמאָל, ווען ער איז געווען אין רוים צו גאַסט ביי זיין ברודער, האָט דעם ברודערס ווייב אין אים באַמערקט אַ וועדק-צייג צו דערגרייכן מאַכט, וואָרים איר מאַן, וואָס איז אויסגע-שלאָסן געוואָרן פון דער ירושה, איז נאָר געווען דעם קיסרס לייב-וועכטער. אָבער הורודיה, אַן אייניקל פון הורדוס דעם גרויסן איז ענלעך געווען צו איר זיידן און אויב זי האָט עפּעס באַשלאָסן, האָט זי עס געמוזט אויספירן. ס'האָט נישט געדויערט לאַנג, ווי זי האָט פאַרפירט איר אייגענעם שוואָגער, זי האָט

אים פאַרכשופט און אים געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל אַוועק־וואַרפן זיין אייגן ווייב און ער זאָל מיטנעמען די שוועגערין אין זיין פירשטנטום. זיין ערשט ווייב, אַ טאָכטער פון אַן אַראַבישן קעניג, איז אַנטלאָפן אין דער פעסטונג מכיא צו איר פאָטער, דאַן האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, הורדוס האָט דעראָבערט דאָס פעסטונג. פון דעמאָלט אָן פאַרברענגט ער זייער אָפט אויף די גרענעצן פון אַראַביען, וואָרים ווינענדיק דאָ, קאָן ער גי־כער און לייכטער דערשטיקן יעדן בונט, איידער ווי אין ווייטן טבריה אין גליל.

דאָ, אויפן מזרח־ברעג פון ים־המלח, אַרומגערינגלט מיט אָפגרונטן, צווישן שוועבל־קוואַלן און ווולקאַנישע פעלזן, איז געווען דאָס פאַסיקסטע אָרט אויף אַ תפיסה פאַר דעמדאָזיקן טריבן פאַנאַטיקער. די זעלנער פון פירשט האָבן אים געבראַכט אין יענעם פרילינג, ווען אַרום אים האָבן זיך שוין געהאַט פאַר־זאַמלט טויזנטער, און ירושלים, וואָס ליגט נישט ווייט פונדאַ־נען האָט שוין אָנגעהויבן מורא קריגן פאַר אַן אויפשטאַנד. דאַן האָט פילאַטוס זיך בּאַראַטן מיטן סנהדרין, וואָס עס וואָלט נוי־טיק געווען צו טון, ווייל די רוימישע מאַכט איז נישט אַרויס־געטרעטן פון אירע אייגענע גרענעצן. זי האָט גאָר צו וויסן געטון דעם פירשט, אַז ער זאָל היטן די אָרדנונג אין זיין לאַנד. אַזוי איז תמיד געווען מיט דעם אייביק אויפגערעגטן פאָלק. אָט ערשט נישט לאַנג, ווי דער גובערנאַטאָר האָט באַפוילן זיינע חילות אַריינצומאַרשירן קיין שומרון, אַז זיי זאָלן דאָרטן פאַנאַ־דערטרייבן אַ סעקטע, וואָס האָט זיך רויק צוזאַמענגעקליבן אין די בּערג, אַ טייל פאַנגען און די איבעריקע — דערמאָרדן.

יוחנן פירט מען אונטער די זיילן, לעבן אַ באָד מיט פאַרביקע שטיינער, און בעת ער קוקט אַרויס דורכן פענסטער הינטן אַראָפּ, זעט ער די גרויסע שטאָטישע ציסטערנע, די קריגס־מאַשינען און די מאַגאַזינען. שוין ס׳צווייטע מאָל, ווי מ׳פירט אים דורכדאַנען.

ער איז שוין אויך געווען אינם גרויסן זאַל, אין וועלכן מ׳פירט אים איצט אַריין. מיט דער הילף פון פעכערס קענען די

וועלט-באַהערשער אויפהאַלטן די קעלט אין זייערע שטיינערנע זאַלן און בעת זיי גיבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, לויפן זיך צונויף די קנעכט און דערלאַנגען זיי געפּרווירענע פּרוכטן. אַז מען ברענגט עמעצן פון דער פינסטערער תּפיסה-קאַמער אין אַזאַ קעניגליך צימער, קאָן ער לייכט ווערן געבראָכן און זיך וואַק-לען אין דער האַלטונג. צי וועלן זיי אים ווידער נעמען אויף אַ פאַרהער? דערדאָזיקער זיך עלטערנדיקער מענטש, וואָס זיצט אין אַ קאַלט ווינקל אויף ווייכע קישנס, פאַרמאָגט שטריכן, וואָס זענען אַמאָל געווען שיין; ער זעט גאָרנישט אויס ווי איינער, וואָס וויל פייניקן מענטשן. אָדער די, וואָס האָרכט זיך איין אונטער דעם פאָרהאַנג, — יוחנן ווייסט דאָס, וואָרים דאָס לעצטע מאָל האָט זיך דער פאָרהאַנג אַ ריר געטון און אונטער אים איז געווען באַהאַלטן אַ פרוי, — הורודיה, זי בליט נאָך, די גיריקע נאָך הערשאַפט מאַטראָנע, און קאָן קערעוון מיט איר מאַן.

פון זיינע פילפאַרביקע זיידענע קישנס הויבט דער פירשט אויף זיין בליק צום אויסגעצערטן נביא, וואָס שטייט פאַר אים איינגעוויקלט אין שמאַטעס, און ער באַמיט זיך צו באַהאַלטן אין זיין מידן בליק דעם נייגער, פּחד און באַוווּנדערונג. אָבער יענער טרעפט אים צו זיינע געדאַנקען און האָט פאַר זיי נישט קיין מורא. מען ווייסט נישט וועגן וואָס דער פירשט האָט מיט אים גערעדט, ווען ער האָט אים געהייסן ברענגען צו זיך; מען ווייסט נאָר, אַז דער מטביל האָט פון זיין אייגענעם ווילן געשאָלטן אים פאַר דעם פאַרברעכן פון זיין חתונה-האָבן און אים באַ-פוילן פאַנאַנדערצוגיין זיך מיט זיין אומגעזעצלעך ווייב. וואָרים לעבן מיטן ווייב פון אַ לעבעדיקן ברודער איז קעגן דין, דאָס איז אַ טאָפּעלע עבירה און דערצו נאָך אַ שענדלעך מיסברויכן מיט זיין ברודערס גאַסטפריינטלעכקייט. דערדאָזיקער פאָרוואורף איז גאָרנישט געווען קיין נייעס אין דעמדאָזיקן הויז, וואָרים הורדוס דער גרויסער איז פאַר זיינע צאָלרייכע חתונות און גיטין פאַר-שאָלטן געווען פון אַלע נביאים אין ירושלים, אָבער דאָ אין דער איינזאַמער פעסטונג האָט מען צו טון מיט אַן אָרעמען

אַרעסטאַנט, וואָס יעדער קאַפּריז פון הערשער האָט אין איין מינוט געקאָנט אים אָפּשניידן דעם קאָפּ.

און וונדעסטוועגן, האָט דאָך יענער זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע, און דער הערשער האָט אַליין נישט געהאַט קיין מוט אים צו הרגענען. זיינע אָנהענגער זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט, ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ נייער נביא, און די היטער פון געזעץ זענען פאַר ביידע געווען פיינטלעך געשטימט. וואָס אַזוינס האָט געקאָנט אָפּהאַלטן דעמדאָזיקן פּחדנותדיקן מענטשן באַלד אומצוברענגען אַ מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אַזוי דרייסט, אַרויספאָדערנדיק און אַזוי באַליידיקט זיין ווייב? אָבער יוחנן איז געשטאַנען פאַר אים אַ הויכער און האַלב-נאַקעטער און מיט אַ דונערנדיק קול פול מיט צאָרן געשליידערט אים אין פּנים אַזוינע שאַרפע דראָונגען און אים געוואָרנט פאַר דער אייביקער באַצאָלונג, וואָס ס׳דערוואַרט אים. אַז ער וועט אַוועקגיין, וועט קומען הורודיה און וואַרפנדיק אויף איר מאַן פיינטלעכע בליקן, וועט זי אים אָנרופן פּחדן.

און דאָך איז די מאַכט פון דעם נביא געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט ווידער געהייסן אים אָפּפירן אין קאַמער אַריין, ער זאָל קאָנען דאָרטן אויפנעמען זיינע תלמידים און באַלד זיי פאַ-באַנז׳ערשיקן מיט אַ שליחות איבער׳ן גאַנצן לאַנד.

אַט באַלד וועלן זיי קומען צו אים אין תפיסה אַריין און זיי וועלן דערציילן זייער רבין וועגן די נייע נצחונות פון יענעם מאַן פון נצרת. איצט איז ער אָפן אַרויסגעטרעטן קעגן די פּרושים. זיי האָבן זיך געשטעלט קעגן אים, און מחמת דעם וואָס יענער רבי מאַכט אַסאַך געזונט, צעוואַקסט זיך מער דער קאַמף. און יוחנן דערקענט ווידער אין דעמדאָזיקן מענטשן זיך אַליין, וואָרים ביידע האָבן זיי אַלציינס געקעמפט. ער באַמיט זיך מיטן גאַנצן כח ביי׳צוקומען אין זיך דעם אומצוטרוי לגבי דעם נביא, וואָס וואַנדערט, איז פריילעך און פּראַוועט סעודות. ער פרעגט אויס זיינע תלמידים וועגן פּרטים פון זיינע דרשות און מעשים און מחמת דעם, וואָס ער קאָן נישט יענעם קוקן אין פּנים אַריין און דאָס האַרץ חזרט טאָג-איין טאָג-אויס איבער

דיזעלבע פראַגע וועגן דער באַדייטונג פון דער אַרבעט אין זיין לעבן, ווייל ער דערפאַר דערליידיקן דעם ענין מיט אַ פשוטער פראַגע, וואָס ער וועט שטעלן דעם פרעמדן רבי. ער באַשליסט צו ווענדן זיך צו ישו און פרעגן אים ווער ער איז.

עס איז נישט קלאָר, פאַרוואָס ער זאָל מורא האָבן און וואָס ער זאָל דערוואַרטן. וואָרים אויב יענער וועט זיך געבן צו דערקענען פאַר דעם דערוואַרטנדיקן משיח, וועלן די ליידן פון מטביל ווערן באַרעכטיקט, זיין ווערק וועט האָבן אַ ווערט און זיין לעבן וועט האָבן אַ זין. אָבער דער אופן, ווי אַזוי עס ווירקט דערדאָזיקער מעכטיקערער איז אים לחלוטין פרעמד און עס זעט אויס, ווי ער וואָלט געווען אַ סתירה צו די אַלטע נביאים. דאָס איז אַ פראַגע פון אַ מענטשן אַ פאַרמאַטערטן, אָבער אייביק אומגעדולדיקן, אַ פראַגע וואָס ער גיט די תלמידים דורך די אייזערנע קראַטעס, אַז זיי זאָלן אים פרעגן:

— ביסטו דער, וואָס ד[illegible]רף קומען, צי דאַרפן מיר וואַרטן אויף אַן אַנדערן?

ו

קיינמאָל האָט ישו נישט גערעדט וועגן מטביל און וואָס זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער מיידט אויס זיך צו דערמאָנען וועגן אים. מיט אים איז געווען פאַרבינדן יענע שרעקלעכע איינ־דריקן, דער הערלעכסטער און שטאַרקסטער מאָמענט פון זיין לעבן, בעת ער איז אַרויסגעגאַנגע פון וואַסער און מיט אַן איבער־לעבן בליק געזען די טויב און פלוצלינג דערהערט פון דער ווייט דאָס קול פון זיין פאָטער. צי איז דאָס געשען דעם היינ־טיקן פרילינג? צי זענען איצט קוים פאַרביי עטלעכע חדשים, ווינט ער איז פול מיט ספקות אַנטלאָפן פון דער מדבר און באַגעגנט די ערשטע עולי־רגלניקעס, וועלכע האָבן אים דערציילט, אַז מ׳האָט יוחנן אַרעסטירט?

און פונדעסטוועגן האָט ער געשוויגן און גאָרנישט גערעדט וועגן דעם, וועגן וועלכן מ׳האָט אַממיינסטן געדאַרפט רעדן, ווייל ער איז אים געווען דער נאָענטסטער. דערפאַר האָט ער שוין

גערנער גערעדט וועגן די אַלטע נביאים, וואָרים ס'האָט איז זייער גוויגן צום אַלטן. ס'איז אים גאָרנישט געווען מער פרעמד, ווי דער וועלט-צעשטערנדיקער פאַנאַטיזם פון יענעם יהודה, וואָס האָט פאַרוואָלקנט זיין קינדהייט. דאַן רעדט ער וועגן ישעיהוס באַקלאָגן זיך קעגן די זעלבסטצופרידענע צדיקים, חזרט איבער הושעס געשריי: איך וויל רחמנות און נישט קיין קרבנות! ער האַלט זיך ביי די נביאים, ביי יענע גרויסע פאָלקס-טריבונען, וואָס האָבן שוין הונדערט יאָר פאַר אים פאַרגליכן די רייכע מיט די גאָטלאָזע, כדי אַזוי אַרום צו דערהויבן די אָרעמע. ער געפינט אויך אַ באַפרידיקונג אין ספר חנוך, וואָס האָט אַלס מענטשנזון אָראָפגעשליידערט די מלכים פון זייער גלאַנץ אין גהינום אַריין. ער האָט עס אויסגעשריגן:

— ווי צו אייך, וואָס איר בויט אייערע פּאַלאַצן פון פרעמדן שווייס! יעדער שטיין איז אַ פאַרברעכן!

דער זומער האָט זיך דערנענטערט צו האַרבסט און ס'האָט אויסגעזען ווי צוזאַמען מיט די ערשטע פאַרוועלקטע בלעטלעך פון די ווייַנשטאָקן, ביים ערשטן מאָל אויפקלויבן די תבואה און איילבוימלעך, וואָלט זיך אָפגעקילט יענע פייערלעכע אַטמאָספע-רע, וואָס האָט אַרומגערינגלט יוחננס ערשטע דרשות. אַרום ישון האָט זיך פאַרזאַמלט וואָסאַמאָל מער מענטשן, ער האָט שוין געהאַט דורכגעוואַנדערט דעם גאַנצן ברעג טייך און אַפילו ערגרייכט צו טייל טאָלן אויפן מזרח פון טייך און פון ירדן. זיי זענען געווען אַ קליינע גרופּע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווייט פון יהודה און ממילא אויך פון דער רוימישער מאַכט, תמיד פאַר-ראַכט אויף הורדוסעס טעריטאָריע, געווען גוט באַקאַנט אַלעמען, טאָלערירט פון די באַאַמטע, וועלכע האָבן נישט אַ-רויסגעוויזן קיין פיינטלעכע געפילן לגבי דידאָזיקע קליינע גרופּע מענטשן.

און די חולאים האָבן אים וואָסאַמאָל מער געפייניקט, ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט זיין סוגעסטיע-כח, תמיד באַאומריקט דערפון, אַז היילן קראַנקע וועט ברענגען שאָדן זיין לערע. זיי דערציילן שוין וועגן אים, אַז ער האָט צו

טון מיט שוים, אָבער אויך ער גלויבט שוין פעסט אין דעם קאַמף פון צוויי טייוולאָנים, בעת ער טרייבט אַרויס פון עמעצנס אַ קראַנקן גוף אַ דיבוק. דערנאָך פילט ער זיך אויסגעשעפּט, און בעת אַ קראַנקע פרוי טוט אים איינמאָל אַ ריר אָן היינטערוויי־לעכטס זיין מאַנטל, כּדי געזונט צו ווערן, פילט ער, אַז די כּחות האָבן אים פאַרלאָזט. טיילמאָל, נאָך זיין אַוועקגיין, זעט אויס ווי די קרענק וואָלט זיך צוריק אומגעקערט. אָפּטמאָל בעת זיינע פרייליכע שפּאַציר־גענג איבער די תּבואה־פעלדער און ביים טייך, הערט ער זיין נאָמען אויסרופן: דאָס שרייען די גייסטיק־קראַנקע, בלינדע, לאָמע, קרעכצנדיק פאַרשטעלן זיי אים דעם וועג, לאָזן אים נישט רויק האַלטן זיינע דרשות, פאַראומערן אים דאָס לעבן. און אַז עס געלינגט אים נישט געזונט צו מאַכן די קראַנקע, ווייל זיי גלייבן נישט, דאַן זעט ער זייערע צאָרנדיקע בליקן, וואָרים עס דוכט זיך זיי, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אַריינשליידערן אין גיהנום אַריין. עס איז דעריבער גאָר נישט קיין חידוש, וואָס ער געזעגנט זיך נישט מיט די געזונט־געוואָרענע מיט אַ ליבן בליק און מיט אַ גוט וואָרט, נאָר תּמיד מיט אַ דראָונג און מיט אַ באַפעל צו שווייגן.

אין איינעם אַ טאָג, אינמיטן פון מאַרק־טומל, בעת ער האָט געמוזט זיין גלייכצייטיק רופא און רבי, דערנענטערן זיך צו אים צוויי תּלמידים פון יוחנן מיט זייער באַפעל. זיי קוקן דערשטוינט אויף דער פילפאַרביקער סביבה פון דעם נביא, וואָס זיצט זיך פראַנק און פריי צווישן דידאָזיקע מענטשן. אפשר ווערט געבוירן אין זייערע הערצער אַ שטילער פאַרוואורף קעגן דעמדאָזיקן גליקלעכן, ווייל זייער רבי זיצט אָן איינזאַמער אין אַן ענגן נאַסן קעלער. ישו האָט, משמעות, דערפילט זייערע מחשבות און צוזאַמען מיט זיי האָט ער דורכגעלעבט דאָס געפיל פון פאַרגלייכן אים מיטן גורל פון יוחנן, וואָרים ער האָט אַ קוק געטון אויף זיי מיט אַ פאַרשנדיקן בליק און געפרעגט, וואָס זיי ווילן? דאַן האָבן זיי אין נאָמען פון יוחנן אים געפרעגט:

— צי ביסטו דער, וואָס דאַרף קומען, צי וואַרטן אויף אַן אַנדערן?

ישו האָט אַ ציטער געטון, ווי פֿון אַ קלאַפּ. ווער האָט וועגן דעם געטראַכט און ווי אַזוי האָט מען עס הויך געקאָנט אַרויסזאָגן? אַ גרויסע, געטלעכע פֿראַגע, וואָס קיינער קאָן זי נישט זיך אַליין שטעלן, ומכּל־שכּן דאַרף זי נישט געפֿרעגט ווערן פֿון קיין שום פֿרעמדן מענטשן, ווייל עס האַנדלט זיך דאָך דאָ אין אַ סוד צווישן פֿאָטער און זון, וועגן נישט אַרויסגעזאָגטע זאַכן, ווי וואָלקנס ביים זונאונטערגאַנג און ווי דאָס אונטערהאַרכן די געהיימניספֿולסטע ביינאַכטיקע מחשבות, דער צאַרטעסטער גלויבן פֿול מיט שרעק פֿאַר אַ פּסק. און אָט רעדט מען וועגן דעם אַלעמען הויך אויפֿן מאַרק און מ׳פֿאָדערט פֿון אים, אַז ער זאָל אין קעגנוואַרט פֿון אַלעמען קלאָר זיך אַרויסזאָגן: יאָ, אָדער ניין! מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט ווענדעט זיך ער, דער אַרעס־טאַנט און טריבער נביא צו אים, דעם גוטמוטיקן און פֿרייען מענטשן מיט אַזאַ פֿראַגע? וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער דערוואַרט ער? וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער וועט ער אָננעמען? אָבער דורך די ספֿקות רייסט זיך ווידער אַדורך זיין אינערלעך קול און שטי־לערהייט פֿרעגט ער זיך אַליין: צי איז דאָס נישט אַמאָל אַ פֿרי־שער צייכן פֿון גרויסן פֿאָטער אין הימל, אַז ער זאָל זיך פֿילן מעכטיקער ווי ביז איצט? אפֿשר איז דאָס אַ סימן, פּונקט ווי יענע סימנים, בעת דער מטביל האָט אים טובל געווען, און אויך דאַן, ווען מ׳האָט אים געפֿאַנגען!

זיינע געדאַנקען זענען געוואָרן צעמישט און זייער אומ־רויק. און ער ווייסט נישט, צי האָט ער לאַנג געשוויגן? אָבער ווען ער איז געקומען צו זיך, פֿאַרשווינדט זיין מילדער טאָן, עס פֿליסט אויף עפּעס פֿונם גייסט פֿון אַ פֿאַנאַטיקער, וואָס האָט אים באַאומרויקט, און גלייכצייטיק הויבט זיך אויף אין אים יענער קאַלטער שטאָלץ, וואָס איז אין כּנא געווען געווענדעט קעגן דער מוטער און ווידער ווי דעמאָלט, באַקומט ער אַ קעניגלעך אויסזען און מאַכנדיק מיט דער האַנט אַ באַוועגונג אויף די אַרומיקע זאָגט ער:

— גייט און זאָגט יוחנן, וואָס איר זעט און הערט. די בלינדע זען און די לאָמע גייען, די קרעציקע ווערן ריין, טויבע

הערן און טויטע שטייען אויף תּחית-המתים און די אָרעמע איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַ פריילעכע בשורה. און געבענטשט איז דער, וואָס וועט זיך נישט ערגערן פון מיר!

צי האָט עמעצער פון די אַלע אָרומיקע פּאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען? אָט דער רבי, וואָס האָט זיך תּמיד גיך דער-ווייטערט פון נסים און היילן קראַנקע, וואָס האָט זיך קיינמאָל אין דעם נישט געגויטיקט, כּדי אַרויסצווייזן זיין ווערט, — אָט ער ווייזט אָן אויף דעם, כּמעט נאָר אויף דעם, און דעמ-דאָזיקן ענטפער שיקט ער צו דעם, וואָס האָט קיינמאָל נישט געזונט געמאַכט, נאָר דעם גאַנצן כּח אַריינגעלייגט אין וואָרט. יאָ, עס דאַכט זיך, ווי ער וואָלט מיט דעם וואָרט גערדאָט יענעם, ווי ער וואָלט גערעכנט יענעמס פראַגע פאַר אַן איראָניע. קנאה און במקום צו טרייסטן דעם אַרעסטירטן און אים באַ-גריסן, שיקט ער גאָר צו אים אין תּפיסה אַריין אַ וואָרנונג!

אָבער געריררט פון דער פראַגע, פון ענטפער און פון אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די דאָזיקע מינוטן, הויבט ישו אָן, צום ערשטן מאָל נאָכן אַוועקגיין פון די שלוחים, צו רעדן וועגן יוחנן, וועגן דעם ניי-געבוירענעם דור און וועגן די אומגלויביקע, צו וועלכע ער איז ביז איצט געווען אַזוי מילד. און דערשטוינט דערהערט פּלוצלינג דאָס פאָלק פונם מויל פון דעם אייביק גוטמוטיקן מענטשן שאַרפע ווערטער:

— וואָס זענט איר געגאַנגען זען אין דער מדבר? אפשר די טראָסטענעס, וואָס שאָקלען זיך פונם ווינט? צי אַ מענטשן אָנגעטון אין ווייכע מלבושים? אין די קעניגלעכע הייזער זיצן די, וואָס טראָגן די ווייכע מלבושים. אָדער אפשר זענט איר אַרויסגעגאַנגען זען דעם נביא? איך זאָג אייך באמת, אַז ער איז מער, ווי אַ נביא. ער איז עס דער, וועגן וועלכן עס שטייט געשריבן: „זע, איך שיק אַראָפּ מיין מלאך צו דיר, וואָס וועט פאַר דיר מאַכן אַ וועג". באמת זאָג איך אייך, אַז פון אַ ילוד אשה איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן קיין גרעסערער ווי יוחנן המטביל, אָבער דער קלענסטער אין גאָטס קעניגרייך איז נאָך

אַלץ גרעסער ווי ער... ער איז אליהו, וואָס דאַרף קומען. ווער ס'האָט אויערן, דער זאָל הערן!

אַלע זענען דערשטוינט פון זיינע ווערטער, און די קליינע צאָל, וואָס האָבן אים אין אָט דער שעה פאַרשטאַנען, קוקן אויף אים מיט אַ פאַרגליווערטער שרעק, וואָרים אויב ער דערמאָנט יוחנן מיט אַזאַ טאָן, אָנרופנדיק אים אליהו הנביא און דעם, וואָס גרייט צו אַ וועג, דאַן זעט אויס ווי ער וואָלט זיך אַליין געהאַלטן פאַר משיח, הגם ער זאָגט עס נישט. אָבער אָט הויבט אָן פאַלן פון זיין מויל נייע ווערטער:

— צו וועמען זאָל איך פאַרגלייכן דאָסדאָזיקע פאָלק? ס'איז ענלעך צו קינדער, וואָס זיצן אויף דער גאַס און שרייען צו זייערע חברים: מיר האָבן אייך געשפּילט אויף פייפלעך, און איר האָט נישט געטאַנצט; מיר האָבן געזונגען טרויעריקע לי-דער, און איר האָט נישט געוויינט. ס'איז געקומען יוחנן, ער האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען, האָט איר געזאָגט אויף אים, אַז עס שטעקט אין אים אַ טייוול. איז געקומען דער מענטשנזון, ער עסט און טרינקט און איר זאָגט אויף אים:

— אָט דאָס איז דער מענטש, דער זוללן וסובאניק און וויין-טרינקער, חברט זיך מיט די שטייער-אויפמאָנער און מיט די זינדיקע!

ז

וואָס איז דאָס פאַר אַ וועג, וואָס עפנט זיך פאַר אים אַזוי פּלוצלינג און אימהדיק! וואָס פאַר אַ נסיון ליגט עס אין יוחננס פראַגע, און דאָך, צי איז עס נישט אַ רוף פון גאָט? זיין גאַנצער זעלבסטבאַוווּסטזיין, וואָס האָט געדרימלט אין אים פון קינדוויַיז אָן, אַז ער איז געגאַנגען מיט גאָט און נישט מיט מענטשן; אַלץ, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין אים אַ קורצן מאָמענט נאָך דער טבילה און נאָכן פאַרשפּאַרן יוחנן,—איז אויפגעוועקט געוואָרן צוליב דערדאָזיקער פראַגע און אויפסניי באַרופן געוואָרן צום לעבן. שרעק און שטאָלץ וואַרפן אים אין

היך און אין קעלט. ישו וואקלט זיך, אָבער ווען ער גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון דעם, אַז שוין דאָס דריטע מאָל, ווי דער מטביל ברענגט אים אַריין אין אָן אומרויקן צושטאַנד, מוז דאַן זיין נביאיש געפיל דורכאויס באַמערקן אין אים דעם מענטשן, וואָס גרייט פּאַר אים צו דעם וועג. בעת ער קוקט אין זיי-נע שונאימס אויגן און בעת ער טראַכט וועגן די פּלענער, וואָס זיי שפּינען אוודאי הינטער אים און ווען ער זעט גלייכצייטיק, ווי עס פאַרמערן זיך פון טאָג צו טאָג די צאָל גלויביקע, אויס-געהיילטע און אַפילו אַזעלכע, וואָס פאַרגעטערן אים, — דאַן פילט ער, ווי פונדערווייטנס דערנענטערט זיך צו אים וואָסאַמאָל מער דער שטראַל פון שיקזאַל, וועגן וואָס ער האָט געחלומט אַמאָל, אָבער וואָס שרעקט אים איבער פון דער מעגלעכקייט דאָס צו זען אין דער וואָר.

דערשיטערט ביז דער טיפעניש, דערווייטערט זיך דער נביא נאָך דערדאָזיקער רעדע. און גלייכצייטיק האָט ער פאַר-שאָלטן די שטעט אין וועלכע ער האָט געזונט געמאַכט צום-מיינסטן קראַנקע פאַר דעם, וואָס זיי גלויבן ווייטער נישט. ער זאָגט זיי נביאות, אַז אינם יום-הדין וועט זיי באַצאָלט ווערן שווערער, ווי דער גורל פון סדום. זיין צאָרן, דער טאָן פון זיין רעדן, אַפילו די ווערטער זענען נייע, און נישט איינער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. ישו גייט אַוועק מיט עטלעכע תּלמי-דים אין די בערג און טאָלן אויף יענער זייט טייך, נאָך מער פאַרשלאָסן אין זיך, ווי אַלעמאָל.

אָט אין אַזאַ שטימונג, דערוויסט ער זיך פון זיינע תּלמי-דים, אַז זיין מאַמע מיט די ברידער זענען אַרויס אים פאַנגען, וואָרים זיי טענהן, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען. שוין לאַנג ווי די שטוביקע זענען אים געוואָרן פרעמד, און איינמאָל בעת אַ באַגייסטערטע פרוי פון פאָלק האָט אויסגעשריגן: —געבענטשט זאָל זיין דאָס לייב, וואָס האָט דיך געטראָגן! — האָט זי נישט באַקומען קיין דאַנקוואָרט. נאָר ווידער האָט זיך דערוועקט אין אים דאָס אַלטע געפיל פון פרעמדקייט, וואָס האָט אים פון יע-נער מינוט אָן, ווען ער איז באַרופן געוואָרן, אָפּגעטיילט פון

דער פאַמיליע. ער האָט דאַמאָלס אויסמיידנדיק דער פרויס ווערטער בלויז אָפּגעענטפערט:

— געבענטשט זענען די, וואָס הערן גאָטס וואָרט און היטן עס!

אָבער איצט, ווען ער ווייסט, אַז מען האַלט אים פאַר אַ משוגענעם, פילט ער זיך טאָפּלט געטראָפן. צי וועט דאָס געפּייניקטע האַרץ, וואָס שטויסט זיך אָן אויף פאַראַכטונג, נישט ווערן שטאַרקער געטריבן אויפן וועג פון עקסטאַז? ער פילט זיך געטראָפן און ער באַשליסט צו דערקלערן זיינע שטוביקע, וואָס באַוויינען אים און זוכן אים אַרום ווי אַ משוגענעם, אַז גאַנץ גליל האָט אים שוין געבענטשט! פון דידאָזיקע טאָלן איז נישט ווייט צו זיי און אויב ער וועט באַגינען רירן אין וועג אַריין, וועט ער ביינאַכט שוין זיין אין נצרת. די תּלמידים הייסט ער בלייבן אויפן אָרט, ווייל אין זיין געבורטס-שטעטל וויל ער אַרויסטרעטן אַליין. אַ גאַנצן טאָג וואַנדערט ער לענגאויס דעם דרום ברעג, מיידט אויס דעם מגדל, דאָן פאַרנעמט ער זיך אויף מעריב אין באַרגיקער געגנט, און פון דער לינקער זייט מיידט ער אויס תּבור. פונדאַנען ביז זיין געבורטס-שטאָט קאָן ער שוין יעדן טריט.

ווי לאַנגזאַם עס פאַרגייט די צייט און ווי שנעל עס קלאַפּט דאָס האַרץ! צי איז טאַקע ערשט קוים פאַרביי אייניקע זומער-חדשים, זינט ער האָט אָט אין די טאָלן באַגעגנט זיינע שטוב-לייט אויף אַ חתונה, און פאַר זיי האָט ער אַרויסגעקריגן ווין און פאַר זיך — זיכערקייט? ס׳זענען קוים פאַרביי עטלעכע וואָכן און דאָך האָט ער דערווייל דורכגעוואַנדערט גאַנצע וועלטן! אָבער אָט זעען זיך שוין די פייערלעך פון ווייסן שטעטל, וואָס ליגט זיך רויק אין אַ הויכן טאָל, ווי אַמאָל; דאָס וואַסער לעבן ברונעם רוישט, און ער גייט אַריין צו זייניקע. אָ, ווי זיי האָבן זיך איבערגעשראָקן! אַז דער ברודער יעקב האָט זיך איבערגעשראָקן, איז נישט קיין חידוש, ווייל ער איז פרום, היט אָפּ אַלע דינים און איז אַ הייסער אָנהענגער פון די פּרושים. אָבער אויך די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, און

עס ווייזט אויס, אַז אויך די שוועסטער האָבן זיך איבערגע־
שראָקן פון דעם, וואָס אַט דער מאָדנער וואַנדערנדיקער רבי,
וואָס האָט פלוצלינג אַוועקגעוואָרפן זיין מלאכה, שטייט ווידעת
אין שטוב, רויק ווי תמיד, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט גע־
שען. מאָרגן איז שבת. וואָס וועט ער טון?

צומאָרגנס שטייט ער אין בית־המדרש, ווו ער האָט פאַר־
בראַכט די שווייגנדיקע יאָרן פון זיין יוגנט, ער גיט אַ צייכן
דעם גבאי, אַז ער וויל דרשענען; דער גבאי קאָן עס אים
נישט פאַרווערן און דער שמש דערלאַנגט אים די תורה. היינט
איז גראָד אויסגעפאַלן צו לייענען ישעיהו. אַלע קוקן אויף זייער
בן־עיר מיט נייגעריקייט און אומצוטרוי גלייכצייטיק. וועגן וואָס
וועט ער פריידיקן? צי וועט ער אויך דאָ מיט וואַרעמע ווער־
טער אויפמונטערן די הערצער, ווי ער האָט זיי אויפגעמונטערט
ערגעץ אַנדערש?

ישו וויקלט אויף די תורה, זוכט אַביסל ווייטער און
הויבט אָן לייענען דאָס אָרט, ווו ישעיהו זאָגט:

„איבער מיר שוועבט דער רוח־הקודש, מיט וועלכן ער
האָט מיך געזאַלבט, כדי איך זאָל די אָרעמע אָנזאָגן די בשורה,
כדי איך זאָל געזונט מאַכן די הערצער פול מיט חרטה, כדי
איך זאָל מבשר זיין די געפאַנגענע פרייהייט און די בלינדע —
די ראיה, כדי איך זאָל די אונטערגעדריקטע אָנזאָגן אויסלייזונג
און פרייהייט, און איך זאָל אָנזאָגן אַ גליקלעך יאָר פון גאָט".

דאַן וויקלט ער צו די תורה, דערלאַנגט זי די שמשים,
גייט אַרויף אויפן באַלעמער און אַריינקוקנדיק אין די אויגן פון
די פאַרזאַמלטע, וועלכע ער קען שוין אַזויפיל יאָרן און נאָך
איצט אויך, און נאָך אַ ווײַלע שווייגן הויבט ער אָן רעדן:

— היינט איז דערפילט געוואָרן דאָס, וואָס אייערע אויערן
האָבן געהערט!

אַלע זענען דערשטוינט, יעדער איינער שטעלט זיך אַ פראַ־
גע, וואָס קענען דאָס באַדייטן די ווערטער? דאַן רעדט ער
ווייטער, אָבער עס איז נישט קלאָר וועגן וואָס ער רעדט, די
צוהערער שאָקלען מיט די קעפּ און זענען מסכים, אָבער די

סקעפטיש-געשטימטע זאָגן: — פונוואַנען נעמט זיך צו אים דאָס אַלץ? איז עס נישט אַמאָל דער טשעסלער, דער זון פון מרים און אַ ברודער פון יעקב, יוסי, יהודה און שמעון? צי זענען דאָ אַמאָל נישטאָ זיינע שוועסטער צווישן אונז? — און זיי זענען אין כעס געוואָרן אויף אים און אויפגעהערט אין אים צו גלויבן.

אָבער ישו, וואָס האָט שוין גוט געקענט דעם המון, צו וועלכן ער האָט שוין אַזויפיל מאָל גערעדט, באַמערקט די ער-שטע סמנים פון ווידערשטאַנד. ער פילט זיך געטראָפן און ער רופט אויס צו די צוהערער:

— איר וועט מיר אוודאי זאָגן די ווערטער פון אַלטן באַ-קאַנטן שפּריכוואָרט: „רופא, הייל דיך אַליין". וואָרים מיר האָבן געהערט, אַז אין כפר-נחום האָסטו באַוויזן גרויסע זאַכן. טו-זשע עס שוין אויך דאָ, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן. — אַזוי שטעלט ער זיך זיי אַנטקעגן, באַנוצנדיק זיך מיט דעם רום פון זיין נאָמען אַלס אַווירקזאַם מיטל. אָבער תיכף ווערט ער נאָך דרייסטער, ווי ער וואָלט באַרופן געווען דערצו, אַז ער זאָל רעדן צו זיינע בני-עיר:

— איך זאָג אייך, אַז קיין שום נביא איז נאָך נישט אָנגענומען געוואָרן אין זיין פאָטערלאַנד!

— אויך אין אליהו הנביא'ס צייטן זענען געווען אַסאַך אַל-מנות ביים פאָלק ישראל, ווען דער הימל איז געווען פאַרשלאָסן דריי יאָר מיט זעקס חדשים, אַז אַ גרויסער הונגער האָט גע-הערשט אויף דער ערד. פונדעסטוועגן איז אליהו נישט געשיקט געוואָרן זיך שפּייזן צו קיין אַנדערע, נאָר קיין צרפת, אַ שטאָט אין צידון, צו אַ געצנדינערישער אַלמנה! און ווען ביים פאָלק ישראל זענען אין אליהו הנביא'ס צייטן געווען אַזויפיל מצורע-דיקע, איז קיין איינער פון זיי נישט געוואָרן ריין, נאָר נעמון, דער סיריער!

ס'איז געשען! די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז אויפגעבראַכט קעגן אים, אַלע פילן, אַז ער שפּעט פון זיי! אַ געצנדינער שטעלט ער אַרויס פאַר אַ מוסטער, ווי אַזוי מ'דאַרף גלויבן און

ווי אַזוי מ׳קען ווערן אויסגעלייזט! האָט איר שוין געהערט אַזוינס? ער איז אַפּנים אַראָפּ פון זינען, ווי זיין מאַמע זאָגט! די באַגייסטערונג פאַר אים פון די פרויען אויף יענער זייט טייך, האָט ביי אים אָפּגענומען די באַשיידנקייט און די פרומ-קייט! אַט קערט ער זיך אום אַהיים און לעסטערט גאָט!

ישו שטייט אין בית-המדרש און קוקט אויף די אויפגע-הויבענע פויסטן קעגן אים. מיט אַ שאַרפן בליק דערקענט ער זיין אַלטסטן באַהאַלטענעם שונא, דעם רייכן צדיק, וועלכן ער געדענקט נאָך פון קינדווייז אָן און וואָס שרייט איצט העכער פון אַלע; יאָ, ער האָט אַלץ פאָראויסגעזען און פאָראויסגעפילט, אָבער אַלץ, וואָס שטייט געשריבן מוז דערפילט ווערן! ער פילט, אַז עס וועט זיין נויטיק אָנצוהויבן אַ קאַמף. ער זעט פאַר זיך אַ לאַנגן וועג פון ליידן און ווי ער שטייט נאָך אַזוי פאַרטראַכטערהייט, דערשפירט ער אויף זיך די הענט פון המון, וואָס דראָען אים. אַ מחנה, ענלעך צו אַ סטאַדע שרייענדיקע, ווילדע מענטשן, טרייבט אים אַרויס פון גאָטס הויז, און זיי יאָגן אים צום באַרג, אויף וועלכן ער האָט יונגלווייז אַסאַך מאָל געחלומט וועגן זיין געט-לעכן פאָטער. אַהין יאָגן זיי אים, צום משופּעדיקן באַרגרוקן, וועלכן ער קען שוין אַזוי גוט און אונטער וועלכן ער האָט געפּאַשעט ציגן. אַן אומבאַהאָלפענעם וויל מען אים אַרויפטרייבן אויף דעם באַרג, כדי אים פון דאָרטן אַראָפּצושליידערן.

אָבער דאָ פילט ער זיך, ווי אינדערהיים. ער קען יעדן שפּאַלט אינעם באַרג, ווייל דאָ איז ער נישט איינמאָל געלעגן קינדווייז, געפּאַשעט און געחלומט. דאָ וועט אים קיינער נישט קאָנען הרגענען—דאָ אויף זיין גאָטס ערשטער הייליקער לאָנקע. און בעת די מענטשן וואָס רינגלען אים אַרום, זוכן דאָס בעסטע אָרט, וווּ אים צו טויטן און מעגלעך, אַז זיי קריגן זיך וועגן דעם, צי זאָל מען אים הרגענען אָן אַ משפּט, — ווערט ער דער-ווייל אַנטרינען פון זייערע הענט, ער ווערט פאַרלוירן צווישן המון, באַהאַלט זיך אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל, געפינט לייכט אַ שטעגל אונטער די דאָרנביימלעך, וואָס ער קען נאָך

פון קינדערווייז אָן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פונם המון, ער איז געראַטעוועט!

און אין אַ ווײַלע אַרום, ווען ער איז שוין ווײַט אַוועק פון זײַנע פאַרפאָלגער, אָטעמט ער לײַכט אָפּ און קוקט זיך אַרום און ער באַקומט אַ געהויבענע שטימונג. ער לעבט איבער אַ געפיל, ווי ער וואָלט טאַקע געוווּנען זײַן ערשטע מלחמה. מ׳האָט דאָך אים אויסגעלאַכט, געוואָלט אים דערהרגענען און פונדעסטוועגן האָט גאָט אים געראַטעוועט. ער פילט ווי עס רײַסן זיך די לעצטע פעדעם, וואָס האָבן אים געבינדן מיט זײַנע נאָענטע. אפילו דאָס לעצטע ביסל באַמערקבאַרע צוגעבינדנקייט צו די קרובים, וועלכע האָבן אים אויסגעלאַכט און פאַראורטיילט, — הגם זיי האָבן די ערשטע זיך געדאַרפט זיך קענען אויף אים, — פאַרשווינדט אויך. פאַר אים עקזיסטירט שוין נישט קיין פאַמיליע, קיין געבורט-שטאָט און אפילו דאָס נאַציאָנאַלע געפיל. אַ צעשלאָגענער, אַ פאַרטריבענער שטייט ישו און טראַכט פון דעם, ווי אָט ער איז קוים אַרויס מיטן לעבן און ער בענקט בלויז נאָך מענטשלעכע הערצער.

אַז ער קומט צוריק צו זײַנע תּלמידים, קלויבן זיי זיך אַלע צוזאַמען און גייען אַוועק. אַוועק פון גליל! דאָס איז זײַן פּלאַן. אָבער נאָך אין זעלביקן טאָג קומען זיי אָן צו דער יידישער גרענעץ. ערשט דאָ אין דער געגנט פון צור און צידון, אָטעמט ער אָפּ מיט אַ פולער ברוסט, ווײַל דאָ לאָקערט שוין קיינער נישט אויף זײַן לעבן. אָבער אויך דאָ איז שוין זײַן פּנים באַקאַנט, וואָרים אין אַ קורצער צײַט אַרום דערקענט אים אַ פעניציאַנערין, וואָס וויל אין אירע זאָרג אים געפעלן מיט דער יידישער ווענדונג און זי זאָגט צו אים: — האָב רחמנות אויף מיר, האַר, דודס זון! אַ דיבוק פּײַניקט שרעקלעך מײַן טאָכטער! — ישו, וואָס איז נישט צוגעוווינט צו העלפן די היידן, גייט שווײַגנדיק ווײַטער. דאַן ווענדן זיך צו אים זײַנע תּלמידים און זיי זאָגן: — שיק זי אַוועק, ווײַל זי שרײַט אונז נאָך! — אָבער ער האַלט זיך נאָך בײַם געזעץ און בײַ די דינים, ער טוט צום צווייטן מאָל אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זאָגט:

— איך בין נישט געשיקט צו קיינעם. סיידן צו די פאַר־לוירענע שעפעלעך פון ישראלס הויז.

אָבער די אשה גייט אים נאָך, לאָזט אים נישט גיין ווייטער, פאַלט אויף די קני און שרייט: — האַר, ראַטעווע מיך!

— צום דריטן מאָל שטעלט זיך ישו אָקעגן זיין האַרץ און ער גיט דער בעטנדיקער פרוי אַ גרויזאַמען ענטפער:

— ס'איז נישט גוט אַוועקצונעמען דאָס ברויט פון די אייגענע קינדער און וואַרפן עס פאַר די הינטלעך!

אין קאָפּ פון דער פאַרצווייפלטער מאַמע פאַלט איין אַ גליקלעכער געדאַנק און זי ענטפערט:

— ס'איז אמת, האַר, אָבער די הינטלעך עסן אויך די ברעקלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון זייערע באַלעבאַטימס טישן!

דידאַזיקע ווערטער רייסן איבער די לעצטע פעדים, וואָס בינדן אים מיט די געבאָטן פון זיין יוגנט. ער פילט, אַז דידאָזיקע אשה איז ווערט זיין הילף, ווי יעדע איינע יידישע, הגם זי זאָל אַפילו מתפלל זיין צו אָן אַ שיעור געצן. טיף דערשיטערט בלייבט ער שטיין, וואָרים מיט זיין נביאיש אויג זעט ער אין דערדאָזיקער אָרעמער פרוי, וואָס ליגט פאַר אים אין שטויב און בעטלט רחמנות, דעם סימבאָל פון אַ נייע וועלט, וואָס וואַרט אויף אַן אויסלייזונג. דאָס לעצטע פאַרכישופטע פייערל, וואָס האָט געשוועבט פאַר אים, ווי אַ בילד פונם אייגענעם, אויסדערווײלטן פאָלק, פאַרשווינדט און די מענטשהייט אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אויפגעהויבן איבער די גרענעצן און מנהגים, ער פילט זיך באַזיגט און ער זאָגט:

— אָ, אשה! גרויס איז דיין גלויבן! זאָל דיר געשען, ווי דו ווילסט עס!

דאָס איז געווען די ערשטע היידין, וואָס ישו האָט געזונט געמאַכט.

## דריטע קאַפּיטל

# פאַרטונקלונג

# א

און אָט הויבט זיך אָן דאָס אַנטלויפן. אַ גאַנצן האַרבסט און ווינטער, זעקס אָדער אַכט חדשים, מוז דער נביא פון דער פרייליכער בשורה, וואָס האָט אין משך פון איין יאָר דורכגעוואַנדערט זיין פּאָטערלאַנד, כּדי צו אויפריכטן מענטשן און זיי געזונט מאַכן, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוועקט זיי צום קאַמף קעגן די מעכטיקע, וואָס האָט קיינמאָל נישט באַרירט גאָטס קעניגרייך און זיינע מושלים אין ירושלים, — ישו, דער שטילער און ליכטיקער, מוז זיך באַהאַלטן אין די וועלדער און אין די היילן, איבערשיפן זיך פון איין ברעג טייך אויפן אַנדערן, מוז אַפילו אַריבער די גרענעצן פון לאַנד, כּדי צו אַנטלויפן פון די, וואָס יאָגן אים נאָך.

ס'איז שוין פאַרביי יענץ פייערלעכע וואַנדערן איבער די שטעט און דערפער, שוין נישטאָ די צופרידנקייט פון ווירקן און דאָס גליק פון מחזיר זיין. דער ליטערער קוואַל ליבע, וואָס איז געפלאָסן צו אים פון טויזנטער הערצער, האָט זיך פאַרטרישט אין אַ ברייטן געלן טייך, וואָס זיינע באַהאַלטענע בוואַליעס רייסן זיך אַרויף אויף דער אויבערפלאַך און מאַכן מוטנע זיין וואַסער. ס'איז פאַרשווינדן דאָס געפיל פון גרויסמוטיקן נצחון אָן קאַמף, וואָס האָט ישוס האַרץ פול געמאַכט מיט הכנעה צוליבן חסד פון זיין פאָטער אין הימל. פאַרשווינדן איז יעדע אומשולד, וואָס האָט באַגלייט זיינע ערשטע אַרויסטריטן, דער ווייטער האַס איז געוואָרן נאָענט. אַ באַהאַלטענער שונא, גרינגשעצונג, רכילות און אַפילו חוזק איז געפאַלן אויפן פריידיקער פון אַ נייעם חסד. אָבער בעת דאָס אַלץ דריקט אונטער זיין

נשמה, רייסט זיך גלייכצייטיק אַרויס זיין זעלבסטבאַוווסטזיין פון דער באַהעלטעניש, זיין כח ווערט טויזנטפאַך שטאַרקער, ביז זיין ווען ווערט אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט; די הכנעה ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קעניגלעכער האַלטונג, פון מענטשנזון וואַקסט אויס אַ זון פון גאָט.

לכתחילה, ווי עס שיינט, איז ער אין אַ שיפל אַוועקגעשווימען אין לאַנד גלון און באַהאַלטן זיך אין בית-צידה, אינם שטילן, פרוכטבאַרן ווינקל פון ברעג אויף צפון-מזרח ביים אָפּפלוס פון ירדן. דאָרט האָט ביז איצט נישט לאַנג געהערשט פיליפּוס, דער בעסטער זון הורדוסעס, אָבער איצט קערט דאָס-דאָזיקע לאַנד צוריק צו די רוימישע הערשער און ס'איז געוואָרן אַ טייל פון סיריען. דאָ האָבן די אומבאַשטימטע פּ ר-העלטענישן אויסגעזען צו זיכערן די רו פון אַנטלויפנדיקן, וואָרים דמשק, די נייע רעזידענץ, איז געווען ווייט און רוים, וואָס נאָר זי אַליין האָט געקאָנט געבן באַפעלן, איז געווען נאָך ווייטער, און הורדוס אַנטיפּאַס האָט געמוזט רעספּעקטירן דאָס שכנותדיקע לאַנד, וואָס איז געווען אָן אַ הערשער. מ'קאָן נישט וויסן, וויפל וואָכן ישו האָט דאָרטן פאַרבראַכט רויק; מ'ווייסט נאָר, אַז אַביסל שפּעטער אינם זעלביקן יאָר, האָט ער זיך באַוויזן אין גדר, אַ קליין שטעטל אין סיריען, וואָס ליגט אויף דער דרום-מזרחדיקער זייט פון טייך און איז באַוווינט דורך גריכן. דאָרטן האָט ער זיך געפילט זיכער פאַר זיינע שונאים וואָרים ווער וואָלט דאָס געזוכט אַ יידישן רבי אין אַ שטאָט, וואָס איז באַ-וווינט בלויז פון היידן?

פונדאַנען האָט אים גיך פאַרטריבן די קונסט פון געזונט מאַכן. ביים סוף טאָל, ווו עס האָט זיך געפּאַשעט אַ טשערעדע בהמות און חזירים, איז פון אַ מחנה פּאַסטוכער צוגעלאָפן צו אים אַ משוגענער, וואָס האָט געוווינט אין די לעכער און היילן. דער-דאָזיקער האָט איבערגעריסן די שטריק און די קייטן, מיט וועלכע ער איז געווען געבונדן, זיין כח האָט אויסגעזען צו זיין נישט צום מנצח זיין, און יעדן איינעם, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער באַוואָרפן מיט שטיינער. איצט איז ער

צוגעלאָפן צום נביא, וועגן וועלכן ער האָט שוין אַמאָל געהאַט געהערט און אויסגעשריגן צו אים, ווי דענסטמאָל דער ערשטער משוגענער אין כפר-נחום:

— וואָס האָסטו צו מיר, ישו, זון פון אַלמעכטיקן גאָט? איך בעט דיך, פּייניק מיך נישט!

ער האָט זיך געהאַלטן כמעט ווי אַ פרוי, וואָס וויל מ'זאָל זי פּאַרפירן, און אויף דער פראַגע, ווי אַזוי ער הייסט, האָט ער געגעבן אַ בליצאַרטיקן ענטפער:

— מיין נאָמען איז לעגיאָן, ווארים מיר זענען אַסאַך!

ישו נעמט אים אַרום מיט זיין בליק, טוט אים אַ טרייסל און באַשווערט אים. אַזויווי דער קראַנקער געפינט זיך אינגאַנצן אונטער דער השפעה פון פרעמדן רופא און ציטערט פאַר זיין כח, טאָ לאָזט אים אָפּ דער ווייטאָקלעכער דרוק, ער הויבט אָן פרייער צו אָטעמען און תיכף זעט דער משוגענער אויס אינגאַנצן רויק. אין דערזעלביקער צייט פאַלן אַראָפּ פונם משופּעדיקן פעלז עטלעכע חזירים אין וואַסער אַריין, ווארים דער פּאַסטוך האָט זיי נישט געהיטן, נאָר כסדר געקוקט אויפן פרעמדן מענטשן.

איצט ווען אַלע האָבן מיט שרעק זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס איז געשען, האָט די פּאַסטוכער באַפאַלן אַן אַבערגלויבעדישע מורא; זיי מיינען, אַז דער שד, וואָס איז אַרויס פון דעם משוגענעם, איז אַריין אין די חזירים. זיי לויפן אין שטאָט אַריין דערציילן, וואָס עס איז געשען. יעדער אויף זיין שטייגער טרייבט איבער די פאַקטן, ביז לסוף גייען זיי אַלע אַרויס אונטער דער שטאָט, און ווען זיי זען, אַז דער משוגענער איז שוין פולשטענדיק רויק און די חזירים זענען דערטרונקען, גיבן זיי זיך נאָכמער אונטער דעם געפיל פון שרעק, זיי באַפעלן דעם בעל-מופת, אַז ער זאָל זיי פאַרלאָזן און ער זאָל נישט אַריינגיין אין זייער שטאָט.

דער איינדרוק פון זיין טעטיקייט איז שוין אַזוי ווייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז דאָס פאָלק טרייבט אַרויס ישוז פאַר

זיינע ווילטעטיקע וווּנדער. און צוליב וואָס? צוליב עטלעכע חזירים? תּיכּף וועט זיך צעטראָגן די לעגענדע וועגן טויזנטער חזירים, ווי יענער חולה, וואָס האָט זיך אָנגערופן: לעגיאָן. עס זעט אויס, ווי דער פאַרזיכטיקער טריט, דאָס זוכנדיקע אויג, דאָס שאַרפע קול, — אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס מ׳פאַרפאָלגט אים, — האָבן אָפּגענומען ביי אים אַ טייל פון זיין פריערדיקן צויבער און אָט איצט הייבן די מענטשן אָן צו פאַרטרייבן דעם, פאַר וועמען אַלע טירן זענען נאָך ביז איצט נישט לאַנג געשטאַנען אָפן. מען דאַרף זיך צוריק אומקערן קיין גליל, הגם דאָרט איז פול מיט זיינע שונאים, ס׳איז נאָר פאַרבליבן די היימאַט — און דאָרט דראָט אים אַ געפאַר.

אָט זענען שוין דאָ די פּרושים: זיי זוכן אים! ווי האָט ער דאָס פאַרבראַכט אַזוי לאַנג? דאָס, וואָס איז געשען אין זיין געבורט־שטאָט האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד, און אַלע האָבן געוווּסט, פאַרוואָס ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן: ער האָט שוין אין ערגעץ נישט גערעדט אין די בתּי־מדרשים, נישט צונויפגעקליבן אַרום זיך מענטשן אויף די בערג, נאָר ער איז געבליבן אויף די מערק און אין אַנדערע עפנטלעכע ערטער, כּדי ס׳זאָל זיך אַרום אים צונויפזאַמלען אַן עולם. צי האָט ער אַזוי שטאַרק מורא געהאַט? איצט, ווען ער איז שוין ווידער אין לאַנד און ווען ער קען נישט איינאונאיינציקן טאָג זיך אויסבאַהאַלטן, רעדט מען וועגן אים אומעטום און אין דריי טעג אַרום ווייסן שוין אַלע איינוווינער פון גאַנצן געגנט וועגן זיין צוריקקומען. אָבער דאָ זענען זיינע שונאים שוין נישט אַזוי ווילד ווי אין נצרת. פאָרזיכטיק גייען זיי צו צו אים. דאָס זענען שונאים, וואָס מיט דער הילף פון וויכּוחים פּרוּוון זיי אָנטאַפּן דאָס שוואַכסטע אָרט ביים קעגנער.

ישוע איז נישט שווער צו דערקענען זיינע פיינט, לויט זייער אויסערלעכער קאָרעקטער האַלטונג, לויט זייער געמאָסטענע זשעסטן און לויט זייער שאַרף פאַרשנדיקן בליק, געפּרעסטע ליפּן און לויט זייער קאַלטער העפלעכקייט, מיט וואָס זיי באַגריסן אים; אַן אינערלעכע אומרויִקייט זאָגט אים אונטער אַז דאָס

איז אַ שונא און זיין גאַנצע שפע פון ליבע צו מענטשן פאַר־לאָזט אים אין דעמדאָזיקן מאָמענט.

— רבי, ווען וועט קומען גאָטס קעניגרייך? — פרעגן אים צוויי פּרושים, וועלכע ער באַגעגנט אויפן וועג און זיי פאַרהאַלטן זיך אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך באמת געוואָלט דאָס־דאָזיקע דערוויסן. אָבער ער איז צוריקגעהאַלטן ווי זיי און זיין ענטפער קלינגט נישט ווי אַ פאַרוואורף, נאָר ווי אַן אויפקלערונג:

— גאָטס קעניגרייך וועט נישט זיין אויגנשיינלעך און קענטיק און מ'וועט נישט קענען זאָגן: אָט איז עס דאָ, אָדער דאָרטן. וואָרים גאָטס קעניגרייך איז אין אייך.

ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך דערווייטערט פון די פּרושים און זיי האָבן אים נאָכגעקוקט, געהויבן מיט די אַקסלען, ווייל זיי שפּירן נישט דעם אָטעם פון נביאישן מויל. אויף אַ פעלד־וועג איז פאַר זייערע אויערן אַרויסגעזאָגט גע־וואָרן אַזאַ גרויסער געדאַנק, אַז ער קאָן אויפטרייסלען די אַלטע וועלט. גאָטס קעניגרייך איז אין אייך! — האָט געזאָגט דער טשעסלער און ווייטער געגאַנגען. און קיין שום פליגל־גערויש פון פאַרבאָרגענע גייסטער זאָגט נישט דידאָזיקע גאווה־דיקע צדיקים וועגן דער נאָענטקייט פון גאָט. זיי טראַכטן נאָר וועגן דעם, אַז מען קאָן אים נישט מאַכן קיין פאַרוואורף.

אָבער אַן אַנדערש מאָל קלויבן זיך אַרויס צו אים עטלע־כע מענטשן גרייט צו דעמאַסקירן דעם פאַלשן נביא דורך אויספרווון. — ווייז אונז אַ צייכן פון הימל — זאָגן צו אים דידאָזיקע מענטשן. אַ צאָרן דערוועקט זיך אין אים און ער האָט חשק אויסצוברעכן, אָבער ער באַהערשט זיך און נאָר זיינע ווערטער קלינגען שאַרף, בעת ער זאָגט צו זיי:

— איר ווילט אַ צייכן? אין אָוונט זאָגט איר: מאָרגן וועט זיין אַ שיין וועטער, ווייל דער הימל איז רויט. באַגיגען זאָגט איר: ס'וועט זיין אַ געוויטער, ווייל דער הימל איז טונקל. צבועקעס! אַ צייכן פון הימל פאַרשטייט איר, און איר קאָנט נישט פאַרשטיין אַ צייכן פון דער צייט? וואָס פאַר אַ צייכן זוכט

דער דור ? איך זאָג אייך, אַז קיין צייכן וועט אים נישט גע־געבן ווערן.

אָבער דער הימל ווערט טונקל, די צייכנס פאַרמערן זיך, באַלט וועט מען דערהערן אַ דונער. וואָרים אין איינעם אַ טאָג וועט דער רוימישער מאַכט דערעסן ווערן אויסצוהערן די ידיעות וועגן דער האַנדלונג פון מאַן פון נצרת, און דערפאַר וועלן זיי אַרויסשיקן עטלעכע מענטשן קיין גליל זיי זאָלן אויספאָרשן, ווער עס זענען די אָנהענגער פון דעם נביא, צי לעסטערט ער אַמאָל נישט גאָט און ווי אַזוי וואָלט מען אים געקאָנט פאַנגען. ס'איז גאָרנישט שווער אים צו געפינען, ווייל ווידער פאַרזאַמלען זיך אַרום אים גאַנצע מחנות, און אַזאַ גרויסע צאָל עדות איז גראַדע אויף דער האַנט פון די שלוחים.

זיי האָבן אומזיסט זיך צווערשט אונטערגעהערט צו די מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום, כדי צו דערהערן ביי זיי עפעס גאָטסלעסטערנדיקע זאַכן, וואָרים אינדערמתן האָבן זיי נישט געפינען גאָרנישט קיין אויסטערלישעס, סיידן, וואָס זיינע תלמידים וואַשן זיך נישט צום עסן. אמת טאַקע, אַז די תורה הייסט וואַשן זיך די הענט נאָר ביים עסן די קרבנות, אָבער די נייע דינים הייסן זיך וואַשן אויך ביי אַ געוויינטלעך עסן, און אָט דער מנהג האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע רעזידענץ, הגם אויף דער פּראָווינץ, צווישן די דאָרפסלייט, איז ער געווען אומ־באַקאַנט. יעדנפאַלס איז דאָס אַ פּרט, ביי וואָס מ'וועט זיך קע־נען אָנכאַפּן, כדי דעם בונטאַר שפּעטער צו קאָנען פירן אויפן וועג פון זיך מודה זיין אין אַנדערע זאַכן. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אויפן מאַרק, און אפשר גאָר אין אָוונט, ווען אַלע זיצן אַזוי פאַר די שטיבער, אָנגעשפּאַרט ביי די טירן, זיצן אויף די שוועלן, אָדער שפּאַצירן פאַר די הייזער, געניסנדיק פון קילן אָוונט־ווינט. אָט אין יענער צייט דערנענטערן זיך צום רבין די פּרעמדע פּרושים און שטעלן אים עפנטלעך די פראַגע:

— רבי, זאָג אונז, פאַרוואָס היטן דיינע תלמידים נישט אָפּ די געבאָטן ? מיט אומגעוואַשענע הענט עסן זיי זייער ברויט.

ישו ווייסט שויז וועגן זיי אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, וואָרים

ווען ער האָט זיי אַפילו נישט געזען, האָט ער געפילט זייער אָנוועזנהייט. אין זיי טאַקע האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען די גרויסע פרעמדע מאַכט, וואָס שטעלט זיך אים אַנטקעגן, אָרדענונג, געזעץ: ירושלים! אַזעלכע מענטשן זענען פונקט אַזוי אַמאָל געשטאַנען פאַר יוחנן, געשטראָפט אים, גע-פאָרשט! שלוחים פון מענטשן פאַרן שליח פון גאָט. פונקט מיט אַזעלכע שאַרפע מינעס האָבן זיי געקוקט אין די פלאַמענדיקע אויגן פון מטביל, פונקט אַזוי האָט אַן אויפגעהויבענער פינגער באַגלייט זייערע פראַגן און פונקט אַזוי האָט זיי אַרומגערינגלט א המון מיט אויפגעריסענע אויגן, ווי היינט. בעת ער דערמאָנט זיך יוחננס געשטאַלט און זיין קול, ווי ער וואָלט אים געזען און געהערט, דערמאָנט ער זיך זיינע ווערטער וועגן אַ שטאַרקערן, וועגן וועלכן יוחנן האָט גערעדט אין אַט יענער שעה, און גלייכ-צייטיק דערמאָנט ער זיך די פראַגע פונם געפאַנגענעם יוחנן, צי איז ער טאַקע דערדאָזיקער שטאַרקערער. דער גרויסער זעלבסטבאַוווסטזיין, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן אין זיין נע-ווגד זיין, הויבט זיך אויף אין אים פונסניי און צום ערשטן מאָל דערפילט ער אין זיך א פארלאנג פון אַן אָפענעם קאַמף מיטן קעגנער; עס דערוועקט זיך אין אים די אַנטיפּאַטיע צו דידאָזיקע מענטשן, וואָס ער האָט דערשפּירט שוין קינדווייז ביים אָנקוקן דידאָזיקע פנימער. און דאָס געפיל מישט זיך צו-נויף מיטן געפיל פון זיין לעצטער באַגעגעניש, און פלוצלינג דערפילט ער גלייך, ווי אין זיינע ריינע הענט, זאָל פלוצלינג אַריינפאַלן געווער, וואָרים מיטן קול פון מטביל רופט ער אַרויס דעם קעגנער אויפן עפנטלעכן מאַרק:

— פאַרוואָס וואַרפט איר אָפּ גאָטס געבאָט, כדי איר זאָלט האַלטן אייער אייגענע טראַדיציע? גאָט האָט געהייסן: שעץ דיין טאַטע-מאַמע, און ווער עס זאָל קעגן זיי ווידערשפעניקן, דער זאָל שטאַרבן. אָבער איר לערנט, אַז גוט טוט דער, וואָס זאָגט צו זיין טאַטע-מאַמע: אויב איך וועל איצט אָפּגעבן פאַר א קרבן דאָס, וואָס איך בין אייך שולדיק, וועט עס זיין פאַר אייך א ברכה! נאַטירלעך, אַז אויב אַזוי, וועט קיינער נישט

האָבן קיין דרך-ארץ פאַר כּאַטע-מאַמע! פון גאָטס געבאָטן דרייט איר זיך אַרויס מיט דער הילף פון אייערע פּאַרטלען.

צבועקעס! וועגן אייך האָט ישעיהו אַזוי געזאָגט: דאָסדאָזיקע פאָלק גיט מיר אָפּ כבוד מיט זייערע לעפּצן, נאָר זייער האַרץ איז ווייט פון מיר. אומזיסט טוען זיי דינען צו מיר, לערנענדיק די געבאָטן פון מענטשן!

אָט אַזוי קומט ער זיי ביי מיט זייערע אייגענע געזעצן, ער שטעלט זיי אַקעגן די ווערטער פון זייערע אייגענע נביאים און ער שליידערט זיי אין פּנים זיין אינערלעכסטע באַשולדיקונג: די זינד פון דער זעלבסטצופרידענער גערעכטיקייט. עס דאַכט זיך, ווי זיין פייל וואָלט זיי געטראָפן גלייך אין האַרץ אַריין, ווייל זיי ענטפערן אים גאָרנישט און זיי דערוויטערן זיך. אָבער ווען זיי אַליין וועלן וועלן אָנשטעלן אויף אים די פייל פון נקמה, וועט זי ווירקלעך זיין אַ שטערבלעכע!

אָבער ישו פילט, ווי זיינע ווערטער פלאַמען; ער האָט שוין לאַנג נישט גערעדט צום פאָלק, און מיט אַזאַ פייער נאָך קיינמאָל נישט. ליידנשאַפטלעך, ווי יוחנן, ווענדעט ער זיך צום המון, און הגם ער שטייט נאָר אויף אַ מאַרק אין אַ קליין שטויביק שטעטל, זעט עס אויס, ווי ער וואָלט זיך געווענדעט צום פאָלק פון גליל קעגן ירושלימער געריכט. ער לאַכט אויס די קליינלעכע דינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום עסן, מיט וועלכע עס רימען זיך אַזוי די ירושלימער פרומע און שרייט אַזוי הויך, אַז דער וואָס דערווייטערט זיך זאָל קאָנען הערן:

— דאָס, וואָס גייט אין מויל אַריין, פאַראומרייניקט נישט דעם מענטשן, נאָר דאָס, וואָס גייט אַרויס פון מויל פאַראומרייניקט אים!

זיינע תלמידים דערשרעקן זיך, וואָרים זיי האָבן אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכן ווי איצט. זיי האָבן מורא פאַר אַ נייעם צוזאַמענשטויס, און דעריבער גייען זיי צו אים צו און זאָגן שטילערהייט:

— צי ווייסטו, אַז האָסט מיט דיינע ווערטער אָנגערירט די פּרושים?

אָבער ער, וואָס איז תּמיד מילד און איידל, לאָזט זיך שוין איצט נישט איינהאַלטן. איין בילד נאָכן אַנדערן גייט פאַרביי אין זיין דמיון. און דידאַזיקע אַלע בילדער זענען באַ־שטימט אויסצולאָזן די תּנאים, וואָרים זיינע ווערטער קלינגען הויך איבערן גאַנצן מאַרק:

— יעדער צווייג, וואָס איז נישט פאַרפלאַנצט געוואָרן פון מיין פאָטער אין הימל, וועט ווערן אויסגעריסן מיטן וואָרצל! לאָזט זיי צורו, זיי זענען בלינדע פירער, און ווען אַ בלינדער פירט אַ בלינדן פאַלן זיי ביידע אַריין אין אַ גרוב!

צי וועט זיך אונטער זיינע פּלייצעס נישט דערהערן באַלד אַן אָפּקלאַנג פון אַ היידניש געלעכטער? זיינע תּלמידים ווערן וואָסאַמאָל מער אומרויק, און כּדי אים איינצוהאַלטן אַביסל, רייסט אים איבער פּעטרוס מיט אַ פראַגע, צי ער וואָלט זיי נישט געקאָנט אויסטייטשן דעם משל. אָבער דער רבי פאַרלירט דאָס געדולד, וואָס מ׳רייסט אים איבער און ער פרעגט מיט כּעס:

— צי פאַרשטייט איר נאָך נישט, אַז אַלץ, וואָס גייט אַריין אין מויל אויף אַ נאַטירלעכן אופן, פאַרלאָזט עס אויף אַ נאַטירלעכן אופן צוריק דעם גוף? אָבער דאָס, וואָס גייט אַרויס פון מויל, גייט אַרויס פון האַרץ, און דאָס פאַראומריי־ניקט דעם מענטשן. — פון זיינע אויגן רייסן זיך בליצן, בעת ער שרייט נאָך די אַוועקגייענדיקע פּרושים: — וואָרים פון האַרץ גייען אַרויס שלעכטע מחשבות, רציחה, ניאוף, אויסגעלאַסנקייט, גניבה, פאַלש עדות זאָגן, לעסטערונג. אָט דאָס זענען זאַכן, וואָס מאַכן אומריין דעם מענטשן, אָבער דאָס נישט וואַשן זיך די הענט צום עסן, מאַכט נישט אומריין דעם מענטשן!

אַזוי האָבן זיי דערהאַלטן אַן ענטפער אויף זייער ביטערער פראַגע. זאָלן זיי גיין צו די כּהנים און זאָלן זיי דערציילן גאַנץ ירושלים וועגן דעם מוט פון פאַנאַטישן טשעסלער. ענד־לעך האָט ער כאָטש אין קעגנוואַרט פון אַלעמען דערציילט

זיין שטערבלעכן שונא וואָס ער טראַכט וועגן אים. איצט פֿילט ישו אַ פֿאַרלייכטערונג.

## ב

די מחנות צוהערער זיינע וואַקסן וואָסאַמאָל מער: אויף שיפֿלעך און צופֿיס גייען זיי אים נאָך, בעת ער פֿאַרלאָזט וועלכעס אָרט. פּונקט ווי אַמאָל, האָט ער אויך איצט נישט קיין רו, מאַכט נישט קיין פּלענער, נאָר קוקט זיך אָפֿטמאָל אום אונטער זיך, ווו עס לאָקערט דער שונא. צוליב זיין אָפֿענעם קאַמף מיט די פּרושים, וואַקסט די צאָל פֿון זיינע אָנהענגער, וועמענס סימפּאַטיע ס'איז אויף זיין זייט. דאָס פּשוטע געפֿיל פֿון די דאָרפֿסלייט שטעלט זיך אַנטקעגן די כּהנים, וואָרים צי האָבן זיך די כּהנים שוין אַמאָל געפֿרעגט, וואָס די אָרעמעלייט פֿעלט? זיי האָבן עס נאָך קיינמאָל נישט געטון, נאָר זיי האָבן תּמיד פֿאַרלאַנגט פֿון זיי אָפּצוהיטן די מצוות. מיט פֿאַרריסענע קעפּ זענען זיי געגאַנגען איבער די גאַסן און תּמיד געשטאָלצירט מיט זייער פֿרומקייט. אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט גערימט, ער איז געקומען צו זיי און זיי געמוטיקט, וואָרים ער איז געווען זייער״ס גלייכן.

חוצדעם האָט ער דאָך געקאָנט זיין אַן אויפֿגעשטאַנענער אליהו הנביא, אָדער איינער פֿון די, וואָס דאַרפֿן זיך באַווייזן פֿאַרן אָנקומען פֿון די גליקלעכע צייטן. פֿונדעסטוועגן איז אים קיינמאָל נישט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז ער זאָל דאַרפֿן זיין אַ זון פֿון דוד, אָדער אַ משיח. זיי האָבן אים גערופֿן אַזויווי ער אַליין האָט זיך גערופֿן: מענטשנזון, האָבנדיק דערביי אויפֿן געדאַנק זיין ערדישע קונסט. אַפֿילו פּרושים זענען צו אים געקומען, ווען זיי האָבן זיך גענויטיקט אין אים! אָט שטייט פֿאַר אים דער גבאי פֿון בית-המדרש און בעט: — מיין טעכטערל שטאַרבט, קום, לייג אַרויף אויף איר דיין האַנט, זאָל זי געזונט ווערן! — גוט, ער גייט, דער המון גייט אים נאָך, אָבער אָט קומען אָן צו לויפֿן די דינער און זאָגן, אַז ס'קינד איז שוין

געשטאָרבן. ישו קען שוין דאָס אַבערגלויבערישע איילעניש פון די דאָרפסלייט, מיט וואָס זיי האַלטן די שווער קראַנקע פאַר טויט. ער הויבט אָן גיין גיכער, נעמט מיט מיט זיך עטלעכע תּלמידים און גייט אַריין אין שטוב אַריין, ווו עס ליגט דאָס פאַרחלשטע קינד.

— פאַרוואָס וויינט איר? דאָס מיידעלע איז נאָך נישט געשטאָרבן, נאָר עס שלאָפט. — אין אַ ווינקל עטוואָס ווייטער לאַכט מען פון אים, ער הייסט אַלעמען אַרויסגיין און ער לאָזט נאָר פאַרבלייבן די עלטערן און אַליין שטאַרקט ער זיך און זאָגט צום פאָטער: — האָב נישט קיין מורא, גלויב נאָר! — דאַן וועקט ער אויף דאָס קינד, גלעט עס און שרייענדיק באַפעלט ער עס אויף זיין שטייגער, אַז ס׳זאָל זיך אונטערגעבן זיין ווילן און זיך אויפשטעלן.

אַ פּחד נעמט אַרום אַלעמען. אויב ער קאָן לעבעדיק מאַכן מתים, איז ער דאָך דער גרעסטער מכשף, וואָס ס׳קאָן נאָר זיין! די מתּנה פון געזונט מאַכן, וואָס האָט אים אַמאָל דורכגעלייגט אַ וועג, ווערט אָבער איצט פאַר אים אַ מכשול שוין צום צווייטן מאָל, ווי מיט דער געשעעניש מיט די חזירים אין גדר. און בעת ער האָט אַמאָל דעראָבערט נשמות מיט דער קונסט פון היילן, ווערן דידאָזיקע נשמות אים איצט אַנטרינען אַ דאַנק דער זעלבער קונסט.

אָן אַנטוישטער שטייט ער איצט פאַרן פאָלק, וועלכן ער ער איז מקריב זיין גאַנצע ליבע און זיין גאַנצן געדולד. יענע היידנישע מוטער, וואָס האָט מיט איר אומבויגזאַמען גלויבן, אין קעגנזאַץ צום פאָלק, געבראַכן זיין אייגענעם ווידערשטאַנד, קומט אים אין זכרון אין איר פולן אויסדרוק. דאַן הויבט ער אָן שטראָפן יענעם המון, וועלכן ער האָט ביז איצט געטרייסט און מיט אַ נייעם טאָן שרייט ער צו אים:

— אָ, ווי דיר, כּרזים, ווי דיר, בית-צידה. וואָרים ווען די נסים, וואָס זענען ביי אייך געשען, וואָלטן געטון געוואָרן אין צור און אין צידון, וואָלטן זיי שוין לאַנג תּשובה געטון, אָבער איך זאָג אייך, אַז אין דעם יום-הדין וועט זיי זיין לייכטער ווי אייך!

און דו, כפר-נחום, וואָס ביסט דערהויבן ביז צום הימל, וועסט אַריינגעשליידערט ווערן אין גיהנום אַריין, וואָרים ווען דידאָזיקע נסים, וואָס האָבן זיך ביי דיר געטראָפן, זאָלן האָבן געשען אין סדום, וואָלט דידאָזיקע שטאָט געשטאַנען נאָך ביז היינט!

און די מענטשן שטייען פאַרחידושט און שאָקלען מיט די קעפּ. צי איז עס נאָך דערזעלבער נביא, וואָס האָט גערעדט צו זיי אַלס פּאַסטוך, און איצט רעדט ער ווי יוחנן? פאַרוואָס ברענגט ער אונז כסדר פאַר אַ משל די היידן און ער באַרימט זיך מיט זיינע וווּנדער, וועלכע קיינער לייקנט זיי אים נישט אָפּ? צי האָט ער אַמאָל אַליין נישט באַפוילן יעדן אָפּגעראַטעוועטן, אַז ער זאָל שווייגן?

און אָט אַזוי פול מיט יאוש פון דער טעמפּקייט כונם פאָלק, צאַרנענדיק אויף די היטער פון געזעץ, דערווייטערט ער זיך פון ביידע וואָסאַמאָל מער. וואָסאַמאָל קומט אים לייכטער אָן צו פאַרלאָזן גליל און אינסטינקטיוו קלויבט ער זיך אָפּ אַן אָרט, וואָס איז באַוווינט דורך היידן. סיי ער קומט דורך דער דרום-גרענעץ קיין שומרון, סיי דורך מעריב קיין צור, העלפט ער תמיד די היידן און היילט זיי, לערנט זיי נישט און איז זיי נישט מחזיר צו זיין אמונה. מעגלעך, אַז ער אַליין האָט איבער-געלעבט די ווייטערדיקע געשיכטע, צי ער האָט געהערט וועגן איר. און אָט די געשיכטע האָט ער דערציילט אין אַ רויקער מינוט, בעת מ׳האָט אים געשטעלט די פראַגע, ווער אייגנטלעך עס זענען אונזערע נאָענטע און וועמען דאַרף מען ליב האָבן:

— אויפן וועג פון ירושלים קיין יריחו איז אַ מענטש באַרויבט געוואָרן, מ׳האָט אים פאַרווונדעט, אָפּגעצויגן די מלבושים. אַ כהן און אַ לוי, וואָס זענען גראַדע פאַרבייגעגאַנגען, האָבן געזען דעם אומבאַהאָלפענעם פאַרווונדעטן ליגן ביים וועג און זיי זענען נישט שטיין געבליבן אים צו העלפן, נאָר זיי זענען געגאַנגען ווייטער. אָבער אַ הייד פון שומרון, וואָס האָט אים געזען, האָט זיך איבערגענומען מיט זיין גורל, ער האָט אים פאַרבינדן די ווונדן, אַרויפגעלייגט אים אויפן קעמל, אַוועקגעפירט דעם

פאַרווונדעטן אין אַן אכסניה און דאָרט באַצאָלט אויף אויסהאַל־טונג פאַרן פאַרווונדעטן.

— ווער פון די דריי דאַרף זיין נאָענט יענעם, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון רויבער ?... גיי דו און טו אויך אַזוי.

און מחמת דעם, וואָס דידאַזיקע דערציילונג איז נאָכדעם איבערגעחזרט געוואָרן פון מיליאָנען מענטשן, האָט איינער אַן אומבאַקאַנטער באַרמהאַרציקער הייד, פאַראומשטערבלעכט זיין קליין שומרונער פאָלק.

ישו זעט וואָסאַמאָל מער, ווי ווייט ער ווערט גריינגגע־שעצט און פאַרדעכטיקט, ער קערט זיך אָפּ פון פאָלק און לעבט נאָר מיט די תּלמידים: זאָלן זיי דערקענען זיינע געדאַנקען און זאָלן זיי איבערגעבן ווייטער דאָס, וואָס מ׳וויל אים נישט גלויבן צוליב די ספקותדיקע מיינונגען וועגן אים. פּאַמעלעך, לויט דער־זעלבער מאָס, ווי די וועלט צווינגט אים זיך אָפּצוזונדערן, ווערט פון זיינע געדאַנקען געבוירן ביי אים אַ גאַנצע תּורה, כאָטש זי איז נישט אַריינגעפאַסט אין געזעצן און פאָרמולן. נאַטירלעך, אַז צו אַזאַ פאָלק קאָן מען נישט שטענדיק רעדן מיט אַזאַ ליבע, ווי עס רעדט אַ ליבנדיקער פאָטער: מ׳באַדאַרף פאַר זיי זיין אַ רבי און מ׳באַדאַרף באַפעלן. די אָנגעזאַמלטע פאַרביטערונג פון אַ קינדיש־ריינעם מענטשן, וואָס איז אַמאָל מיט אָפענע אָרעמס גרייט געווען צו וואַרפן זיך אין יעדנס הענט, און וואָס פילט אָט איצט דעם ווידערשטאַנד פון דער קאַלטער וועלט, האָט געפינען אַן אויסדרוק אין די עצות, וואָס ער האָט געגעבן די תּלמידים, וועלכע ער האָט אויך אָנגערופן זיינע אַפּאָסטאָלן:

— „איך שיק אייך ווי שאָף צווישן וועלף. דעריבער זייט קלוג ווי די שלאַנגען און ערלעך ווי די טויבן". ערלעך איז ער באמת תּמיד געווען, אָבער קלוג ווי די שלאַנג איז ער קיינמאָל נישט געווען, דערפאַר זאָלן שוין די קינדער זיין קלוגער. און אָט איז ישו געוואָרן אַ פאָטער.

פונדעסטוועגן האָט ער גלייכצייטיק זיך געזאָרגט וועגן דעם, אַז ס׳זאָל צומאָל פון זיינע תּלמידים נישט אַנטשטיין עפּעס ענלעכעס צו אַ נייעם אָרדן לויטן שטייגער פון די אסיים.

ער פאַרוועדט זיי וועלכן ס'איז אָפּצייכן, ער פאַרלאַנגט פון זיי, אַז זיי זאָלן אַזוי ווייט באַגרענעצן זייערע באַדערפעניש, יוי עס האָט עס נאָך נישט פאַרלאַנגט קיין שום רבי פאַר אים. אויפן וועג טאָרן זיי נישט מיטנעמען קיין געלט, נישט קיין ברויט, נישט קיין זאַק און אַפילו נישט קיין שטעקן, וואָרים ברויט וועלן זיי געפונען אין יעדן שטוב, פונקט ווי ער האָט געפונען. אָרעם און הילפלאָז מוז זיין יעדער איינער, וואָס טראָגט אַ פרייליכע בשורה פאַר די אָרעמע און הילפלאָזע — „און אויב עס זאָל אייך עמעצער נישט אויפנעמען, טאָ דאַן ווען איר גייט אַרויס פון אַזאַ הויז אָדער שטאָט, שאָקלט אָפּ דעם שטויב פון אייערע פיס, ס'זאָל בלייבן פאַר אַ צייכן... אויב פאַרפאָלגט מען אייך אין איין שטאָט, אַנטלויפט אין אַן אַנדערער". ווי שטרענג דער גוטמוטיקער נביא איז געוואָרן! ווו זענען אַוועקגעקומען זיינע אַלע טענער פון ליבע? עס זעט אויס, ווי ער וואָלט שוין געווען אַ פאַרביטערטער נביא, וועלכן מ'וויל נישט אַנערקענען.

אַז זיינע תּלמידים טוען עפּעס, וואָס אים געפעלט נישט, שטראָפט ער זיי תּיכף: — צו וואָס זאָגט איר מיר: האַר, האַר! און איר טוט נישט, וואָס איך הייס אייך? איר וועט אפשר זאָגן אַמאָל: מיר האָבן געגעסן און געטרונקען מיט דיר, און האָסט אונז געלערנט אויף די גאַסן. אָבער דאַן וועל איך אייך זאָגן: פונוואַנען זענט איר? איך קען אייך נישט, גייט אַוועק פון מיר, איר, וואָס טוט שלעכטס! — אַזוי פרעמד פילט ער זיך שוין צווישן זיינע טרייע, און ווען עס ווענדן זיך צו אים נייע תּלמידים, רעדט ער צו זיי שאַרף:

— אויב עס קומט עמעצער צו מיר און ער האָט נישט פיינט זיין טאַטן, די מאַמע, דאָס ווייב, די קינדער, די ברידער און די שוועסטער און אַפילו זיין אייגן לעבן, קאָן ער נישט זיין מיינער אַ תּלמיד!

איינמאָל, ווען אַ מענטש איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער צו אים קורץ אַ זאָג געטון:

— קום מיט מיר!

— האַר — האָט יענער אָפּגעענטפערט — דערלויב מיר נאָר נאָך מקבר צו זיין מיין טאַטן.

— זאָלן די טויטע באַגראָבן די טויטע! דו אָבער קום און זיי מבשר גאָטס קעניגרייך!

ס'איז געשען ווען אַפילו, אַז איינער פון יענע אָנהענגער האָט געוואָלט פאַרן אַוועקגיין מיט ישו'ן זיך געזעגענען מיט זיינע קרובים, האָט ישו זיך אָפּגעקערט פון אים און געזאָגט מיט פאַראַכטונג:

— קיינער, וואָס וואָלט צוגעלייגט זיין האַנט צום אַקער, און ער זאָל זיך אומקוקן אויף הינטערווייליעכץ, איז שוין נישט ראוי אַנצוקומען אין גאָטס קעניגרייך.

ער איז שוין נישט יענער גוטמוטיקער מאַן, וואָס האָט פאַרגעוואָרפן די פרושים, אַז זייערע דינים שטערן די זין נישט אָפּצוהיטן ווי געהעריק די מצווה פון כבוד-אב.

יאָ, אַפילו פון זיין אייגענער מאַמען קערט ער זיך אָפּ. ווען אַמאָל בעת זי פרווט צוזאַמען מיט די איבריקע זין, אַרויסצוראַטעווען אים פון דער געפאַר, וואָס אים דראָט, גייט אים נאָך אַ שטיק וועלט און בלייבט שטיין פאַרן הויז, אין וועלכן ער געפינט זיך, און הייסט אים זאָגן, אַז זי וויל זיך מיט אים זען, שטייט ער אויף מלא כעס אויף זיינע תלמידים:

— ווער איז מיין מאַמע? און ווער זענען מיינע ברידער?

איר זענט מיין מאַמע און מיינע ברידער! וואָרים ווער עס טוט דעם ווילן פון גאָט מיין פאָטער, דער איז מיין ברודער און מיין שוועסטער.

נאָר זעלטן ווען, רעדט ער מיט די אַמאָליקע צאַרטע ווערטער. בעת ער האָט אויף אַ נסיעה זיך צוגעהערט צו אַ נאַיוון וויכוח, וואָס זיינע תלמידים האָבן געפירט, ווער פון זיי עס וואָלט געווען דער גרעסטער אין גאָטס קעניגרייך, זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ שטיין ביים וועג און באַהאַלט אין זיך די אַנטוישונג פון אַזאַ עם-הארצישער אויסטייטשונג פון זיין לערע. ער רופט בלויז צו אַ קליין קינד, וואָס שפּילט זיך ביים וועג, זעצט עס אַוועק

אויף די קני און ער זאָגט צו די תּלמידים, וואָס רינגלען אים אַרום:

— אויב איר וועט נישט ווערן ווי אָט אָ דאָס קינד, וועט איר נישט אָנקומען אין גאָטס קעניגרייך. ווער ס'וועט זיך דערנידריקן ווי אָט אָ דאָס קינד, וועט אין הימל זיין דער גרעסטער.

## ג

אין דער פעסטונג מכיא איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער באַל. הורדוס האָט אויף זיין געבורטס-טאָג פאַרבעטן די פירער פון חילות, די באַאַמטע און די אַריסטאָקראַטיע. דאָס, וואָס מ'האָט געפּלאַנעוועט אונטער זיינע פּלייצעס, האָט ער נישט געוווּסט.

די כּהנים-גדולים פון ירושלים זענען וואָסאַמאָל מער צו אים צוגעשטאַנען, כּדי ער זאָל באַפעלן אומצוברענגען דעם מענטשן, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַרשפאַרט אין אַ לאָך פון פעסטונג; דעם מענטש, וועמענס רום איז זיך נאָך מער פאַנאַנדערגעוואַקסן אַ דאַנק זיין פאַרשפּאַרטקייט. קודם-כּל זענען זיי אויסן געווען אָפּצושרעקן די תּלמידים פון יוחנן און אויך ישו הנוצרי, וועלכער האָט פאָרטגעזעצט די זאַך פונם מטביל און וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו געפערלעכע רעזולטאַטן. אָבער הורדוס האָט תּמיד געענטפערט: ניין! אַלס מלוכה-מאַן האָט ער געקענט די צויבער-מאַכט פון די אומגעברענגטע מאַרטירער, אַלס פילאָזאָף האָט ער ליב געהאַט אַ שמועס צו טון מיט דעם קלוגן מענטשן, אַלס מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער האָט ער מורא געהאַט פאַר די פאָלגן פון אַ נישט נויטיקן מאָרד.

דערווייל האָט הורודיה, וואָס איז מיט איר מוטיקייט, האַס און ליידנשאַפט, געשטאַנען העכער ווי איר מאַן, אין איילעניש אויסגענוצט די עצה, וואָס איז געקומען פון די סנהדרין-קרייזן; דער פאַרשפאַרטער יוחנן האָט, וואָס אַן אמת, אַבסאָלוט נישט באַדראָט איר חתונה, אָבער ער האָט באַליידיקט די שטאָלצע פרוי מיט זיין מיינונג, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט וועגן דער-

דאָזיקער חתונה. די פּרושים און די צדוקים, אויסנוצנדיק דידאָזיקע באַליידיקונג, האָבן דערגרייכט זייער פּאָליטישן ציל. הורודיה האָט אין דערדאָזיקער פאַרשווערונג אַריינגעצויגן אויך איר טאָכטער. שלומית האָט שוין געהאַט פאַרלוירן איר מאַן, דעם קעניג הורדוס פיליפּוס. ער איז שוין געווען אַלט, אָבער זי איז נאָך געווען יונג, פול מיט לעבן און אין רוים ווערט זי געהאַלטן פאַר אַן אויסגעצייכנטע טענצערין.

היינט, אָנגערעגט דורך איר מוטער, טאַנצט זי בעת דער סעודה פאַר די אָפיצירן און מלוכה-לייט, און פריער פאַר אַלץ פאַר הורדוסן, וועלכער פילט ווידער מיט אַ שטייגנדיקער גירי־קייט דורך זיין ווייבס טאָכטער, זיין שטיף-טאָכטער, די יוגנט, וואָס איז פון אים אָפּגעטרעטן. און ווען ער זיצט אַזוי ביים טיש, פאַרשכורט פון וויין, און ס'איז שוין האַלבע נאַכט, בעת ער הערט די לויב-ווערטער און זעט אַרום זיך די תאווהדיקע בליקן פון די הויף-לייט און די אַראָפּגעלאָזטע אויגן ביי די קנעכט און פריער פאַר אַלץ זי, ווי זי טאַנצט אונטער די קלאַנגען פון גיטאַרעס און פלייטן, אַ האַלב-נאַקעטע, מער ענלעך אויף אַ זונה ווי אַ קיניגן, — נעמט אים אַרום אַ פאַרלאַנג, פונקט ווי אַלע מענטשן פון מזרח, צו באַשענקען די שיינע טענצערין, צו גלאַנצן פאַר די געסט מיט מאַכט און רייכטום. הורודיה, וואָס האָט בכלל נישט ליב געהאַט צו ווייזן איר פאַרמאַטערטן מאַן די שיינע טאָכטער אירע, האָט אים אַליין צוגערעדט, אַז ער זאָל דער היינטיקער סעודה שענקען מער אויפמערקזאַמקייט. און ער האָט זיך אפשר דערמאַנט אין אסתּרן, דאַס באַליבטע געשטאַלט ביי זיין פאָלק, און דער אַמביציעזער פירשט וואָלט געוואָלט שאַפן אַ נייע לעגענדע, כדי זיינע צייטן זאָלן נישט זיין ערגער פון די אַמאָליקע. דאַן זאָגט ער צו דער טענצערין די ווערטער פון אחשורוש:

— זאָג, וואָס דו פאַרלאַנגסט, און כ'שווער דיר, אַז כ'וועל דיר אָפּגעבן ביז אַ העלפט פון מיין קעניגרייך!

אַלע שטעלן זיך אויף, זיי פילן די פייערלעכקייט פון דעמ־דאָזיקן מאָמענט און זיי ווילן דערהערן, וואָס די טענצערין וועט

פאַרלאַנגען. צי ווייסט זי זיי בעטן פאַר זיך שנירן פערל אויף די הענט און פיס? צי ווייסט זי פאַרלאַנגען שטעט? און אפשר גאַר אַ האַלבע פראָווינץ? פאַרוואָס רעדט זי צו אים עפּעס שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן? צי זענען אירע יווערטער נישט קיין אַנשטענדיקע? אָבער פאַרוואָס ווערט הורדוס פּלוצלינג אַזוי בלייך, שפּרינגט אַף פון טיש און כאַפּט זיך אָן ביים האַרץ? וואָס קאָן זי דאָס פאַרלאַנגען פון אים? קיינער האָט נישט געהערט אירע ווערטער, נאָר אַלע זען די פייערלעך, וואָס שפּריצן פון הורדוסעס אויגן. דער קעניג האָט פאַרלאָזט די געסט און איז אַרויס פון צימער.

איינער אַליין זיצט ער אין אַ צווייטן זאַל, אָטעמט שווער און שטעלט זיך די פראַגע: — יוחננס קאָפּ? צי האָט גאָט אַליין אים אַמאָל נישט געשטעלט פאַר אַ נסיון מיט דעם רייץ פון דער שיינער טענצערין? אפשר וואָלט זי גענומען עפּעס אַנדערש? ער הייסט זי אַריינרופן, פרעגט זי, באַשווערט זי, אָבער איר מאַמעס באַפעל מישט זיך אויס ביי איר מיט איר אייגענער תאווה און נייגעריקייט. זי וויל נישט אָפּטרעטן, זי וויל נישט קיין שטעט און נישט קיין פּראָווינצן, וואָס ער לייגט איר פאָר. זי חזרט נאָר איבער:

יוחננס קאָפּ אויף אַ גאָלדענער טאַץ!

אומזיסט באַמיט זיך הורדוס צו געווינען זיין ווייב אויף זיין זייט, אַז זי זאָל באַאיינפלוסן איר טאָכטער: ביי איר באַגעגנט ער זיך מיט אַ קאַלט שווייגן. איבריקנס, וואָס דאַרף ער אַזוי פאַרטיידיקן דעם אָרעמען פאַנטאַזיאָר, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין אַ לאָך, דעם שונא פון די מעכטיקע און רייכע, וואָס ווערט געהאַסט פון אַלע תנאים? צי דאַרף מען זיך טאַקע נאָך רעכענען מיט אים? צי האָט ער אויף יענער זייט ירדן נישט געפּריידיקט מרידה און נישט צוגעגרייט אָן אויפשטאַנד?

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו די שקלאַפן און באַפוילן, אַז די מוזיק זאָל אויפהערן שפּילן.

קיינער ווייסט נישט, וואָס ס'איז געשען. אין אַ געשפּאַנטער נייגעריקייט מורמלען צווישן זיך די געסט, דעם ווין רירט

קיינער נישט אָן, די שמועסן ווערן איבערגעריסן, און אומזיסט באַמיט זיך הורדוס צו זיין רויק ביים אָנבליק פונם דערוואַרטנדיקן בילד. עס הערן זיך טריט אויף די טרעפּ און זיי דערנעענטערן זיך אַלץ מער, די באַוואָפנטע זעלנער טרעטן שווער, און אונטער זיי גייט נאָך אַ מענטש, וואָס טראָגט אַ קאָפּ אויף אַ גאָלדענער טאַץ. זיי דערלאַנגען די טאַץ שלומיתן און זי ציט זיך צוריק אַן איבערגעשראָקענע. דאַן לויפט זי אונטערן געוויש פון אירע פערל צו איר מוטער, וואָס נעמט אָפּ ביי איר די טאַץ מיט אַ קאַלטן בליק.

די ידיעה וועגן יוחננס מאָרד טראָגט זיך פאַנאַנדער איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס איז שוין נאָך פון פריער אויפגערודערט צוליב אַנדערע געשעענישן. מער ווי אומעטום איז אַ מהומה אין גליל, וואָרים אַ מחנה פאַנאַטישע גליליייער, קנאים און די רעשטלעך פון דעם אַמאָליקן יהודה, אויפגערעגט און צערייצט פון די נייע ידיעות וועגן דעם משיח, האָבן דערגרייכט אַזש קיין ירושלים, באַליידיקט די רוימער און אָנגעפאַלן אויף דער בית־המקדש־וואַך. פּילאַטוס האָט זיך אַריינגעמישט און זיי גענומען געפאַנגען. איינער פון זיי האָט געהייסן בר־אַבאַ. אויך ישו האָט זיך אין זיין ווינקל דערוווּסט וועגן דער געשעעניש. ער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ סימן פון אָנקומענדיקע אומרוען און אַלע סימנים האָט ער צוגעפּאַסט צו זיך. און ווען אין שילו האָט זיך איבערגעקערט אין דערזעלביקער צייט אַ טורעם און דערהרגעט אַכצן מענטשן, איז עס אים גאָרנישט אויסגעקומען אומגערעכט.

און אָט ברענגען אים זיינע תלמידים די ידיעה וועגן יוחננס טויט. ישו בלייבט ווי פאַרשטיינערט: יענער מאָמענט ביים ירדן! יוחנן איז געפאַנגען! יוחנן איז געקעפּט! אַ בליץ פון אינערלעכער ליכט דרינגט אים ווידער אַדורך און נאָכן בליץ הילכט אָפּ אַ דונער, וואָס דערשיטערט אים. דאָס גרויסע פאָרבילד פון יוחנן, ווייזט אים ווידער אָן זיין אָרט און עס דאַכט זיך, ווי ער וואָלט געשריגן פון קבר אַרויס:

— נאָך מיר וועט קומען אַ גרעסערער:

נאָך אים? צי דערוואַרט אים אין לעבן דערזעלביקער גורל וואָס יוחנן? אַ שטורמיש געפיל דרינגט דורך זיין האַרץ. אָטאָ איז דער וועג אויף וועלכן ס'איז אָנגענעם געווען צו זען אַן אַנדערן שוין ענדלעך פריי. דער לעצטער אויסרייד, ביי וועלכן ס'האָט זיך געקלאָמערט זיין וואַקלענדיקע נאַטור, איז פאַרשוווּנדן, און אַליין, וואָס האָט אין די לעצטע וואָכן באַומרויקט זיין האַרץ, וויל זיך איצט פאַרוואַנדלען אין מעשים.

שוין דאָס פערטע מאָל, ווי יוחנן שטויסט אים צו פאַלאָזן די אומקלאָרע וועגן. דאַמאָלט, ווען ער האָט אים געטובלט, האָט ער אַרויסגענומען דעם שוויגנדיקן פון די בערג און אים אַריינגעפירט צווישן המון; ווען ער איז געפאַנגען געוואָרן, האָט ער אים איבערגעגעבן זיין מיסיע; ווען ער האָט זיך געוואָנדן צו אים מיט זיין גרויסער פראַגע, האָט ער אויפגעוועקט דעם שלאָפנדיקן משיח; היינט צווינגט אים זיין טויט צו פעסטע און דעצידירנדיקע מעשים. אָבער פונקט ווי אַמאָל האָט ער אים געקרוינט אין געהיים, אַזוי ווייזט ער אים אויך איצט דעם וועג פון ליידן.

שוין דאָס צווייטע מאָל גייט דורך אַן אימה אין דער נשמה פון אויסדערוויילטן. ווידער הערט ער ווי אַמאָל דאָס קול פון פאָטער אין הימל. אָבער היינט קלינגט זיין קול ווי אַ דונער און ס'איז שוין נישטאָ די טויב, וואָס זאָל ווי אין יענע צייטן אָנזאָגן די בשורה פון פייערלעכע טעג. אַן אינערלעכער געפאַר דראָט, ווייל הורדוס דערהרגעט יעדן נייעס-אָנזאָגער, אינעווייניק פאַרפאָלגונגען, ווייל די פרושים ווייסן, אז זיי האָבן אַ מעכטיקן כוח, אָבער טיף אינם האַרצן פילט דער אויסדערוויילטער אַ דורשט אָפּצוצאָלן זיין חוב דעם פאָלק, זיך אַליין, גאָט, וואָס האָט אים פול געמאַכט מיט אַזאַ אומדערהערטע מתנה.

אַדורכגענומען מיט אַן אימה גייט ער אַוועק מיט די תלמידים אויף יענער זייט טייך, איבערן ירדן, ווייט אויף צפון, ביז צום באַרג-פוס פון חרמון.

## ד

אויפן לינקן ברעג טייך ביי אַ באַרגנוס-געגנט שיילט זיך אויס אַ ברייטער, פרוכטבאַרער טאָל. דאָ איז ער נאָך ווילד. דער ירדן האָט דאָ קוים צוואָנציק טריט די ברייט, און ווען אַ וואַנדערער הויבט דאָ אויף די אויגן אינדערהויך, זעט ער איבער זיך דאָס פעסטונג, קיסריה-פיליפי, די נייע מעכטיקע שטאָט. דאָ האָט ביז איצט נישט לאַנג געהערשט הורדוס פיליפוס, דער מאַן פון שלומית, וועלכע האָט זיך פאַר אַ טאַנץ געהייסן באַצאָלן מיט יוחננס קאָפּ. מעגלעך, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען געשטאָרבן און געווען פאַרהאַלטן ביי זיך דאָס ווייב, וואָלט ער געווען אָפּגעראַטעוועט איין מענטשלעך לעבן צוזאַמען מיט אַ צווייטן, און ישו אַליין וואָלט נישט געווען געמוזט אַנטלויפן און ער וואָלט נישט פאַרטריבן געוואָרן אין יידאָזיקע מקומות.

דאָ איז געלעגן די אַמאָליקע גרענעץ פון ישראל, ווען ער איז נאָך געווען פריי און מעכטיק. ישו ווייסט וועגן דעם, און ער ווייסט, אַז קיינער פון די יידישע הערשער האָט נישט איבערגערוקט די גרענעץ ווייטער, אַפילו נישט דוד המלך. היינט איז דאָס לאַנד אין די הענט פון די געצנדינער, פון די נריכן. האָסטיק איז דאָ דער טייכאויסגאַנג פונם וואונדערבאַרן ירדן, וואָס לויפט פונדאַנען אויף דרום. און דער, וואָס שטייט דאָ אין דער מינוט און טראַכט, נעמט מיט די געדאַנקען אַרום די ירדן-קוואַלן ביז צו זיין אָפּפלוס און אַלץ, וואָס האָט מיט אים דאָרטן געטראָפן. ס'איז שוין ווידער אדר, ווי אַמאָל, אָבער דאָס יאָר, וואָס טיילט אים אָפּ פון דער טבילה, איז געווען רייכער מיט איבערלעבענישן, ווי די אַלע דורכגעלעבטע דרייסיק יאָר. וויפל יאָרן נאָך וועט ער לעבן? אפשר איז נישט אַמאָל פאַראַן אין דעם קוואַל און אָפּפלוס פון דעמדאָזיקן טייך אַ פאַרגלייכונג מיט זיין לעבן? יוחנן איז אומגעברענגט געוואָרן.

צוזאַמען מיט זיינע תלמידים קומט ער אָן אויף אַן אָרט

ווייט פון דער שטאָט. דאָסדאָזיקע אָרט האַלטן די יידן פאַרן אָנהויב פון ירדן. און ער גייט אַריין אין א פעלזן-הייל, וואָס איז געהייליקט פארן גאָט פאַן. אַרום געפינען זיך טאָװלען און מירמלנע בילדער, פרעמדע פּנימער און אותיות, אָבּער זייער באַדייטונג דערקלערט אים איינער אַ מענטש פון פּיליפּי, וואָס גייט צופעליק פאַרביי און שמועסט מיט די אָנקומענדיקע. אָט אָ די איז א נימפע, וואָס וווינט אין די קוואַלן. יענע איבעריקע געהערן צום טייך, און די שענסטע ביים עק איז דער עכאָ, וואָס גיט איבער דעם אָפּקלאַנג פון פעלז צו פעלז. און דער דערציילער שרייט הויך, אַז דער עכאָ זאָל זיך אָפּרופן. אָבער די גאַנצע וועלט געהערט צום גרויסן פאַן, וואָס שאַפט מיט אַלעמען, מיט דער לופט און מיטן וואַסער. טיילמאָל מיטאָגצייט האָבן די פּאַסטוכער אים געטראָפן אויפן פעלד אַ נאַקעטן שלאָפנדיק אַקעגן דער זון. זיינע תּלמידים קערן זיך אָפּ פון דעם מיט עקל.

אָבער ישו קוקט זיך צו צו אַלעמען און הערט אויס די דערקלערונגען פון הייד. דאַן גייט ער צוזאַמען מיט די תּלמידים אַרויס פון דער הייל און זיי לייגן זיך אַלע אַװעק אין שאָטן. באַטירלעך, האָט ער שוין אַמאָל געהערט װעגן די בילדער פון די געטער, אָבער װעגן גרויסן פאַן, װעמען ס'איז געהייליקט געװאָרן דערדאָזיקער קװאַל, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט. זיין בילד איז דאָ נישט געװען; טאָ אפשר איז ער אַ גייסט? און אויב ער הערשט מיט דער לופט און מיטן װאַסער, טאָ אפשר האָט ער שוין דערגרייכט צו די בערג גאָענט פון נצרת? אָבער װיאַזוי קאָנען אים זען די פּאַסטוכער? אַלס פּאַסטוך האָט ער אַליין געהערט די קולות, װאָס זענען געקומען פון די קוסטעס און װינט, פון װאַקסנדיקן גראָז און די רוישנדיקע ביימער, אָבער קיין גייסט האָט ער ביי דעם אַלעמען נישט געזען. איבער דעם אַלעמען איז נאָר געװען דער גרויסער פאָטער, און נישט דער גרויסער פאַן.

אָ, װילאַנג דאָס איז שוין, װען ער איז נאָך געװען פונקט אַזוי יונג, װי אָט די תּלמידים זיינע! װי טעמפּ זיי זענען, װי

ווייניק זיי פארשטייען! זיי וויסן קוים, וועמען זיי גייען נאָך און וועמען זיי פאָלגן. אָבער פונוואַנען זאָלן זיי דאָס וויסן, אַז ער אַליין וועט זיי דאָס נישט זאָגן? צי וואָלט נישט כדאי געווען זיי אַ פרעג צו טון? ווען, למשל, די זיכערקייט, וואָס האָט אים אַרומגענומען, בעת ער האָט זיך דערוווּסט וועגן יוחננס טויט, זאָל זיין אַ כישוף פון שטן, וואָלטן זיינע תלמידים אים אויך נישט דערקענט; און אויב די זיכערקייט קומט פון גאָט, צווייפלט ער אויך, אויב זיינע תלמידים וועלן וויסן ווער ער איז! נאָר גאָט אַליין קאָן עפענען זייערע אויגן. אָבער צי וועט גאָט דאָס טון.

זייענדיק פאַרנומען מיט אַזעלכע געדאַנקען ווענדעט ער זיך צו די תלמידים, וואָס רינגלען אים אַרום און פרעגט זיי בלומרשט שפּאַסנדיק:

— פאַר וועמען האַלטן מיך די מענטשן!

אויף דער פראַגע האָט יעדער איינער אַ לייכטן ענטפער: טייל זאָגן — יוחנן המטביל, אַנדערע — אליהו הנביא און גאָר אַנדערע — ירמיהו, אָדער איינער פון די נביאים, וואָס איז אויך אויפגעשטאַנען תחית המתים.

אַזוי ענטפערן זיי אים אָפּ אַלע צוזאַמען און קיינער ווייסט נישט דעם אמת! צי וואָלט נישט גלייך געווען צו שטעלן די גרויסע, שרעקלעכע פראַגע? צי וועט זיך געפינען כאָטש איינער צווישן די אַלע צוועלף, וואָס וועט זיין בכוח צו געבן אַן ענטפער? אָבער דידאָזיקע פראַגע רייסט זיך אַרויס פון זיין מויל במעט קעגן זיין ווילן, און ער פרעגט, באַהאַלטנדיק אין טאָן זיין שפּאַנונג:

— און איר? פאַר וועמען האַלט איר מיך?

אַלע שווייגן און זיי קוקן אויף אים מיט אַ פאַרלעגנהייט. טייל קוקן אַראָפּ אויף דער ערד, קיינער האָט נישט דעם מוט צו זאָגן, וואָס ער טראַכט. נאָר איין שמעון, דער באַוועגלעכסטער פון אַלע נעמט זיך אָן מיט מוט און זאָגט:

— דו ביסט דער משיח!*)

די ווערטער פאר ישו אויפגעלויכטן. דאס אנטשיידענע וואָרט, מיט וועלכן ער האָט געקעמפט פון יענער מינוט אָן, זינט יוחנן האָט זיך געזעגנט צו אים מיט דער פראגע, צי ער איז דער, וואָס דאַרף קומען, — איז ענדלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן. מיט דער מאַגישער קראַפט פון וואָרט באַקומט מען אַרויס אויף דער ליכט פון דער טיפעניש פונם מענטשלעכן האַרץ דאָס, וואָס האָט אין אים אַ צייט לאַנג געלעבט ווי אַ געפיל און וואָס האָט איצט אַזוי העל אויפגעלויכטן, פאַרטונקלענדיק מיט זיין ליכט די זון.

ישו פילט אַז מ׳האָט אים דערקענט און דאַדורך דער־קענט ער ערשט רעכט זיך אַליין. דאַן שטעלט ער זיך אויף און בענטשט שמעונען, ווי ער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט גע־בענטשט:

— געבענטש ביסטו שמעון, יונהס זון! וואָרים, נישט בלוט און פלייש האָט דיר דאָס אַנטדעקט, נאָר מיין פאָטער אין הימל!

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער חרטה, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן דעם סוד פון האַרצן. ער חענדעט זיך צו אַלע און באַפעלט זיי, אַז זיי זאָלן וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן.

אָבער פאַרפאַלן, ס׳איז שוין שפעט! דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט, דער דראַנג פון דער צייט, די פאַרפאַלגונגען, דער שטאָלץ און די באַנאַלע דרייסטקייט טרייבן אים אומאויפהערלעך ווייטער אויפן וועג פון אויסדערוויילטן. פאַרוואָס זאָל דער משיח פאַר־ברענגען דאָ צווישן די היידן, אויף דער צפון גרענעץ פון דער מלוכה? וואָס קאָן מען נאָך דערגרייכן אינם קליינעם גליל? מ׳דאַרף אָנקומען קיין ירושלים, וואָס ער האָט תמיד ביז איצט אויסגעמיטן! מ׳דאַרף אָנקוקן ירושלים און איינגעמען עס! באַלד וועט זיין פסח, פון אַלע זייטן קומען אָן אין דער רעזידענץ מחנות יידן. האָט איז דער פאַסיקער מאָמענט און דאָס געהעריקע

---

*) דאָס וואָרט „משיח" הייסט אין גריכיש: קריסטוס. מ. ש.

ואָרט פאַ־ן משיח אויף לערע און קאַמף, ווי עס האָבן פאָראויס־געזאָגט די אַלטע נביאים!

ער זאַמלט אַרום זיך זיין קרייז תלמידים און מיט אַ דערשטיקט קול איז ער זיי מודיע, אַז איצט דאַרף מען גיין קיין ירושלים, און דאָ פלוצלינג זאָגט פאָרויס דער נביא זיין טויט. אַ פחד נעמט אַרום אַלעמען, וואָרים קיינעם איז נישט איינגע־פאַלן אַז ס׳וועט אַזוי ווייט דערגיין. אַזוי אויסצוטייטשן די אַלטע נביאים, איז ממש אַ משוגעת! שמעון רייסט זיך אַרויס לויט זיין געוווינהייט, נעמט אָן דעם רבין פעסט פאַר אַ האַנט און רופט אויס:

— האָב רחמנות אויף זיך אַליין, האַר! דאָס וועט מיט דיר נישט געשען!

און ישו פילט, אַז קיינער פאַרשטייט אים נישט, אפילו דער, וועגן וועלכן ער האָט מיט אַ ווײַלע פריער געטראַכט, אַז גאָט האָט אים באַוווסטזיניק געמאַכט. וואָס הייסט? פון דידאַזיקע טרייעסטע, האָט נאָך קיין איינער ביז איצט נישט פאַרשטאַנען דעם מיסטעריום, וואָס ער האָט אַזוי פאָרזיכטיק אָפּגעדעקט פאַר זייערע אויגן, — איצט, ווען ס׳איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דאָס וואָרט משיח? צי דידאָזיקע מענטשן טראַכטן וועגן גאָרנישט מער, נאָר וועגן ברויט און שלאָף און וועגן אַ דרשה אין אַ שבתדיקן טאָג? מיט אַ שטאַרקע באַוועגונג רייסט זיך ישו אַרויס פון תלמידס האַנט, וואָס רוט אויף זיין אַקסל און ער שרייט אויס:

— גיי אַוועק פון מיר, שטן! ברענגסט מיך אַריין אין צאָרן, ווײַל דו פאַרשטייסט נישט דאָס, וואָס איז געטלעך, נאָר דאָס וואָס איז מענטשלעך!

אַלע שטייען ווי פאַרשטיינערט און קוקן אויף אים, אַדורכ־גענומען מיט אַ געפיל פון יראת־הכבוד און שרעק צוזאַמען. „שטן” האָט ער אָנגערופן זיין באַליבטסטן תלמיד, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז אויף ווי־ווייט ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און אים געהייסן אַוועקגיין, איז ער אַליין געוואָרן גרעסער: אָט איז ער איצט ענלעך צו די אַלטע נביאים! אָבער ישו קוקט זיך

אום אַרום זיך מוטיקער, ווי ווען ס׳איז. צום ערשטן מאָל איז ער קעמפּער, גרייט זיך צו פּאַרמעסטן מיטן גורל.

— אויב עמעצער וויל גיין מיט מיר, זאָל ער פריער זיך אַליין פאַרלייקענען, און זאָל ער נעמען זיין קרייץ און מיר נאָכ־פאָלגן. וואָרים ווער עס וויל באַהאַלטן זיין לעבן, דער וועט עס אָנווערן; און ווער ס׳וועט פאַרלירן זיין לעבן פאַר מיינעטוועגן, וועט עס צוריקגעפינען. וואָרים וואָס קאָן העלפן אַ מענטשן, אפילו ווען ער זאָל געווינען די גאַנצע וועלט, אויב ער זאָל נאָר פאַרלירן עפּעס פון זיין נשמה? אָדער אויף וואָס וועט אַ מענטש פאַרטוישן זיין נשמה? ווער עס וועט זיך שעמען מיט מיר און מיט מיינע ווערטער צווישן דעם דור פון נואפים און זינדיקע, מיט דעם וועט זיך שעמען דער מענטשנזון, ווען ער וועט קומען אין זיין פאָטערס פולער רום מיט די הייליקע מלאכים. איך זאָג אייך באמת: אַ טייל פון אייך, וואָס שטייען דאָ וועט נישט טרעפן דער טויט, ביז זיי וועלן דערזען גאָטס קעניגרייך!

מיט אַ קעניגלעכן זשעסט דרייט זיך ישו אויס און גייט אין דער שפּיץ פון זיינע תּלמידים.

## ה

וועד עס איז נישט מיט מיר, דער איז קעגן מיר!

דאָס איז דער נייער לאָזונג פונם נביא, וואָס האָט זיך אויף אַ קורצער צייט אומגעקערט אין זיין פאָטערלאַנד און קליבט זיך קיין ירושלים, וואָרים ישו איז געוואָרן אַ קעמפּער. דאָס, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג אויסגעמיטן און וואָס ער האָט אַזוי לאַנג אָפּגעלייגט, און דאָס, וואָס ס׳האָט אים אַזוי לאַנג, אַלס גוטמוטיקן פּאָעט, פריילעכן לערער, מיטפילנדיקן רופא אויסגעזען פרעמד, און אין וואָס ער האָט נישט געזען גאָטס ווילן און אויך נישט זיינעם, — איז געשען: דער קאַמף מיט די ברידער האָט זיך צעפלאַקערט, און דער גרויסער פאָטער וועלכער האָט ביז איצט אַרויסגעוויזן בלויז ליבע, זאָל אַנטשיידן

דעם קאַמף צווישן זיינע קינדער — ווער פון זיי ס'איז גערעכט און ווער ס'איז אומגערעכט.

אָבער נישט צווישן אַלעמען! וואָרים זינט ער האָט זיך דערפילט פאַר משיח, ווען דאָס וואָרט וועגן זיין שליחות איז געוואָרן אַרויסגעזאָגט און אַנטפּלעקט פאַר זיינע תּלמידים און צוגעפּאַסט צו די אַלטע נביאים, האָט אים אַרומגענומען אַן עקסטאַז: איצט גלויבט ער שוין איינדעראמתן, אַז ער פירט אויס דאָס, וואָס די הייליקע שריפט האָט אָנגעזאָגט. דער זון איז שוין נישט נאָר איינער פון די רחמנותדיקע זין, וואָס רוען אויפן האַרצן פון פאָטער: ער איז דער אויסדערוויילטער, איינאונאיינציקער, דער פאַרמיטלער און שופט פון זיינע ברידער! די צייטן פון שטילער רו זענען שוין פאַרביי פאַר אים און פאַר דער וועלט; גאָטס קעניגרייך, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג מבשר געווען, וועט איצט אָנקומען, אָבער ס'וועט אָנקומען פון אויסנווייניק מיט משפט און שטורם, און פריער מוז דער קעניג ווערן באַליידיקט און פאַראורטיילט דורך זיינע קליינע פיינט אין לאַנד גופא, כדי ס'זאָל מקוים ווערן דאָס גאַנצע נביאות פונם אַלטן טעסטאַמענט.

אַזוי שטעלט זיך צום צווייטן מאָל אַוועק א הויכע שיידוואַנט צווישן רבין און זיינע תּלמידים, צווישן וואַנדערנדיקן לערער און זיין פאָלק, צווישן ישוע און דער וועלט: זיינע שמועסן מיט גאָט זענען געוואָרן אַ געהיימניס. דער גרויסער שטאָלץ צעררייסט דעם דינעם צודעק פון זיין האַרץ, וואָס האָט זיך פון קינדווייז אָן פאַרשלאָסן אין אַן אומפאַרגלייכלעכער הכנעה, ווי עס וואָלט געוואָלט דערשטיקן יענע נייגונגען; מאַכט, דערהויבנקייט און איינזאַמע גרויסקייט, דער פּאַטאָס פון אַ וועלטשליחות און דער ווילן, אַז אין פאַל פון א זעלבסטאָפּפּערנדיקן טויט, זאָל ביי אים געשען אַן איבעראַנדערשונג — דאָס אַלץ צוזאַמען כאַפּט אים אַרום, כדי צו מאַכן אים מער פיינלעכער קאַלטער און געהיימניספולער, איידער מ'האָט עס געקאָנט דערוואַרטן לויט זיין געשטאַלט, לערע, אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, גוטמוטיקן בליק און מילדע ווערטער פון זיין מויל.

אין איינעם אַ שטורמדיקן טאָג, האָט ער אויפן וועג צו זיין היים אַרויסגערופן זיינע דריי ליבסטע תּלמידים, און איבערלאָזנדיק די איבעריקע אויפן וועג, איז ער מיט די דריי אויסדערוויילטע אַרויף אויף אַ באַרג: וואָרים דאָרטן האָבן אַמאָל געוווינט די גרויסע נביאים, דאָרטן קען ער זיך פאַרטיפן אין זייער גייסט, פרעגן ביי זיי אַן עצה. אָ, ווי נידעריק עס ציען זיך וואָלקנס און רינגלען אַלץ אַרום מיט זייערע שאָטנס! מען זעט שוין נישט מער, ווי דאָס נאָענטסטעביימעלע; אין מאָדנע נעפּלדיקע בילדער פאַרגרעסערט זיך און צעשווימט תּיכּף אַ מענטשלעך געשטאַלט. די דריי תּלמידים, וואָס ווייסן נישט, וואָס דאָ דאַרף געשען, טוליען זיך איינער צום אַנדערן, אָבער דער רבי זעט אויס, ווי ער וואָלט פאַרשווונדן פון זייערע אויגן, און אָט זעען זיי שוין נישט מער ווי אַ ווייסן פלעק. עס דאַכט זיך זיי, ווי ער וואָלט איבערגעאַנדערשט געוואָרן אין זייערע אויגן, און אונטערן איינדרוק פון דעם קנויל וואָלקנס און פון דעם תּהו ובהו פון זייערע געפילן, לייגן זיי זיך אויף דער ערד און שלאָפן איין.

אינדעם באַווייזן זיך צו שמעונען צוויי נביאים, וואָס האָבן אין יענע טעג פול געמאַכט זיינע געדאַנקען, און עס דאַכט זיך אים, ווי זיי וואָלטן גערעדט מיט ישוען. מיט זיין שאַרפן געדאַנק, באַמערקט ער תּיכּף די הילף, וואָס ער האָט געזוכט פאַר זיין רבין זינט דער אַנטפּלעקונג, און ער שרייט אויס אין חלום:

— רבי, דאָ איז גוט צו זיין! אויב דו ווילסט, וועט מען דאָ אויפשטעלן דריי געצעלטן: איינס פאַר דיר, איינס פאַר משה רבינו און איינס פאַר אליהו הנביא.

דער חלום צערינט אים פלוצלינג, דעם רבינס דערציילונג וועגן זיין שליחות דרינגט אַדורך זיין ספקותדיקן מח און צו זיינע אויערן דערגרייכט אַ וויט קול, וואָס חזרט איבער פאַר די תּלמידים די אַמאָליקע ווערטער און שמעון הערט:

— דערדאָזיקער איז מיין ליבער זון, וואָס האָט ביי מיר נושא-חן געווען; אים זאָלט איר הערן!

דאָן טוט זיך שמעון אַריס פון אָרט, ער פאַלט אויפן פנים צוזאַמען מיט יענע צוויי תּלמידים, וואָרים אויפן באַרג צוויט די וואָלקנס קאָן זיך יעדער מינוט באַווייזן גאָט. אָבער ווען זיי הויבן דערנאָך אויף די אויגן פון דער ערד, שטייט פאַר זיי נאָר ישו און מיט זיין מילד קול זאָגט ער צו זיי:

— שטייט אויף און האָט נישט קיין מורא!

און מיט זיין אַמאָליקן טאָן פון די הכנעהדיקע צייטן, וואָרנט ער זיי, אַז זיי זאָלן דידאָזיקע געהיימניסן קיינעם נישט דערציילן.

אָבער באַלד, ווי זיי דערנענטערן זיך צו דער אָזיערע, בעת זיי זענען אַרומגערינגלט פון די נייגעריקע דאָרפסלייט, פון די פיינטלעכע בליקן פון די שונאים, פון די עולי־רגלניקעס אויף פּסח, קערט זיך צו אים צוריק זיין פריערדיקער שטאָלצער שטעל און ער איז גרייט צו דערפירן ביזן סוף די מיסיע, וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. יעדעס וואָרט ווערט איצט אַ באַפעל, יעדער באַפעל — אַ דראָונג:

— ווער עס פאַראַכטעט אייך, פאַראַכטעט מיך, פאַראַכטעט דעם, וואָס האָט מיך געשיקט... ווער אָבער ס׳וועט מיך פאַרערן פאַר מענטשן, דעם וועל איך אויך פאַרערן פאַר מיין פאָטער אין הימל; ווער אָבער ס׳וועט זיך פון מיר אָפּזאָגן פאַר מענטשן, פון דעם וועל איך זיך אויך אָפּזאָגן פאַר מיין פאָטער אין הימל.

און בעת די תּלמידים זענען נישט בכּח אויסצוהיילן אַ יינגל־אַ לונאַטיקער, וואַרפט זיך אויף זיי ישו און שרייט אויס:

— אָ, דאָס איז צוליב אייער אומגלויבן! ווילאַנג וועל איך נאָך זיין מיט אייך? און ביז וואַנען וועל איך נאָך אייך דולדן?

און ווען אַ שטייער־מאַנער קומט צו זיי און פאַרלאַנגט פון שמעונען מס פאַר אים און פאַר זיין קרייז, פרעגט ער ביי ישון, וואָס ער זאָל טון און ער באַקומט אַן ענטפער:

— פון וועמען נעמען די מלכים אויף דער ערד דאָס צאָל אָדער שטייער: פון זייערע זין צי פון פרעמדע?

— פון פרעמדע, האר!

— אויב אזוי, זענען די זיך פטור פון שטייערן!

זיין קעניגלעכער זעלבסטגעפיל איז אזוי הויך געשטיגן, אז ער פילט זיך געטראָפן פון דעם, וואָס די מלוכה באַציט זיך צו אים, פונקט אין דערזעלבער מאָס, ווי צו אַלע אַנדערע געוויינלעכע בירגער. אָבער ער איז נאָך אויף אַזוי ווייט קלוג, אַז ער באַשליסט זיך נישט צו געבן די שונאים אַ געלעגנהייט מיט אים אַנצוהייבן, ווייל דאָס בילד פון יהודה פון גליל פון זיין קינדהייט איז תמיד פאַר אים אַ וואָרנונג, און ער געפינט אַן אויסוועג דעם מס צו באַצאָלן.

אָבער מחמת דעם, וואָס דער פּראַכט און די מאַכט פון דער וועלט איז נישט זיין ציל, און ער האָט נאָך קיינמאָל נישט באַנוצט זיין האַנט און זיין שכל צו מישן זיך אין וועלט-סכסוכים, — דאַכט זיך אים, אַז ס'וועט זיין גענוג צו גלויבן אין זיין שליחות, כּדי אַלץ זאָל ווערן גייסטיק אויפגעלעבט, און אַז ס'איז נישט נויטיק קיין פּלאַן און ס'איז נישט נויטיק צו זאָרגן זיך וועגן אַן אויסוואַל פון די מיטלען. מחמת דעם, וואָס ער ווינט אין גאָטס קעניגרייך, וואָס זאָגט שוין יאָרהונדערטער אָן דאָס קומען פון משיח, און איצט אונטערן דרוק פון אַ פרעמדער הערשאַפט, וואַרט עס אויף אים עקשנותדיק, שטיצט ער זיך אויף דעם געפיל, אַז ער איז דאָס דער משיח. צי וועט זיין ריינער, לויכטנדיקער גאָטסגעפיל, וואָס איז אים געשאָנקען געוואָרן פון גאָט, נישט איבערצייגן יעדן איינעם. פאַר וועמען ער וועט זיך אַנטפּלעקן? און אַזוי וועט ער, וואָס האָט אַזאַ לאַנגע צייט אויסגעמיטן אַלע נייעסן, געפּריידיקט נאָר ליבע און פאַרשטאַנד, מיט יעדן טאָג זיך גיכער דערנענטערן צום געווירבל פון די געשעענישן.

וואָסאַמאָל הויבט ער זיך אויף מעכטיקער אויף דער הויך פון זיין פאָרויסבאַשטימטער ראָלע. ער דערקלערט, אַז ער איז עפּעס מער, ווי אברהם אבינו און שלמה המלך.

— אַלע זאַכן זענען מיר געגעבן געוואָרן פון מיין פאָטער אין הימל, און קיינער קען נישט דעם פאָטער, נאָר דער זון און וועמען דער זון וועט אים וועלן אַנטפּלעקן.

דאָס צערטלעכע געפיל פון אַ זון לגבי דעם דערבאַרמדיקן פאָטער, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַלצן עקסטאַז, גלייך, ווי ער איינער וואָלט פריער פאַר אַלע געווען נענטער צו גאָט און פאַרמאָגט זיין ליבע. דער דראַנג צום קאַמף פאַר אַ נאָך אומקלאָרן ציל טרייבט אים צו נקמה-געפילן פון די אַלטע, וואָס ס׳איז אים אַזוי פרעמד; און ווי צוליב דעם, אַז ער זאָל דערשטיקן און גובר זיין די שטימע פון זיין מילד-צאַרטער נאַטור, — שרייט ער אויס:

— איך בין געקומען אָנצוצינדן אַ פייער אויף דער ערד, און ווי זייער וואָלט איך געוואָלט, אַז ס׳זאָל שוין ברענען;... איר מיינט, אַז איך בין געקומען ברענגען פרידן אויף דער ערד? ניין, זאָג איך אייך, נאָר צעריסנקייט! ווארים פון אַצינד אָן וועלן פינף אין איין הויז זיין צעריסן צווישן זיך, דריי קעגן צוויי, צוויי קעגן דריי, אַ פאָטער וועט אויפשטיין קעגן זיין זון, אַ זון קעגן זיין פאָטער, אַ מאַמע קעגן איר טאָכטער און אַ טאָכטער קעגן איר מאַמע!

יוחננס גורל האָט אים געוויזן, אַז היינט, פונקט ווי אַמאָל, דערלאָזט גאָט צו דעם, אַז זיינע נביאים זאָלן ליידן און אונטערגיין; ער ווייסט דעם קרבנותפולן וועג פון אברהם אבינו, משה רבינו און איוב.

און פונדעסטוועגן האָט ער דאָך ליב דאָס לעבן און עס שטרעבט צום נצחון. קיינער פון דידאָזיקע נביאים, וואָס זייערע ווערטער וועקן אים, אַז ער זאָל זיין משיח, זאָגט אים נישט וועגן דעם, אַז ער זאָל מוזן ליידן. טיילמאָל זאָגט ער, אַז ער וויל אומקומען, כדי צו שאַפן דאָס הימלישע קעניגרייך; טיילמאָל זעט אויס, ווי ער וואָלט מיט אַ באַזונדער מין ליידנשאַפט געזוכט ליידן און פאַרפאַלגונג; צייטנווייז מיינט ער, אַז אַלץ איז שוין מקוים געוואָרן, נאָר דאָס איינע, וואָס שלעכטע מענטשן שטערן אים, אַז אַלץ זאָל פולקאָם דערפילט ווערן. דערפאַר שטרעבט אַזוי ליידנשאַפטלעך זיין געדאַנק צו תחית-המתים און צום לעצטן יום-הדין. און מחמת דעם, וואָס דאָס אומבאַזיגבאַרע פאַרגעפיל רוקט וואָסאַמאָל נענטער אונטער דעם

געדאַנק וועגן טויט, שאַפט ער זיך דערפאַר אַ יענע וועלט, אין וועלכער ער וועט טריומפירן.

דער תחית-המתים, וועגן וועלכן ס'האָבן געפּריידיקט דניאל און חנוך, אָבער אין וועלכן נישט אַלע יידן האָבן געגלויבט, ווערט פאַר ישוע קלאָר און באַגרייפלעך. טיילמאָל זאָגט ער דעם תחית-המתים צו נאָר פאַר די צדיקים, טיילמאָל דראָט ער מיט אים אויך די רשעים, וועלכע וועלן ערשט דעמאָלט האָבן זייער אמתן פסק. וואָרים עס קומט זיכער דער גרויסער משפט. נאָר קיינער ווייסט נישט ווען ער וועט קומען: ווי אַ גנב אומגעריכט ביינאַכט, ווי אַ בליץ פון הימל, זאָגט ישו, נאָר דער פאָטער אין הימל ווייסט, ווען דאָס וועט געשען. אַן אַנדער מאָל, ווען ער דערפילט אַ פאַרלאַנג אָנצורעגן זיינע תלמידים, זאָגט ער זיי צו, אַז זיי וועלן נאָך מיט זייערע אייגענע אויגן זען גאָטס קעניגרייך. אַלץ איז אַזוי אומקלאָר און אומבאַשטימט, וואָס ישו לערנט פון די אַלטע נביאים, וועלכע זענען פרעמד און ווי אָנגעוואָרפן זיינע מענטשנפריינדלעכע געפילן.

נאָר וועגן איינס ווייסט ער זיכער: וועגן זיין אייגן אָרט אין הימל. זיין באַליבסטער לערער איז נאָך אַלץ דניאל, וואָס האָט געזען דעם מענטשנזון אויף הימלישע וואָלקנס אויפהייבן זיך צו גאָט. אים נעמט ער זיך פאַר אַ ביישפּיל און טייטשט אויס: אויפן כסא-הכבוד וועט ער זיצן אויף דער רעכטער זייט פון גאָט, און נאָכן משפט וועט ער הערשן אייביק. די מאַכט, וואָס גאָט האָט ביז איצט באַהאַלטן פאַר זיך, וועט ער אים אָפּגעבן, „וואָרים דער פאָטער משפט נישט קיינעם, נאָר ער האָט דעם משפט איבערגעגעבן דעם זון, כדי אַלע זאָלן אַכטן דעם זון, ווי זיי אַכטן דעם פאָטער". פון דעם שטאַנדפּונקט קאָן ער שוין היינט משפטן און הערשן, און די גרויסע מאַכט, וואָס קיין שום מענטש ביז אים האָט נאָך נישט פאַרמאָגט, גיט אים אַ רעכט צו באַשטימען און אָפּצוואַרפן.

— ווער עס הערט אויס מיינע ווערטער און גלויבט אין דעם, וואָס האָט מיך געשיקט, דער וועט לעבן אייביק און עח וועט נישט קומען פאַר קיין משפט... אָבער פון זיך אַליין קאָן איך

באַרגישט שאַפן. אַזויווי כ'האָב געהערט, אַזוי משפּט איך, און מיין משפּט איז לייכט, ווייל איך פיר נישט אויס מיין ווילן, נאָר דעם ווילן פון פאָטער אין הימל, וואָס האָט מיך געשיקט.

אַזוי דראָט און שטורמט ער, אַזוי יובלט און טריומפירט ער אין זיין משיחשן עקסטאַז. אַזוי איז דער שטילער טשעס־לער, וואָס האָט געטראָגן גאָט אין האַרצן, וואָס איז פול מיט ליבע צום פאָטער אין הימל, צו די ברידער, קינדער און גע־וויקסן, זייענדיק אונטער דער ווירקונג פון די ביי אים אַרויסגעפּרעסטע וווּנדער, גערופן פון פאָלק, גערודפט פון דער היעראַרכיע, זייענדיק געשעצט און פאַראַכטעט פון די אַרומיקע, און פריער פאַר אַלץ געפינענדיק זיך אונטערן רושם פונם געשטאַלט און גורל פון דעם פאַרלויפער, — אָט דער טשעס־לער איז אין משך פון אַ יאָר געטריבן געוואָרן אויף וואָס אַמאָל מער ענגערע און משופּעדיקע וועגן, ביז ס'איז אים ענדלעך געקומען די זיכערקייט, אַז ער איז עס דער משיח אויף וועמען דאָס ליידנדיקע פאָלק וואַרט, אַז ער זאָל ברענגען די גאולה. דער קאַמפּס־פּלאַץ איז לכתחילה געווען אַזוי קליין, און די סתי־רות אַזוי אומבאַדייטנד! ס'האָט זיך דאָך בלויז נאָר געהאַנדלט וועגן עטלעכע זאַנגען, וואָס זענען אָפּגעריסן געוואָרן אין שבת, וועגן וואַשן זיך צום עסן, וועגן זיין פאַרברענגען אין אַ גע־זעלשאַפט פון מענטשן מיט אַ שלעכטן שם. דאָס, וואָס ס'האָט ישוּן ווירקלעך אָפּגעטיילט פון זיינע פיינט איז געווען פאַרבאָרגן ביי אים אין האַרץ, ס'איז נישט געווען אונטער־געוואָרפן קיין שום פאַרפאָלגונגען און ס'האָט זיך נישט געלאָזט אויסדריקן אין קיין שום פאָרמול.

אָבער איצט, ווען יענער מענטש האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס משיח, ער מאַכט זיך ענלעך צו גאָט, צעטרייסלט די זיילן פון יידישן בית־המקדש, דעמאָלט הויבט אָן גאָטס קעניגרייך אויפצוציטערן. וואָרים וועלכע מלוכה־מאַכט קאָן זיך רויק צו־קוקן צו די מעשים פון דעם באַטריגער, אָדער משוגענעם? ערשט איצט ווערט דער שטערן ביים כהן גדול פאַרטונקלט, בעת ער דערוויסט זיך, אַז יענער מאַן פון נצרת האָט זיך

ווידער אומגעקערט אין בית-המדרש קיין כפר-נחום, ווו ער האָט אַמאָל אָנגעהויבן זיין שעדלעכע טעטיקייט, און צום גאַנצן פאָלק האָט ער געזאָגט:

— איך בין דאָס ברויט פון לעבן. ווער ס'וועט צו מיר קומען, וועט קיינמאָל נישט זיין הונגעריק, און ווער ס'וועט אין מיר גלויבן, וועט קיינמאָל נישט זיין דורשטיק... וואָרים איך בין אַראָפּגעקומען פון הימל נישט צו טון מיין ווילן, נאָר דעם ווילן פון דעם, וואָס האָט מיך געשיקט... און דער ווילן זיי־נער איז, אַז יעדער וואָס זעט דעם זון און גלויבט אין אים, זאָל לעבן אייביק, און איך וועל אים מחיה-מתים זיין אינם לעצטן טאָג פון יום-הדין!

די יידן האָבן געמורמלט, אַז ער האָט געזאָגט: איך בין דאָס ברויט, וואָס קומט פון הימל — און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך: צי איז דאָס נישט ישו, יוספס זון, וועמענס טאַטע און מאַמע מיר קענען? פאַרוואָס זשע זאָגט ער וועגן זיך, אַז ער קומט פון הימל?

אָבער ער חזרט איבער זיינע ווערטער צום צווייטן און דריטן מאָל, אַז זיינע תלמידים הויבן שוין אָן אַפילו צו מורמלען. דאַן קוקט ער אויף זיי מיט אַ טריומפירנדיקן בליק און רופט אויס:

— דערפון זענט איר באַליידיקט? וואָס וואָלט געווען, ווען איר וואָלט געזען דעם מענטשנזון אַריינטרעטן דאָרטן, ווו ער איז געווען? דער רוח הקודש איז דאָס, וואָס מאַכט לעבעדיק, דער גוף קאָן גאָרנישט העלפן. דאָס וואָרט, וואָס איך זאָג אייך איז גייסט און לעבן. אָבער עס איז דאָ אַ טייל צווישן אייך, וואָס גלויבט נישט.

דאַן טוען זיך אַ ריס פון אָרט אַזעלכע, וואָס האָבן אים אַ צייט לאַנג געהערט מיט גלויבן, זיי קערן זיך אָפּ פון אים און זיי זאָגן צום המון:

— ס'איז אין אים אַריין אַ דיבוק!

אויפן דריטן טאָג דערוווּסט זיך שוין וועגן דעם אַלעמען דער העכסטער ראַט אין ירושלים און ער באַפעלט זיינע שלוחים צו זיין ספּעציעל וואַכזאַם. אַפילו הורדוסן האָט מען שוין גע־

וואָרנט. ווען ער דערוווּסט זיך אַז יענער נוצרי גיט זיך אָן פֿאַר משיח, נעמט אים אַרום אַ פּחד, און ווען די איבערגעשראָקענע מענטשן זאָגן צו אים, אַז דאָס איז אליהו, לייקנט ער עס זיי מיט שרעק אָפּ:

— ניין! דאָס איז יוחנן, וועלכן איך האָב געהייסן אומ־ברענגען! יוחנן איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים! דערפֿאַר באַווייזט ער אַזעלכע וווּנדער.

די פּרושים, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם אַלעמען, ציען זיי די פּעדים זייערע פֿונם פּעסטונג מאַכערוס קיין ירושלים, פֿון דאָרט קיין כּפר־נחום, דערנענטערן זיך צו ישוע און שעפּטשען אים אין אויער אַריין:

— אַנטלויף פֿונדאַנען! אַנטלויף! הורדוס וויל דיך דער־הרגענען!

ס'איז אָנגעקומען דער מאָמענט, ווען די גאַנצע קעניגלעכע קראַפֿט פֿונם אויסדערוויילטן פֿאָדערט פֿון אים אַ דעצידירנדיקן באַשלוס. ער הערט דאָס שעפּטשען פֿון די פּאַרטעערישע ווערטער, ער זעט די בליץ־פֿייערלעך אין די אויגן פֿון זיינע שונאים, ער ווייסט, אַז זיינע תּלמידים האָבן אים נישט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק קוקט אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם און פֿון אַלע זייטן איז ער אַרומגערינגלט פֿון רוימער און פֿון הורדוסן. אָבער דאָרטן, אין דער הייליק־אומהייליקער שטאָט, וועלכע ער האָט אויסגעווייכט זיין גאַנץ לעבן, און וווּהין ער קאָן אָנקומען אין משך פֿון דריי טעג, — דאָרטן מוז ער קעמפֿן, אָדער אין ערגעץ נישט, איצט אָדער קיינמאָל! וואָרים איבערן לאַנד טראָגט זיך שוין פֿונאַנדער די ידיעה, אַז די שטערנזעער האָבן אָנגעזאָגט דעם ערשטן ניסן: פּסח איז שוין נאָענט און טויזנ־טער אומצופֿרידענע מענטשן קלייבן זיך קיין ירושלים וואַרטנ־דיק דאָרט אויף אַזעלכן, וואָס וועט קומען און זאָגן הויך ווער ער איז. ער ווייסט אַליין נישט וויאַזוי, אָבער ער פֿילט, אַז עס טראָגט אים, ס'הויבט אים אויף די אומרויִקייט פֿון דער רעזידענץ און פֿונם לאַנד, דער אומרו פֿון דער צייט און פֿון דעמדאָזיקן פֿאָלק! מיט אַ בליק פֿון אַ הערשער קוקט ער אויף די, וואָס

יעדן צביעותדיק וועגן זיין רעטונג און ער וואַרפט זיי צו אַן ענטפער:

— גייט און זאָגט דעם פוקס, אַז איך טרייב אַרויס דיבו־קים און מאַך געזונט מענטשן, היינט און מאָרגן. אָבער אויפן דריטן טאָג וועל איך שטאַרבן. איך מוז וואַנדערן היינט, מאָרגן און דעם דריטן טאָג. וואָרים ס׳שטייט געשריבן, אַז אין ערגעץ דערהרגעט מען נישט קיין נביאים, נאָר אין ירושלים!

פערטער קאַפּיטל

# קאַמף

# א

די גראָבע קולות פון די הענדלער קלינגען אָפּ איבער די ענגע געסלעך פון דער גרויסער שטיינערנער שטאָט. די גאָלער קלינגען מיט די גאָל־מעסער, די שוסטערס קלאַפּן מיט די אָפּצאַסן פון די שיך, די אַקסן פון די הויכע וועגן סקריפּן, די קעמלען קרעכצן אונטער די בייטשן פון די קנעכט, די בעלי־עגלות שעלטן אין דער ענגשאַפט ביי די קוואַר־גאַסן, און בעת אַן אָפּטיילונג רוימישע זעלנער מאַכן פאַר זיך אַ וועג מיט אַ געשריי און לויפעריי, שרייען די הענדלער הויך אויפן קול, אַז מ'האָט זיי איבערגעקערט די קוישן מיט די פרוכטן. די הינט וואָיען, קינדער וויינען, ווייל אין דער ענגשאַפט וואַרפן די פאַרבייגייער זיי אום. גלייכצייטיק הויבט זיך אויף מיט אַ געוויש איבערן פלאָנטער באַרגיקע גאַסן אַ שיכט פון אומריינע ריחות, ווייל ס'איז שוין באַלד מיטאָג־צייט און אונטער דער הייסער אַפּריל־זון שמעלצן זיך די מעלאָנעס, פוילט דאָס אָפּפאַל, פאַראומרייניקן זיך די קאַנאַלן, פון טויזנטער קיכן רייסט זיך אַרויס שטויב דורכגעזאַפּט מיט שעפּסן־פעטיקייט און מיט אַ ריח פון געבעקס, און די בית־הכּסאות פון די מענטשן און די צואה פון די בהמות אין די שטאַלן און אויף די גאַסן, מישן אויס זייערע גאַזן מיט די פאַסן רויך פון קטורת און מיראַ*), — אַלץ באַהעפט זיך אין איין געדיכטן וואָלקן, וואָס הענגט אין דער אומבאַוועגלעכער לופט איבער דער שטיינערנער שטאָט.

*) מיראַ — דער זאַפט פון באָדל־ביימער, וואָס ווערט אין מזרח באַנוצט פאַר וווּרויך. מ. פ.

אַ מחנה פרעמדע עולי-רגלניקעס גייען אַרויס פון די מיטלסטע גאַסן צו די העכערע גאַסן פון עק שטאָט. דאָרטן האָבן זיי בעסערע לופט, אָבער דער גערויש איז דערזעלביקער, וואָרים היינט, אינם לעצטן פרייטיק פאַר יום-טוב, איילן אין שטאָט אַריין די פאַרשפּעטיקטע וואַנדערצוגן, כדי נאָכן טומל פון דער ערב-יומטובדיקער וואָך, שפּעטער צו געניסן פון יום-טוב. וויפל עס וועט זיך נאָר גלוסטן. דאָס פאָלק פייערט דעם אָנדענק פון יציאת-מצרים און גלייכצייטיק דעם ערשטן שניט. און מחמת דעם, וואָס טייל לעבן אין קנעכטשאַפט, פייערן זיי דעם אָנדענק פון יענע גרויסע צייטן מיט אַ טאָפּעלער התלהבות פון נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין. די מערסטנטייל נייגעריקע פון ירושלים און פרעמדע, שטופּן זיך צו צפון-מעריב לעבן הר-הזיתים ביים וועג פון יריחו, ווייל דורך יענעם וועג גייען פאַרביי די קאַראַוואַנען פון דער פּראָווינץ און יעדער איינער וואַרט דאָ אויף זיינע קרובים, וואָס קומען יאָר-יערלעך אין שטאָט אַריין, כדי צוזאַמען פאַרברענגען ביי דער פּסח-סעודה. וואָס נענטער ס'איז צו דער שטאָט, אַלץ מער פאַרייניקן זיך די קאַראַוואַנען, און אויפן שטח פון דער לעצטער שעה גאַנג פאַר דער שטאָט, שאַפן זיי אַ געדיכטע קייט. די, וואָס גייען זיי אַרויס מקבל-פּנים-זיין, שטייען שוין ביים וועג אונטער דער שטאָט.

נייגעריקע און אָפּוואַרטנדיקע, פריינט און פרעמדע, וואָס דאַרשטן אַלץ צו זען; די איינגעבוירענע, וואָס האָבן שוין אָן אַ שיר מאָל דאָס געזען, דערווייטערן זיך וואָסאַמאָל מער פון שטאָט צום אָרט, ווו אונטער אַ באַרג פאַרשווינדן די הייזער און פאַר זיי שפּרייט זיך אויס אַ שטיינערנער מדבר. און פּלוצלינג ווערן די פרעמדע דערשטוינט, זיי שטופּן זיך אויף איין אָרט און זיי פאַרשפּאַרן דעם וועג. וואָרים צווישן די וועגן און פערד, וועגעלעך, אייזלען און קעמלען, צווישן מענער און פרויען, וואָס טראָגן קאַסטנס און קערבער, אין געדראַנג פון צעהיצטע מענטשן, פאַרמאַטערטע פון וועג, באַדעקטע מיט שטויב, באַווייזט זיך אַ גרופּע עולי-רגלניקעס, וואָס שיידן זיך אונטער פון אַלע אַנדערע.

מיט געזאַנג און אויסרופן דערנענטערט זיך די מחנה יונ־גע מענטשן מיט די לאַנגע האָר, אין וועלכע מ׳דערקענט באַלד, אַז זיי זענען גליליייער. עטלעכע צענדליק מענער און אייניקע פרויען גייען מיט ברייט צעעפנטע אויגן צו צו דער שטאָט מיט כמעט טאַנצנדיקע טריט. טייל פון זיי האַלטן אין די הענט צווייגן פון פייגן־און זייד־בוימער, אַנדערע האָבן אָפּגעריסן אויפן וועג פּאַל־מען־בלעטלעך. זיי שאָקלען מיט זיי, זינגען, גייען און לויפן פּאָרוויין, האַלטן זיך ביי די הענט און איינציקווייז, זאַלבע־דריט און זאַלבעפערט, אָן אַן אָרדנונג און נישט ערנסט, נאָר באַפליגלט מיט יוגנט און אינערלעכער פרייד, און מיט די קולות און מיט זייערע הענט ווייזן זיי אַלע אָן אויף איינעם, וואָס פאָרט אינמיטן זייער קרייז.

ער זיצט אויף אַן אייזל און זעט אויס צו זיין עלטער ווי זיינע חברים. ער טראָגט אַ גרויען מאַנטל, ווי אַלע, באַדעקט מיט שטויב און זייער אָרעם, אָבער דער אימפּראָוויזירנדער זאַטל איז פאַרביק; דאָס איז נישט קיין זאָטל־צודעק, נאָר יום־טובדיקע מלבושים, אונטערגעלייגט אויפן רוקן פון אייזל, כדי ס׳זאָל זיין אַ ביסל שענער. אונטער דעם אייזל שלעפּט זיך נאָך אַ קליין אייזעלע, וואָס שטויסט פון צייט צו צייט דער מוטער, וואָרים ס׳וויל טרינקען, און אויף אַזאַ אופן איז אין דעם צוג אויך פאַראַן אַ קינד, הגם ס׳איז אַן אייזעלע. ווען די מחנה קומט צו נענטער, הערן די מענטשן די ווערטער פון זייער געזאַנג:

— געבענטשט ביסטו, וואָס קומסט אין גאָטס נאָמען! מיר בענטשן אייך, וואָס איר זענט פון גאָטס הויז!

צי זענען דאָס נישט די ווערטער פון גרויסן הלל, מיט וועלכן מ׳גייט אַרום דעם מזבח אין בית־המקדש, שאָקלענדיק מיט די לולבים? וואָס באַדייט אין די מיילער פון די־דאָזיקע מענטשן דער פסוק פון תהילים, מיט וועלכן מ׳לויבט דודס זון? זיי רופן דאָן צו אַנדערע, פרעגן אויס, האַרכן און הערן:

— פריי דיך, פריי דיך, ציונס טאָכטער! אָט קומט צו דיר דער מלך, דער גערעכטער און זיגרייכער! ער איז הכנעהדיק און קומט אויף אַן אייזל מיט אַן אייזעלע!

די מענטשן אַרום הויבן אָן לאַכן, איינער שטופּט דעם אַנדערן און פרעגן זיך: ווער זענען זיי דאָס? משוגעים, צי וואָס? צי האָבן זיי געכאַפּט דעם משיח? ווער איז ער דאָס פאַר איינער און ווער זענט איר? פון מינוט צו מינוט וואַקסט דער המון אַרום דערדאָזיקער מחנה, וואָס זינגט ווייטער און שאָקלט מיט די צווייגלעך. איינער זאָגט עפּעס, אַ צווייטער חזרט איבער פאַר די איבעריקע און תיכּף ווייסט שוין די גאַנצע גאַס: דאָס איז אַ נביא! איר ווייסט, דערזעלבער, וועגן וועלכן מ'האָט אַזויפיל גערעדט, ווען די מענטשן זענען געקומען פון טבריה. אַ גליליייער! דאָס איז דער נביא פון נצרת!

פון נצרת? צי ווייסן נישט דידאָזיקע דאָרפסלייט, אַז משיח דאַרף קומען פון בית-לחם און דאַרף שטאַמען פון דוד המלכס משפחה? וואָס פאַר אַ גוטס איז שוין, ווען ס'איז געקו-מען פון גליל? בונטאַרן, רויבער און משוגעים, ווי ערשט נישט לאַנג, און גאָרנישט מער! אָבער דער איז דאָך עפּעס מילד, און זיינע מענטשן, דאַכט זיך, האָבן נישט קיין געווער; אַליין זיצט ער אַזוי איינזאַמיק אויף אַן אייזל, אַז ער זעט מער אויס טרויעריק איידער קריגעריש. הערט ווי זיי זינגען:

— געבענטשט ביסטו מלך, וואָס קומסט אין גאָטס נאָמען! שלום אויף דער ערד, און אַ לויב אין די הימלען! הושענא! הללויה!

פון דער קליינער מחנה ווערט אַ גרויסע, און אַ האַלבע שעה גאַנג פאַר דער שטאָט, גייען שוין מיטן הויפּט-וועג טויזנ-טער מענטשן. זיי שרייען, זינגען, טראָגן צווייגלעך אין די הענט, הגם זיי ווייסן נישט, וואָס דאָ קומט פאָר. די פּנימער ביי די תּלמידים שטראַלן, די אויגן ביי די פרויען גלאַנצן צווישן המון און זיי קוקן אויף זייער רבין, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז ער געפינט זיך מיט ס'זייניקע. הללויה!

אָבער ישו זיצט אויפן אייזל פאַרשלאָסן אין זיך און ער קוקט גלייך פאַר זיך. ער ענטפערט נישט אָפּ דעם המון אויף זיינע אויסרופן, אָבער ער פאַרווערט נישט די זייניקע, אַז זיי זאָלן אים לויבן און באַגריסן.

שוין דעמאָלט, ווען זיי זענען אַוועק פון פרוכטבאַרן יריחו צווישן קאַלטע, פעלזיקע וויסטע בערג, ווו אַלץ וואָלט פאַרלאָשן געוואָרן און ווו ס'איז פאַרשווונדן יעדער שפור פון געוויקסן, האָט זיך דערוועקט אין זיין האַרץ אַן אומרויקייט, פאַר וועלכן ער האָט זיך געווערט ביז איצט. די נסיעה איז אים מער אויסגעקומען צו זיין אַ וועג צו דער תּפיסה, איידער צו דער הייליקער שטאָט, און אויפן אומגעדולדיקן פּלוידערן פון די תּלמידים, האָט ער גאָרנישט געענטפערט, נאָר איז וואָסאַמאָל מעה פאַרזינקען געוואָרן אין אַ שווייגן. אָבער דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דורכגאַנג פון די באַרג-שפּיצן נאָענט פון דאָרף בית-חגלה און בעת די תּלמידים האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל בלייבן זיצן אויפן אייזל, ווי עס איז אָנגעצייכנט פאַרן משיח, וואָס דערנענטערט זיך צו ירושלים, — האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן זיי דאָס נישט אין אַזאַ מינוט אָפּזאָגן און ער האָט געטון, ווי זיי האָבן געוואָלט.

אָבער, ווען ער איז זיך אַזוי געזעסן אויף זיינע מאַנטלען און צוגעקוקט זיך, ווי זיי הויבן אָן פרייליך צונויפצעבונדן צווייגלעך, זייענדיק דערביי מער ענלעך צו קינדער ווי צו חכמים; ווי זיי ציטערן פון פריידיקער אומגעדולדיקייט, כּדי צו ווייזן דער שטאָט, ווער צו איר קומט; ווען ער האָט דערהערט די ווערטער פון תּהילים, און ער האָט דערזען צום ערשטן מאָל זיך אַליין רייטנדיק אַרומגערינגלט מיט פּיס-גייער; בעת מ'האָט אים צום ערשטן מאָל אונטערן לויטערן גאָטס הימל און אין קעגנוואַרט פון אַלעמען הויך געלויבט; ווען ער האָט געזען, ווי עס גיט זיך איבער די שטימונג פון זיינע פריינט אויף אינגאַנצן פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן אים נישט געקענט, — דאַן ערשט האָט זיך דערוועקט אין אים די פראַגע: וואָס און ווו אייגנטלעך זאָל ער אָנהויבן צו טון?

הללויה! אַרומגערינגלט מיט דעם מאָדנעם צוג, זעט ער פאַר זיך די אומהיימלעכע שטאָט, וועגן וועלכער ער האָט אַזויפיל פון קינדערוויז אָן געהערט. דאָס, וואָס לויכט אין די שטראַלן פון דער מיטאָג-זון, איז זיכער דאָס רוימישע פעסטונג אַנטיוכיאַ,

וועגן וועלכער ער האָט געהערט, אַז זי שטייט אויף דער לינקער זייט. און יענץ, וואָס הויבט זיך אויף, אַביסל גאווהדיק, אין איר לויטערער ווייסקייט, מיט הויפן און טויערן, מיט אָן אַ שיר קאָפּולן, וואָס שטייגן איבער די מירמלנע דעכער, ווי אַ פעלז וואָלט זיך אויפגעהויבן פון אַ פעלז, קאַלט און אימהדיק: דאָס איז הורדוסעס טעמפּל! דאָס איז דער קעניגלעכער שלאָס, וואָס מוז דעראָבערט ווערן פון גייסט: דאָס איז דאָס זיצאָרט פון זיינע שונאים!

פאַרוואָס פונדעסטוועגן באַמערקט נישט דאָס אויג קיין איינאונאיינציקן בוים? אָט דאָרט געפינט זיך אַ גרין ווינקל, און דאַכט זיך, אַז עס פליסט אַ קוואַל. אָבער די ריזיקע שטאָט, וואָס איז באַרגיק, ווייס און פעסט געמויערט, שטייט שאַטנלאָז אויף אַ געלן שטיין, און זיינע קאָנטורן זענען האַרט, אומברחמנות-דיק, בייז. פאַרוואָס שרייען זיי „הושענא״? צי זעען זיי נישט, אַז די דיזאַזיקע שטאָט ווערט זיך קעגן אַלע געשרייען פון רחמנות? מיט אַ געשריי און געקלאַפּעריי, מיט אַ קלינגען און רופן, גע-שטאַנק און שטיקנדיקע ליפּט, באַגריסט זי ישוען און אַ וואָלקן פון ריחות און קולות הענגט אַראָפּ ווי אַ באַרג צווישן הימל און שטאָט, צווישן מענטש און גאָט.

הללויה! אָבער אָט זעט ער, ווי די מאַסע דריקט זיך צונויף. טייל וואַרפן זייערע מלבושים אונטער זיין אייזל, אַז ער זאָל אויף זיי אַריבערפאָרן, די צווייגלעך אַרום אים ווערן וואָס-אַמאָל געדיכטער, קינדער שטופּן זיך לעבן אייזל און דער ריי-טער מוז אויף זיי גוט אַכטונג געבן, אַז דאָס אייזל זאָל זיך נישט דערשרעקן און, חלילה, צעטרעטן וועלכעס קינד. הושענא! הלואי וואָלט זיך שוין דאָס אַלץ געענדיקט! עס זעט אויס, ווי זיינע תלמידים וואָלטן אָנגעהויבן ווערן צו ביסלעך אומרויק. צי רופט ביי זיי נישט אַרויס קיין חידוש דאָס, וואָס קיינער פאַלט נישט פאַר זיי אויפן וועג קיין כורעים? דידאָזיקע מענטשן שרייען נאָר, זיי זינגען און שאָקלען מיט די צווייגלעך, ווי אויף אַ קאַרנאַוואַל-פּראָצעסיע.

פלוצלינג באַפרייט ער זיך פון זיין אומצופרידנקייט, פון

פחד און פון געדאַנק װעגן פאַרטײדיקן זיך: פאַר זײנע אויגן שװימען אויף די פּנימער פון זײנע שונאים, אַ הײפל פּרושים פאַרהאַלטן דעם צוג, װײל זײ האָבן זיך געהאַט דערװוּסט, אַז ער קומט. נאָר זײ, די שונאים זײנע, קענען אים און װאַרטן אויף אים. אָט דערנענטערן זײ זיך צו אים און אײנס פון די קו-לות, װאָס קלינגט שוין מיט האַס בײם באַגריסן, אײנער פון די קעפּ, װאָס אין זײן צביעותדיקער הכנעה באַהאַלט זיך גאווה, בויגט זיך אײן צו אים און שטעלט אים אַ פראַגע:

— צי הערסטו, רבי, װאָס זײ זינגען? צי מײנסטו נישט, אַז מ׳װאָלט באַדאַרפט באַשטראָפן דײנע תלמידים?

דער נביא האָט זיך אײן אים דערװאַכט. ער גלײכט זיך אויס אויף זײן קלײן אײזל. אַלץ, װאָס האָט אים דאָ געבערענט אַהער, צעװאַקסט זיך אין אים! אײדער ער איז נאָך אַרײנגע-ריטן אין דער שטאָט, פילט ער, אַז אַלץ אין אים מוז זיך װערן, עקשנותדיק זיך האַלטן בײ ס׳זײניקע — און ער דאַרף די שטאָט דעראָבערן! און אָט רײסט ער אַרונטער פון פרעגנדיקן זײן צביעותדיקע רויקײט, בײ די טויערן פון שטאָט װײזט ער באַלד אַרויס זײן שנאה און ער רופט אויס הויך אויפן קול, כדי אַלע זאָלן אים הערן:

— אויב זײ װעלן אַנטשװיגן װערן, װעלן די שטײנער שרײען!

די פרושים, מבולבלדיק און בײז, אָבער שװײגנדיק װי תמיד, ציען זיך צוריק. און װידער טראָגן זיך די לויב-געשרײען פאַר ישון. נאָר אָט אין דער רגע רײסט זיך דורך דער גאַס אַ געשרײ שאַרף װי אַ מעסער: דאָס זענען די קלאַנגען פון די טרומײטן אויפן באַרג! אַזוי רופט דער כהן!

בײ די קלאַנגען פון טרומײט פאַרט ישו אָפּ אין דער נאָענטסטער גאַס און ער טרײבט זײן אײזל, כדי װאָס גיכער אָנצוקומען אין בית-המקדש.

## ב

צי איז דאָ אַ מאַרק? צי לאַכט נישט אַמאָל פון זיי דער באַגלייטער, בעת ער ווייזט זיי צעוּרשט דאָס וועלטלעכע געווימל, כּדי שפּעטער צו עפענען פאַר זיי די טירן פון בית-המקדש? דאָ? זאָל דאָ זיך טאַקע געפינען דאָס הויז פון אַלמעכטיקסטן, אין דעמדאָזיקן גערויש און כאַאָס? אַ שטרענגער גאָט, דער האַר פון דערדאָזיקער מלוכה, אַ ריכטער, וואָס פירט דאָ אויס זיין אמת אין קאַלטן מירמלשטיין, אַ דענקער און בעל-נקמה, — אָט ער קאָן דאָ וווינען. אָבער ניין, דאָ געפינט זיך נישט דער אל הרחמן פון די טאָלן פון נצרת. דאָס גערויש פאַרטויבט דעם נביא. שוין אין דער מינוט, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום הויפּט-טויער אויף דער מזרח זייט און אין הסכּם צו די דינים, וועגן וועלכע מ'האָט תּמיד גערעדט, האָט ער געוואָלט אויסטון די שיך און אַוועקשטעלן זיין שטעקן, האָט ער זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, וואָס קיין איינער פון די טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען געלאָפן איבער די טרעפּ אַרויף אינדערהויך, האָט נישט אויסגעפירט דעמדאָזיקן דין. אָט איז דער פּרוזדור פאַר די יידן, האָט ער אַ טראַכט געטון, דידאָזיקע אַלע זענען זיכער אומגלויביקע, וואָס זענען נישט געקומען אַהער מתפּלל זיין, נאָר קוקן; באמת, ווי צו זיינע אויערן דערגרייכן פרעמדע קלאַנגען. אָטאָ דאָ הענגען די אזהרות, געשריבן אין דריי לשונות, וואָס וואָרנען אונטער דער דראָונג פון טויט-שטראָף, אַז יעדער נישט גמלהטער זאָל נישט וואַגן גיין ווייטער. און טאַקע פונדאַנען, פון אַ פאַרמאַכטן חדר, טראָגן זיך געשרייען!

און אָט שטייט ער אַזוי, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ גערויש, וואָס הייבט זיך אויף פון דער שטיינערנער פאַרביקער פאָדלאָגע צום צעדער-באַלקן און פאַלט אַראָפּ צוריק. גרויסע און קליינע טשערעדעס מעקנדיקע שאָף שטייען אַרום אַ הענדלער, וואָס זיצט צווישן זיי, און דער הענדלער שטעלט אָפּ מיט אַ גערויש יעדן עולה-רגלניק, און ער לייגט אים פאַר

ראָס שענסטע און דאָס פעטסטע שעפּסעלע; די קונים שאָקלען מיט די הענט, רעדן, דינגען זיך; האַרט לעבן זיי שטייען יינגע קעלבעלעך, זיי זוכן אומרויִק די מוטערס, גלאָצן אויס די אויגן, ציען מיט די נאָזלעכער; ביים ראַנג שטייען טויבן־הענדלער, זיי האַלטן די פויגל אינדערהייך, געבינדן ביי די פיס פּאַרוויין, און די איבערגעשראָקענע באַשעפענישן קלאַפּן מיט די פליגל, אַז זייערע פעדערן פליען אַרום; אַביסל ווייטער שטייט אַ וויינ־הענדלער מיט אַ פלאַש אַרומגעוויקלט מיט שטרוי, לעבן אים קניט אַ הענדלער מיט אייל און שרייט אויס דעם פּרייז, דעם נידריקסטן פּרייז, אָבער נאָר היינט; עס זענען אויך פאַראַן אַנדערע הענדלער, זיי פאַרקויפן תבואה און זאַלץ פון פּונאַנדער־געלייגטע זעק, זיי כאַפּן די דורכגייער ביי די פיס און ציען זיי צו זיך... ישו קוקט אויף דעם אַלעמען און ער ווערט ווי פאַר־שטיינערט. עס דאַכט זיך אים, ווי ער וואָלט געחלומט, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט געחלומט אין גליל.

איינער אַליין אין דעם געווימל, געשטופּט פאַרויס דורך דעם גרויסן המון, אָפּגעטיילט פון זייניקע, קוקט זיך ישו צו צו דעם אַלעמען און הערט: ווי אויף די טישן קלינגען די מטבעות, די חלפנים שאָקלען די זעק, מישן איין געלט, פאַרקויפן די יידן פון חוץ־לאַרץ מטבעות, וואָס ווערן אָנגענומען פאַר אַ נדבה פאַרן בית־המקדש, און נעמען דערפאַר דאָס פרעמדע געלט. אויף יעדן האַלבן גראָשן נעמען זיי איבער אַ זעקסט חלק פּראָצענט, וואָרים אַזוי דערלויבט דער רעגולאַמין פון בית־המקדש, וואָס איז אַקצעפּטירט דורך די כהנים, אָבער די פרעמדע דינגען זיך און ווילן נישט צאָלן, און דער שכנותדיקער חלפן איז מסכים אויף אַ זיבעטל פון אַ גראָשן. דעמאָלט שרייט דער ערשטער אויף אים, וואַרפט אים פאַר אומערלעכקייט און דראָט אים מיט מסירה. אַלע רופן אויס סומעס און פּערטלען, אַלץ שאָקלט און קנוילט זיך, קלינגט און פינקלט מיט גאָלד, זילבער און מעש, ביז ישון נעמט אַרום אַ הייליקער צאָרן, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט נישט איבערגעלעבט. אַלץ, וואָס ער האָט געפילט אינם לעצטן טאָג פון זיין נסיעה, וואָס האָט אין דער שעה פון זיין

אריינפאָרן קיין ירושלים, אָנגעוואָרפן אויף אים אַ פּחד און עקל, צאָרן און איינגעהאַלטנקייט, האָפנונג און אַנטוישונג, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק דורכגעלעבט, אַז ס'איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן דער שלאָף און דער הונגער און אַפילו די באַפליגלט-קייט, מיט וועלכער ער האָט פאַרלאָזט זיין פאַמיליען-געגנט אויף יענער זייט שטילן טייך, — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגע-נומען אין אַן ערשטן געוואַלט-טאַט אין זיין לעבן. און אַזויווי ער האָט זיך אַליין נישט געקענט, אַזוי האָט ער נאָך ווייניקער געוווּסט, אַז זיין ערשטער געוואַלט-טאַט וועט גלייכצייטיק זיין דער לעצטער.

אַ פּלוצימדיקער קלאַפּ מיט דער רעכטער האַנט, וואָס האָט זיך נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט געביילט אין אַ פויסט, איז אַראָפּגעפאַלן אויף די טעלער און אויף די זעקלעך פונם ערשטן חלפן-טישעלע, וואָס איז גראָד געשטאַנען לעבן אים, און בעת דאָס געלט איז געשפּרינגען אינדערהויך, האָט ער מיט דער לינקער האַנט גיך אַ שטויס געטון דאָס טישל און אַלץ האָט זיך צעשיט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. איידער די מענטשן האָבן נאָך באַוויזן זיך אַרומצוקוקן וואָס עס איז געשען, איידער דער איבערגעשראָקענער חלפן האָט זיך געכאַפּט ראַ-טעווען זיין פּאַרמעגן, איז דער צעיושעטער נביא שוין גע-שטאַנען ביי אַ צווייט טישל, און ווי אַ מענטש, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט אויפגעהויבן די האַנט אַ קלאַפּ צו טון, צעקלאַפּט ער אין זיין ערשטן גרויסן כּעס אַלץ מיט אַזאַ ריזיקן כּח, וואָס ער אַליין און אַנדערע האָבן אין אים נישט חושד געווען. אַזוי איז דער אומבאַוואָפנטער פרעמדער געלאָפן איבערן הויכן זאַל, געשלאָגן, געוואָרפן, געשטויסן די, וואָס האָבן זיך אים געשטעלט אין וועג, אַז זיי זענען פון גרויס שרעק זיך צעלאָפן אויף אַלע זייטן. ער איז צוגעלאָפן צו די שאָף, וואָס זענען געשטאַנען גרייט געברענגט צו ווערן פאַר אַ קרבן, אַרויסגעריסן איינעם פון די פּאַסטוכער זיין בייטש און אָנגעהויבן שמייסן די שאָף און די הענדלער, און פּונקט ווי בעת אַן ערד-ציטערניש, וואַרפן זיך מענטשן און אַנטלויפן, אַזוי צעלויפן זיך דאָ די הענדלער

און די פרעמדע, די אומגלויביקע און די פרומע, די שאָף און די קעלבער, אַלץ שטופּט זיך צום טויער, לויפט אויף די טרעפּ, עטלעכע טויבן באַפרייען זיך פון זייערע פּענטעס און באַקומען די פרייהייט. און די אַנטלויפנדיקע הערן אונטער זיך דונערן די ווערטער:

— ס'שטייט געשריבן: מיין הויז דאַרף אָנגערופן ווערן אַ הויז פאַר תּפילות, און איר האָט געמאַכט דערפון אַ הייל פון רויבער!

די בית-המקדש וואַך שטייט ווי פאַרשטיינערט און רירט זיך נישט פון אָרט. אויב דאָס פאָלק האָט לכתחילה געמיינט, אַז אין בית-המקדש האָט זיך אַריינגעקריגן אַ משוגענער, איז עס שוין אין אַ ווײַלע אַרום אַרומגענומען געוואָרן פון אַן אַבערגלויבערישער פרייד, אויסגעמישט מיט דערוואַרטונג און אַפילו מיטן באַוווסטזיין, אַז גאָט האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט אינם געשטאַלט פון אַ מענטשן, אַז ס'איז אויפגעשטאַנען אַ נייער מתּתיהו, און אפשר גאָר אַ יהודה, דער קנאי פון גליל, איז איבערגעשאַפן געוואָרן אין זיינס אַ לאַנדסמאַן! צי האָט ער נישט איבערגעחזרט די ווערטער פון די אַלטע נביאים? וואָס קאָן דאָס אַרן דעם פאָלק, אַז די הענדלער וועלן האָבן היזקות, ווייל זיי פאַרדינען סיי-ווי צופיל! די בית-המקדש-וואַך שטייט און רירט זיך נישט פון אָרט. דער רוימישער הויפּטמאַן איבערן בית-המקדש שטייט און קוקט אויף דעמדאָזיקן מענטשן, ער דערפילט דעם הויכן דראַנג, וואָס רעגט-אָן דעמדאָזיקן מענטש און ער גיט נישט זיינע מענטשן קיין באַפעל, אַז זיי זאָלן אים פאַנגען. קיינער רירט זיך נישט. דער פרעמדער בלייבט איינער אַליין אין דעם גרויסן היכל; פאַר אים ציט זיך אַ שורה זיילן, וואָס פירן צום קדשי-קדשים. אָט איצט פאַלט ער אַנידער אויף אַ טרעפּל. דער שטורם אינם האַרץ פונם שטילן ישוע האָט זיך איינגעשטילט; ווייטער באַוווסטזיניק פאַרזעצן די צעשטערונגס-אַרבעט קאָן נישט דער מענטש, וואָס איז פרעמד פון אונזער וועלט. ער מעסט נישט אויך זיין אָפּגעהאַלטענעם נצחון, מיט וועלכן ער

איז אַרויס אין דערדאַזיקער ערשטער שעה, נאָר ער זיצט אַ פאַרמאַטערטער און שווייגט.

א מחנה קינדער קומען אָן. זיי האָבן נישט קיין מורא, פאַרקערט, זיי פרייען זיך נאָך מיטן געררויש און זיי זענען צו-פרידן, וואָס זיי קאָנען איצט דאָ פריי אַרומלויפן, און ווען די מער מוטיקערע דערנעענטערן זיך צו דעם איינזאַמען מענטשן, ענדערן זיך פּלוצלינג זיינע שטריכן און זיין אַמאָליקער שמייכל, מיט וועלכן ער האָט באַשאָנקען פרויען און קינדער, קערט זיך צו אים צוריק; אוודאי, וועט ער איינס פון זיי נעמען אויף זיין שויס. ס'איז אויך פאַראַן צווישן זיי אַ יינגל, וואָס איז בייגעווען, בעת דער פרעמדער איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין און וואָס האָט געהערט דאָס געזאַנג פון זיינע תּלמידים און ער האָט געזינגען צוזאַמען מיט זיי, און עס דאַכט זיך אים, ווי ער וואָלט דערקענט דעם מענטש, וואָס איז געריטן אויף אַן אייזל, און לכתּחילה שטיל, נישט דרייסט, שרייט ער, ווי ער האָט פריער געשריגן אויפן וועג: „הושענא, אונזער מלך!“ צו זיין געשריי שטייען צו אַנדערע קינדער, אַ טייל פון וועלכע ווילן זיך רייצן מיט אים, און אַ כאָר פון קינדער-שטימען זינגט:

— הושענא, אונזער מלך!

און ווידער דערהערט ישו די שטים פון האַרצן! פּלוצלינג צערינט זיין אומהיימלעכער חלום. דער ערשטער שטורם, אונטער דער ווירקונג פון וועלכן ער האָט פונקט ווי אַ מכּביער געברענט מיט גאַנץ פלאַם, געקעמפט און מנצח געווען, שטילט זיך פּלוצלינג איין און עס ווערט ביי אים אַוועקגענומען דער כּח, וואָס איז אים נויטיק צו דערהאַלטן זיך אויף דער אויבערפלאַך פון קאַמף. אין דידאָזיקע קינדער זוכט דער גוטמוטיקער רבי אָפּ זיך אַליין: זייער מלך קאָן ער זיין, זיי האָבן אים פאַרשטאַנען, וואָרים זיי געהערט גאַנץ קעניגרייך.

פּלוצלינג טוט ער זיך אַריס פון אָרט, פונקט ווי יענע מענטשן, וואָס זענען פונדאַנען אַנטלאָפן. ער הויבט אָן זוכן זיינע תּלמידים און ער געפינט עטלעכע פון זיי, און צוזאַמען מיט זיי אַנטלויפט ער אַוועק פון בית-המקדש אויף דעם

הר-הזיתים, אונטערן שוץ פון שטילן גאָרטן און צו די די טרייע חברים אין אל-קדם.

ג

אָבער צומאָרגנס פילט ער ווידער אַ דראַנג צו דער שטאָט און צום בית-המקדש. מעגלעך, אַז ער האָט בײַנאַכט איבערגע-פרעגט וועגן דעם זיין פאָטער. און אפשר גאָר, האָט דער אָנבליק פון די תלמידים און פריינט, דער איינדרוק, וואָס ס'האָט אַרויס-גערופן זיין טאַט, וועגן וועלכן ער טראַכט איצט מיט דער פולס-טער רויקייט, אים אויפגעמונטערט און צוגעגעבן מיט צו וייטערע מעשים. זיין שליחות גיט אים צו כח, און דאָס גרויסע חשיבות און מאַיעסטעטישקייט, וואָס האָט אים תמיד באַגלייט, צווינגט אים צום ווייטערדיקן קאַמף; די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעקליבן פון דער הייליקער שריפט, מוז ער פירן ווייטער און דערפירן ביזן סוף. אפשר זענען זיינע שונאים קלוגער, אָבער זאָלן זיי דאָס באַווייזן אין קעגנוואָרט פון גאַנצן פאָלק!

דידאָזיקע שונאים האָבן זיך דערווייל צונויפגעקליבן אויף אַ באַראַטונג, בעת ער איז אַ שווייגנדיקער געזעסן צוזאַמען מיט זיינע תלמידים און געגעסן. דער ערשטער אָנגריף פון דעם, וועמען די פרושים האָבן מיט זייער ביטערקייט געבערענגט אין שטאָט אַריין, איז געווען זייער מזלדיק, און ווען ער וואָלט נעכטן נישט געווען אַזוי שוואַך, וואָלט ער שוין זיכער געהאַט געוווּנען דאָס גאַנצע פאָלק אויף זיין זייט. וואָרים דאָס פאָלק איז וואַקלדיק און פול מיט ספקות און שוין דרייסיק יאָר, ווי דאָס פאָלק האָט געגעבן באַווייזן פון זיין אומשטאַנדהאַפטיקייט. אָבער גאָט האָט די טריט פונם פרעמדן אָפּגעקערט פון בית-המקדש. דאָס געזעץ וועט אָפּגעראַטעוועט ווערן! צו באַשולדיקן אים אין אַזאַ עבירה וואָלט געווען אַ פעלער: הגם מען קאָן גאַנץ לייכט באַווייזן, אַז די חלפנים און הענדלער האָבן אומבאַ-דינגט געהאַט רעכט צו זיצן אין בית-המקדש. אַזאַ מענטש, וואָס זיין גאווהדיקע מיינונג הויבט אָן ווערן געפערלעך פאַר די

כהנים, דאַרף מען כאַפּן אין דער נעץ פּאַר ברעכן דעם גלויבן, ווי אַ לעסטערער קעגן געזעץ!

און ווען ער גייט מיט עטלעכע תּלמידים אַריין אין בית-המקדש, דאָסמאָל פונדערווייטנס פון האַנדלס-אָרט, אין אַ היכל אויף מעריב-צייט, נישט ווי אַ קנאי, נאָר ווי אַ רבי, וואָס איז פון אַסאַך דערקענט געוואָרן, דורך קיינעם נישט אָפּגעשטעלט און אין געהיים אַפילו דורך אַסאַך געגלויבט, — דערנענטערן זיך צו אים עטלעכע סופרים. בעת זיי באַגריסן אים העפלעך און זעצן זיך אַוועק לעבן אים, כדי מיט אים צו רעדן תּורה, שאַפט זיך באַלד אַ גרויסע צאָל צוהערער. איצט מוז זיך אַרויסווייזן, צי דער נביא פון גליל קאָן עפּעס מער, ווי אומוואָרפן טישן מיט די געזונטע הענט, צעטרייבן הענדלער און שאָף. צוערשט פרעגן זיי אים וועגן דעם און יענעם, באַהאַלטנדיק אין זיך דעם כעס, אָבער פּלוצלינג רייסט זיך ביי איינעם פון זיי אַרויס די פראַגע:

— מיט וועמענס כח האָסטו דאָס געטון? ווער האָט דיר געגעבן כח דערצו?

מעגלעך, אַז ישו האָט זיך גערעכנט אויף דערדאָזיקער פראַגע, וואָרים אין דעם קעניגרייך פון גאָט האָט זיך אַלץ געשטיצט אויפן כח, וואָס מ'האָט געקריגן פון גאָט, און צו באַווייזן אַ באַפולמעכטיקונג פון גאָטס כח, איז גאָרנישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך. אָבער ער, וואָס האָט אַזוי גוט געקענט די דיאַלאָגן פון דער תּורה, האָט אויף אַ קונציקן אופן אָפּגעווענדעט די פרושים פון דער דערמאָנטער פראַגע, פאַרגעבנדיק זיי אַן אייגענע פראַגע:

— און איך וועל אייך עפּעס פרעגן! אויב איר וועט מיר ענטפערן, דעמאָלט וועל איך אייך ענטפערן מיט וועמענס כח איך טו: צי איז די טבילה פון יוחנן געקומען פון הימל, צי פון מענטשן?

אַ שטילקייט הערשט, און זיי טראַכטן: אויב מיר וועלן זאָגן, אַז פון הימל, וועט ער אונז ענטפערן: פאַרוואָס האָט איר אים דעמאָלט נישט געגלויבט? אויב מיר וועלן זאָגן, אַז

פון מענטשן, וועט דאָס פאָלק אויפשטיין קעגן אונז, וואָרים יוחנן איז זייער נביא. זיי האַלטן דעריבער, אַז ס'איז קלוגער צו שווייגן, און זיי ענטפערן נאָר:

— מיר ווייסן דאָס נישט.

מיט אַ שפּאָטישן בליק קערט זיך ישו אָפּ פון זיי און זאָגט:

— און איך וועל אייך אויך נישט זאָגן מיט וועמענס כּח איך טו דאָס אַלץ!

אַלע, וואָס הערן דאָס, שאָקלען צו מיט די קעפּ: דער עולם האָט ליב, אַז איינער פּרעגט, און דער אַנדערער זאָל נישט קאָנען ענטפערן! נאָך פּאָר זונאונטערגאַנג וועט זיך דערוויסן וועגן דעם אַ האַלבע שטאָט. אָבער, אָט צינדט ער זיך אָן, און אַזויווי ער האָט נעכטן פאַרנאַכלעסיקט דעם נצחון פון כּח, וויל ער היינט געווינען דעם נצחון פון גייסט. צי האָט ער בדעה אַרונטערצורייסן זיינע שונאים עפּנטלעך? צי קריגט ער אַרויס פון זיך דעם כּח פון אַ קעמפער מיטן באַוווסטזיין, אַז אין דער-דאָזיקער שטאָט, אין דעמדאָזיקן בית-המקדש דאַרף מען שטיין און אויסהאַלטן? אָט ברענגט ער זיי אַ משל וועגן צוויי נישט גלייכע זין: איינעם פון זיי הייסט דער פאָטער אַרבעטן אין אַ ווייַנשטאָק. דער זון זאָגט, אַז ער וועט נישט אַרבעטן, אָבער שפּעטער קריגט ער חרטה און גייט אַרבעטן. דער צווייטער זאָגט צו צו אַרבעטן, אָבער ער גייט נישט צו דער אַרבעט: — „ווער פון זיי איז נאָכגעקומען דעם פאָטערס ווילן?“

— דער ערשטער — ענטפערן די תּנאים — און זיי דער-וואַרטן, אַז ער וועט זיי איצט זאָגן אַזאַ מוסר השכּל, וואָס וועט זיי באַליידיקן. אַזוי איז עס טאַקע געוועזן, ווייל ישו איז מיט הייסע ווערטער איבערגעגאַנגען צום אָנגריף און ער האָט הויך אויפן קול אויסגערופן:

— איך זאָג אייך, אַז די צאָל-נעמער און די זונות וועלן אייך איבעריאָגן, אַריינגייענדיק פריער פון אייך אין גאָטס קע-ניגרייך. יוחנן איז געקומען צו אייך און אייך געגעבן דעם וועג

פון גערעכטיקייט, און איר האָט אים נישט געגלויבט, אָבער די צאָל-נעמערס און די זונות האָבן אים געגלויבט!

מיט יראת-הכּבוד און אימה הערט אים אויס דאָס פאָלק: צי רעדט ער נישט אַזוי, ווי יוחנן האָט גערעדט? אָבער די, וועלכע ער וויל בייקומען זיצן מיט אַ געפיל, אויסגעמישט מיט כּעס און צופרידנקייט, וואָרים דערמיט, וואָס ער באַליידיקט זיי אין קעגנוואַרט פון אַלעמען, פאַרפלאָנטערט ער זיך וואָסאַמאָל מער און לסוף וועט מען אים פאַנגען. אָבער ישו פילט נאָר די שטימונג פון זיינע צוהערער, אָבער ער כאַפּט זיך נישט אויף די מחשבות פון זיינע פיינט. אַזוי ווי ער קאָן נישט די קונצשטיק פון די ירושלימער דיספּוטאַנטן, הויבט ער אויף נאָך דעמדאָזיקן אָנגריף דאָס געווער פון זיין גייסט צו אַ נייעם אָנגריף. ער זאָגט איין משל נאָכן אַנדערן און ער שוואַכט אָפּ דעם איינדרוק. וואָרים דאָס, וואָס ער דער ציילט איצט וועגן אַ באַלעבאָס און אַ ווייַנשטאָק, מישט זיך אויס אין זיינע בילדער און פּלוצלינג פאַלן פון זיין מויל דידאָזיקע ווערטער:

— גאָטס קעניגרייך וועט פון אייך אָפּגענומען ווערן און עס וועט געגעבן ווערן די היידן, וואָס ברענגען זיין פּרוכט!

די צוהערער זיינע ווערן דערשטוינט, ווייל קיינער יויל נישט הערן דידאָזיקע ווערטער. די תּנאים קומט גאַנץ לייכט אָן צו פאַרשעמען אים פאַרן פאָלק. זיי שטעלן זיך אויף, מישן זיך אויס צווישן עולם און זיי דערציילן, אַז דער, וואָס רעדט, איז משוגע אָדער אַ צעיושעטער. דער זעגל פון פאָלקס-ווילגעבייגט-קייט, וואָס לאָזט זיך באַוועגן פון קלענסטן ווינטל, איז אוממעכ-טיק געהאָנגען אין משך פון דער לעצטער האַלבער שעה, און איצט הויבט ער זיך און ער דרייט זיך אויס אין דער פאַרקערט-טער זייט. און ווען די פירער און מעכטיקע וועלן אָנהייבן טע-טיק זיין דורך זייערע מענטשן, ווען די הענדלער וועלן זיך אומ-קערן צו זייערע טישן, און די קויפער און פאַרקויפער וועלן זיך אָנהויבן דינגען, אָן וואָס אַ פסחדיקער עולה-רגלניק קאָן נישט ברענגען קיין קרבנות, דאַן וועט מען צוערשט אונטער-שמייכלען. און תּיכּף וועט אַרויסזעצן מיט אַ געלעכ-טער איבער דעם נאַרישן גליליייער, וואס האָט נעכטן געוואָלט

אַלץ חרוב מאַכן, און היינט קוקט ער זיך צו רויק, ווי ס'לעבן לויפט זיך מיטן אַלטן גאַנג, בעת ער זיצט אַזוי מיט זיינע מענטשן אויף די טרעפּ און ער לאַכט בלויז אויס די חכמה פון די תנאים.

ער פילט דאָס און ער לייענט יעדן איינעם אַראָפּ פון פּנים, וואָס עס טראַכט די נשמה, וועלכע איז אונטער דעמדאָזיקן פּנים באַהאַלטן. אַן אומצופרידנקייט נעמט אים אַרום נאָכן האַלבן נצחון. ער פילט, אַז דידאָזיקע לופט, דידאָזיקע שטאָט מיט די אוראַלטע געזעצן אירע קאָן דערשלאָגן דעם מעכטיקסטן גייסט, און מיט געדאַנקען טרויעריקע און גלייכצייטיק עקשנותדיקע, גייט ער ווידער אַוועק אין דער שטילקייט פון זיין באַהעלטעניש.

אָבער ער איז דורשטיק, ווייל אַ האַלבן טאָג האָט ער געדעדט, און ס'איז זייער הייס. ער מיידט אויס די גאַס, וואָס איז פול מיט הענדלער, אָבער אויף מעריב זייט פון הר־הזיתים איז פאַראַן זייער אַסאַך פּירות, און גייענדיק פאַרביי קאָן מען אויסשטרעקן די האַנט צום בוים און אָפּרייסן אַ פרוכט. אין משך פון די לעצטע צוויי טעג איז ער אַזוי ווייט אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זיין טעגלעכן לעבנס־שטייגער, אַז ער פאַרגעסט אינגאַנצן, וואָס פאַר אַ צייט פון יאָר היינט איז און ער זוכט פייגן אויף די ביימער, וואָס וואַרטן ערשט אויף פירות. אין זייַנע מקומות האָט ער שוין געקענט די צייטן פון בליען און צייטיק ווערן און פאַר סיוון וואָלט ער נישט געזוכט קיין פייגן אויף די ביימער, אָבער דאָ, אין דעם שטייניקן יהודה, פאַרלאַנגט ער זיי שוין אין ניסן, און מחמת דעם, וואָס דער בוים גיט זיי אים נישט, און די אַנטטוישונג פאַרשטאַרקט נאָך דעם דורשט, הויבט ער אויף זיין האַנט קעגן בוים און ער פאַרשעלט אים:

— זאָל פון איצט אָן קיין שום מענטש נישט עסן פון דיר קיין פּירות!

פון יענער צייט אָן, זינט ער האָט אָנגעהויבן לערנען אַנדערע, שוין מער ווי אַ יאָר, האָט ישו כסדר געשיקט אַסאַך ברכות, ער האָט קיינמאָל ניט געשאָלטן; די לעצטע צייט אָבער האָט ער נאָר גערדאָט, געוואָרנט. היינט האָט ער אין בית־המקדש

צום ערשטן מאָל געזאָגט די גאַוהדיקע תּנאים די בייזע נביאות. אַז זיי וועלן ווערן אויסגעשלאָסן פון גאָטס קעניגרייך. דאָ אָבער, אויפן וועג אין דער היץ, קלעטערנדיק אויפן באַרג, פאַרמאַטערט, דורשטיק, בייז פון לעצטן סכסוך, האָט ער אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף אַן אומשולדיק וועזן, אויף אַ בוים, וואָס בליט און טראָגט פּירות ווי גאָט האָט געבאָטן. ער פאַרגעסט אין אַלע מתּנות, וואָס זענען פול מיט ברכות און נעמט זיך אָן מיט כּח, אין וועלכן ער גלויבט, אַכּח פון גאָטס זון, כּדי אַ תּל צו מאַכן פון גאָטס שאַפונג.

אַזוי ברענט און טריקנט די ירושלימער זון דאָס האַרץ פון נביא, וועלכער איז אין דעם ריינעם גליל קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיין וועג.

## ד

די פּרושים באַראַטן זיך, עס באַראַטן זיך אויך די צדוקים. צעטיילט דורך באַהאַלטענער שנאה, פאַראייניקט דורך אַ בשותּפותדיקן קעגנער, באַשליסן זיי זיך ענדלעך. דער פרעמדער רבי זעט זיי אויס צו זיין מער געפערלעך, ווי ער אַליין טראַכט וועגן זיך און ווי עס טראַכטן וועגן אים זיינע תּלמידים. וואָרים סיי די ערשטע און סיי די אַנדערע קענען דאָס לייכטזיניקע ירושלים, די נייגעריקייט און דאָס טרייפלאָזיקייט, פּאַרטייאישקייט און דאָס קאַלטקייט פונם המון בעסער, איידער די אומדערפאַרענע גליליייער; און בעת די כּהנים קוקן זיך צו צום פאָלק און באַקומענדיק פון אַסאַך ערטער ידיעות, וואָס באַריכטן די סכּנה פון אויפשטאַנד, וועגן נייע סעקטעס, פאַרשטיין זיי דעמאָלט, אַז ווען ס'זאָל זיך באַווייזן אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן, וואָלט ער מיט עטלעכע פּאָפּולערע שלאָג-ווערטער געקאָנט אין דעם יום-טובדיקן געטומל אַריינברענגען אַן אומאָרדנונג און אפשר אויך אַרויסרופן אַ מרידה.

אמת טאַקע, אַז דערדאָזיקער נביא איז נישט אַזוי שטאַרק איילִיק צו מעשים, ער איז אויך נישט אַזוי פלאַמענדיק ווי

יוחנן, אָבער ער קאָן אויסטייטשן די תורה קעגן די פּרושים, און אַזאַ זאַך אין קעגנוואַרט פונם פאָלק איז נישט דערלאָזבאַר. דער צוג, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין שטאָט, איז וואַר־שיינלעך גיכער געווען אַ טרויִמערישער טאַט פון זיינע תּלמידים, און דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטון די הענדלער אין בית־המקדש, האָט ער שוין אפשר אַליין פאַרגעסן. אָבער צו שרייַען אין פּרוזדור הויך אויפן קול, אַז די צאָל־נעמער, זונות און היידן וועלן נאָך פריער, איידער מיר אָנקומען אין הימל אַריין, אָט אין דעם ליגט שוין אַ קערנדל פון אַ גרויס געפאַר: אַזאַ מענטשן דאַרף מען מאַכן אומשעדלעך!

ווען מ׳זאָל אַזוי קענען וויסן, וואָס עס האָבן בדעה צו טון די נאָכגיביקע צדוקים? — טראַכטן די פּרושים. צי וועלן זיי דעמאָלט אויך זיך צופרידנשטעלן בלויז מיט אָפּחוזקן, כּדי זיך נישט צו שטערן זייער רו? און אפשר זאָל מען לאָזן אין באַ־וועגונג די העראָדיאַנער? דאָס וואָלט דאָך געווען אַן ענין, וואָ־רים די אָנהענגער פון הורדוסעס הויז וואַרטן, זינט ס׳איז געפאַלן די הורדוס־מלוכה, אויף איר באַנייִונג, טיף אין האַרצן האָבן זיי פיינט די רוימער, אָבער נישט ווייניקער פיינט האָבן זיי די הייליקע ליבלינגען פון פאָלק. די צדוקים זענען באַפריינדעט מיט די רוימער, אָבער זיי זענען דאָך פיינטלעך קעגן משיח; אויף אַזאַ אופן וואָלט מעגלעך געווען, אָנקניפּן איין עק מיטן אַנדערן און אַריבערוואַרפן אַ בריק צווישן זיי. אפשר איז גענוג איינאונאיינציקע פּאָליטישע פראַגע און דער נאַיווער פּריידיקער זאָל ביי איר אַריינפאַלן. אויב ער וועט רעדן קעגן די רוימער, וועט זיך פאַרנעמען מיט אים דער גובערנאַטאָר, ווייל ס׳וועט זיין אַ פּאָליטישער ענין, און ווען ער אָבער זאָל אַזוי רעדן וועגן משיח, וועלן זיך פאַרנעמען מיט אים די העראָדיאַנער. די לעצטע שפּירן זיך היינט ביי די כּחות, וואָרים נעכטן איז דער פירשט זייערער, הורדוס אַנטיפּאַס, געקומען אין שטאָט אַריין אויף פּסח. מ׳דאַרף נאָר זיין פאָרזיכטיק!

און מיט גלייכגילטיקע פּנימער, ווי ס׳וואָלט זיך נאָר גע־האַנדלט אין קלאָר מאַכן זיך געוויסע שטעלן אין דער תורה,

האָבן זיך אויפֿן דריטן טאָג דערנענטערט צו אים אין בית-המקדש עטלעכע מענטשן, געשיקט און גוט צוגעגרייט דורך די פּרושים און העראָדיאַנער; און איינער פֿון זיי פֿרעגט מיט ראַפֿינירטער העפֿלעכקייט:

— רבי, מיר ווייסן, אַז דו ביסט וואָרהאַפּטיק און דו האָסט פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט: וואָרים דו קוקסט נישט אויף דער פּערזאָן פֿון מענטשן, נייערט דו לערנסט גאָטס וועג אין אמת: איז דאָס לויטן געזעץ צו געבן אָפּצאָל דעם קיסר אָדער נישט? זאָלן מיר געבן אָדער נישט געבן?

ישו האָט זיך נישט געזאָרגט וועגן שטייערן, ער האָט אַפֿילו נישט געטראַכט וועגן קיסר, און אויב ער האָט איינמאָל אין כפֿר-נחום זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן שטייער, איז עס נאָר געווען אַ זשעסט, דורך וועלכן ער האָט זיך געוואָלט לעגיטימירן אַלס אַ זון פֿון קעניגרייך, איידער ער באַצאָלט. אָבער איצט האָט ער זיך דערמאָנט אין יהודה, זיין לאַנדסמאַן, וואָס איז צוליב רוימישע שטייערן אַרויסגעטרעטן קעגן די פֿרעמדע הערשער און איז געוואָרן דער פֿירער פֿון אויפֿשטאַנד, כּדי אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך די חרפּה פֿון אונטערטעניקייט און אומקערן דעם פֿאָלק זיין כּבֿוד. אַזוי האָט ער וועגן דעם געהערט און אַזוי האָט ער דאָס איבערגעלעבט קינדווייז. אַלץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט זיין אייגן ניי קעניגרייך, קומט אים איצט אויפֿן געדאַנק, ער זעט צו וואָס זיינע קעגנער צילן, און נישט געבנדיק דאָס זיי צו דערקענען אויף זיך, ענטפֿערט ער אָפּ:

— צבֿועקעס, פֿאַרוואָס פּרוווט איר מיך? ברענגט מיר אַ פּרוטה, אַז איך זאָל זי זען!

דאַן דערלאַנגען זיי אים אַ רוימישע פּרוטה, כּדי אים מיטן פֿאַרבאָטענעם בילד נאָכמער אויפֿצורייצן, אָבער ער האָט נאָר געפֿרעגט:

— וועמענס איז דאָס בילד און די אויפֿשריפֿט?

— דעם קיסרס.

— טאָ גיט דעם קיסר, וואָס עס געהער דעם קיסר און גאָט — דאָס, וואָס עס געהער צו גאָט.

ביי דידאַזיקע ווערטער פון רבין זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן, זיי פילן זיך געכאַפּט, באַזיגט און צעקלאַפּט.

אַז די צדוקים דערוויסן זיך וועגן דעם, לאָכן זיי פון דער מפּלה, וואָס זייערע קעגנער האָבן באַקומען, אָבער זיי נעמען זיך אַליין צו דער אַרבעט, האַלטנדיק, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען ישון אַוועקשטעלן אין אַ קאָמישער לאַגע. ער האָט דאָך אויך גערעדט וועגן תּחית-המתים, אין וואָס עס גלויבן, נאַטירלעך, אויך די פּרושים. זיי גלויבן נישט אין דעם. און איינער פון די צדוקים דערציילט אים אין בית-המקדש אַזאַ קאָמיש געשעעניש: זיבן ברידער האָבן איינער נאָכן אַנדערן חתונה געהאַט מיט איין אשה. יעדער איינער האָט מיט דערזעל-בער פרוי חתונה געהאַט נאָכן טויט פון עלטערן ברודער און קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין קינדער. לסוף איז נאָך אויך אָפּגעשטאָרבן די פרוי און זי טרעפט זיך אין הימל צו-נויף מיט אַלע אירע זיבן מענער. צו ווּעמען וועט זי געהערן נאָך תּחית-המתים, אַז אויף דער וועלט האָט זי געהאַט אַלע זיבן פּאַר מענער? זיי וואַרטן אויף זיין ענטפער. און צוזאַמען מיט זיי וואַרט אַן עולם נייגעריקע, וואָס פעלט קיינמאָל נישט ביי די שמועסן אין בית-המקדש, און ווּעמען פון זיי ער זאָל נאָר צופּסקע-נען דאָס ווייב, וועט דער ענטפער אים מאַכן לעכערלעך, ווייל ווי ס'זאָל נישט זיין, וועלן זעקס ברידער אַרויס מיט ליידיקע הענט. אָבער ישו האַלט זיך ערנסט און ענטפערט:

— איר בלאָנדזשעט, ווייל איר קענט נישט די תּורה און נישט די מאַכט פון גאָט. וואָרים נאָך תּחית-המתים וועט מען נישט חתונה האָבן. נאָר די אויפגעשטאַנענע וועלן זיך פאַרוואַנ-דלען אין מלאכים פון גאָט. צי האָט איר נישט געלערנט, וואָס גאָט זאָגט וועגן תּחית-המתים? איך בין דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. גאָט איז נישט קיין גאָט פון קיין טויטע, נאָר פון לעבעדיקע!

די תּנאים קוקן אויף אים מיט חידוש, טייל פון זיי דער-

קענען, ווי טיף דערדאַזיקער געווײנלעכער בירגער דרינגט אַרײַן אין גייסט פון דער תורה, אָבער זיי שווייגן. איצט פרייען זיך די פּרושים, וואָס זייער קעגנער איז אַזוי צעקלאַפּט געוואָרן. און צווישן ביידע פּאַרטייען קומט פאָר אַ מיטקאָנקורענץ: ווער פון זיי וועט ישוע ברענגען צו ירידה? די פּרושים שיקן דאַסמאָל אַרויס איינעם פון זייערע מענטשן, און ער פרעגט אים:

— רבי, וועלכע פון די צען געבאָטן איז די גרעסטע?

— הער אויס, ישראל, גאָט אונזער האַר, איז דער איינ-אונאיינציקער גאָט... זאָלסט ליב האָבן דעם האַר, דיין גאָט, מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה, מיט דיין גאַנצן כח. און דער צווייטער געבאָט איז אויך אַזוי גרויס ווי דער ערשטער: זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי דיך אַליין. קיין גרע-סערע מצווה ווי די, איז שוין נישטאָ.

דער צוהערער שטייט אַן איבערראַשטער און טיף אין האַרצן פילט ער, ווי דער אַלטער גלויבן און דער נייער אויס-טייטש, קומט זיך דאָ צונויף אין איינציקע צוויי זאַצן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרגעסט אין זיין אויפגאַבע און דערשטוינט זאָגט ער:

— רבי, באמת האָסטו גוט געזאָגט. — דאַן חזרט ער נאָכ-אַמאָל איבער דאָס, וואָס ער האָט געהערט און ער גיט צו: — דאָס איז מער ווי אַ קרבן-עולה און אַנדערע קרבנות!

און ווען ישו הערט דאָס מילדע קול, ענדערט ער זיין טאָן און ער זאָגט:

— דו ביסט נישט ווייט פון גאָטס קעניגרייך.

און אָט דערנענטערן זיך אויף אַ קורצע ווײַלע צוויי וועלטן.

און די פּרושים, דערהערנדיק, וואָס זייער פריינט דער-ציילט, שטעלן זיך די פראַגע, צי ס'איז שוין טאַקע אוממעגלעך צו פאַנגען אים? און ווען מ'זאָל אים אַזוי פּאַקן מיט זיין איי-גענער מילדקייט, מיט וועלכער ער נעמט אונטער זיין שוץ אַלע זינדיקע? און אָט האָבן זיי שוין אַן עצה: היינט גראָד איז אַן אשה געכאַפּט געוואָרן ביי נאוף און אַ האַלבע שטאָט רעדט

שוין וועגן דעם. מען דאַרף זי ברענגען פאַר דעם נביא; ווער ווייסט, אפשר וועט ער איר געבן גערעכט? און בעת זיי שיקן נאָך דער ערעסטירטער זינדערין און זיי זוכן ישו, זיצט ער מיט זיינע תלמידים אין אַ פרוזדור אויפן זאַמד, דאָרטן, פונוואַנען פערצן טרעפ פירן אַריין אינעווייניק אין בית-המקדש. אומצופרידן קוקט ער אויפן המון, וואָס לאָזט אים אויך דאָ נישט צורו, ווייל אַסאַך מענטשן פאַרזאַמלען זיך, בעת מען שלעפט די געפאַנגענע פרוי. ווער איז דידאָזיקע פרוי? — פרעגט זיין בליק און זיינע אויגן קוקן זיך צו אויפמערקזאַם צו איר.

— רבי, זאָגט דער, וואָס האָט זי געברענגט אַהער — דידאָזיקע פרוי האָט עובר געווען אויפן פאַרבאָט „לא תנאף”. אין תורת משה שטייט, אַז אַזאַ איינע קומט סקילה. און דו, וואָס זאָגסט?

ישו האָט מער געקוקט אויף דער פרוי, ווי אויף איר באַשולדיקער. דער לעצטער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיט קנאות אויסגעפירט אַ הייליקן חוב, זי האָט אויסגעזען טרויעריק און פאַרשעמט. צי זאָל ער זיי אָפּענטפערן, וואָס דאָס האַרץ הייסט אים? צי איז צווישן זיי כאָטש דאָ איינער, וואָס וועט אים פאַרשטיין? און ווען ער דערפילט זייערע בליקן אויף זיך, לאָזט ער אַראָפּ זיינע אויגן אויפן זאַמד און ער הויבט אָן שרייבן אויף אים מיט אַ פינגער. איצט קוקט איינער דעם אַנדערן אָן און זיי ווייסן נישט, וואָס קאָן דאָס באַדייטן, וואָס ער הייסט זיי וואַרטן און לסוף פרעגן זיי אים נאָכאַמאָל, וואָס ער מיינט וועגן דעם. דאַן הויבט ער אויף די אויגן און מחמת דעם וואָס ער קאָן נישט פאַרטיידיקן די זינדיקערין, אָבער דאָך האָט ער ליידנשאַפטלעך ליב די חרטה און האָט פיינט די באַרימערישע צניעות, וואָס פאַראורטיילן אַנדערע, דערפאַר ווענדעט ער זיך מיט אַ שטיל קול צו די הערצער פון די באַשולדיקער:

— ווער פון אייך עס איז אָן אַן עבירה, זאָל דער ערשטער וואַרפן אויף איר אַ שטיין!

דאַן בויגט ער זיך ווידער איין, ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַרשעמט, און ער הויבט ווידער אָן שרייבן אויפן זאַמד.

קיינמאָל האָבן זיינע ווערטער נאָך נישט געווירקט אַזוי טיף און שטאַרק, ווי דאָ.

אַסאַך זענען געקומען צו אים אין גליל, פילנדיק זיך צע־בראָכן און הרטהדיק אַדאַנק זיינע ווערטער; ס'זענען געקומען צו אים צאָל־מאָנער, וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער גאַטלאָזע מלאכה, ס'איז געקומען אַ זונה, און אויך מגדלנה האָט געווײנט, ווייל פון זיין הכנעה האָט זי זיך אויסגעלערנט אַ נייע ליבע, און נאָך היינט פאַרמיטאָג האָט איינער פון די פרושים אים גע־געבן געבן געעלעכט, זאָגנדיק, אַז ישו האָט אמת געזאָגט. אָבער אָט רירט זיין וואָרט דאָס שטילע האַרץ ביי אַסאַך פון די, וואָס האַלטנדיק זיך גאַוהדיק פון זייער צניעות, האָבן זיי געכאַפּט דידאַזיקע זינדערין, כדי זי אומצוברענגען. און איצט הערן זיי אויס זיינע ווערטער און יעדער פון זיי פילט עפּעס אין זיך אַ נישט אויסגעראַטענע זינד, קיינער פילט זיך נישט בכח אויפ־צוהויבן אויף איר דעם ערשטן ־שטיין. פּלוצלינג לאָזן זיי אָפּ די פרוי, זיי קערן זיך אָפּ, ווי איינער וואָלט זיך געוואָלט אויס־באַהאַלטן פאַרן אַנדערן, און דער נביא בלייבט איינער אַליין מיט דער זונה.

ער שטעלט זיך אויף, און שטעלנדיק זיך אַ פראַגע, פאַר־ענטפערט ער זי אַליין, ווייל ער מאַכט אַ זשעסט, וואָס באַ־צייכנט אַ ליידיקן האַלבן קרייז, כדי צו באַווייזן, ווי־ווייט אַלע זענען קלאָר געוואָרן אין זייערע חטאים און דערפאַר זענען זיי פאַרשווינדן.

— ווו זענען דיינע באַשולדיקער, אשה? — פרעגט ער די זינדערין.

— קיין איינער פון זיי האָט דיך נישט פאַראורטיילט?

און די פרוי ענטפערט אים אָפּ:

— קיין איינער, האַר!

און ער פאַרגעסט וועגן זיין שליחות, דער געדאַנק וועגן משיח לעשט זיך ביי אים אויס אויף אַ ווײלע און פילנדיק זיך ווי אַ מענטשנזון, גלייך מיט אַלע, גיט ער איר אַ צווײדייטיקן ענטפער:

— אויך איך פאַראורטייל דיך נישט. גיי זשע אַוועק און זינדיק נישט מער.

## ה

אפשר זענען דאָס געווען ספקות? צי האָט די ירושלימער היץ אַמאָל נישט אויסגעטריקנט די פאַנטאַזיע פונם דאָזיקן נביא? דריי טעג זענען שוין אַוועק און ס'איז נאָך גאָרנישט געשען, חוץ עטלעכע שטרייטן וועגן אַ וואָרט, וועגן מנהגים, ממש וועגן גאָרנישט! וווּ זענען די ניסים? וווּ איז דער קוואַל פון גלויבן, וועלכן ער האָט געוואָלט עפענען אין דעם טרוקענעם פעלז, ווי משה רבנו האָט אַמאָל געטון? די תּלמידים דערציילן, אַז אין די מענטשן וועקט זיך אַן אינטערעס, נאָר דער פסח ציט אָפּ ביי אַלע די אויפמערקזאַמקייט, און די פרעמדע, פאַרנומען מיט די אַן אַ שיר ניייעסן, האָבן שוין פאַרגעסן אַן זיין קאַמף מיט די הענדלער; און מחמת דעם, וואָס איז שוין מער גאָרנישט געשען, וואָס זאָל וועקן דעם גלויבן אָדער לפּחות די נייגעריקייט, בכן צערינט גיך דער פּחד, די האָפנונג, און מיט יעדן טאָג פאַרלירט זיין אָנשטרענגונג פון ווערט.

און ווען ער גייט צום פערטן מאָל אַריין אין בית-המקדש, באַשליסט ער זיך אַליין צו שטעלן אַ פראַגע, כּדי ער זאָל זיך איבערציייגן, אויב עס געפינט זיך עמעצער, חוץ זיינע תּלמידים, וואָס זאָלן גלויבן אין זיין שליחות. דאָס געפיל פון אומצופרידנקייט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דעמאָלט, בעת ער האָט אין דער הייל פונם אָפּגאָט פאַן אין פיליפּוס זיך געוואָנדן צו זיינע תּלמידים מיט אַ פראַגע, פאַר וועמען זיי נעמען אים אָן, — נעמט אים ווידער אַרום, אָבער דעמאָלט גרענעצט עס זיך שוין מיט אַ געפיל פון שרעק. און אַזוי אומרויק גייט ער אַריין אין דער עזרה, וווּ יעדן פרימאָרגן האָבן געוואַרט אויף אים די פּרושים, און אויפן פערטן טאָג פירט ער אַליין אַרויף דעם שמועס אויף משיח, אָבער אונטער אַ פאַרשטעלטער פאָרם, וואָדים ער האָט נישט צו טון מיט די ענטוזיאַסטישע תּלמידים פון

אונטער פּילפּולים, נאָר מיט די אַלטע פּרושים. דאַן הילט דער רבי איין זיין פּראַגע אין פאָרם פון אַ לערנשפּראַך פון די תּנ-אים, און ער מאַכט פון איר אַ מין פאַרטייטשונג:

— וואָס טראַכט איר וועגן אויסלייזער? וועמענס זון איז ער?

— דודס.

— טאָ וויאַזוי רופט אים דוד, אין באַגייסטערונג, האַר? ווארים ער זאָגט: „גאָט האָט געזאָגט צו מיין האַר: זעץ דיך אַוועק ביי מיין רעכטער האַנט, ביז איך וועל מאַכן דיינע שונ-אים פאַר אַ פוסבענקל אונטער דיינע פיס". און אויב דוד רופט אים האַר, טאָ וויאַזוי איז ער זיין זון?

די פּראַגע איז געבליבן הענגען אין דער לופט, קיינער ענטפערט נישט. אָבער ווער ס'איז קלוג צווישן עולם, און די-דאָזיקע אַלע פּרושים זענען דאָך קלוג, דער וועט פון דערדאָזי-קער פּראַגע לייכט טרעפן דעם געדאַנק פון דעם מענטשן, וואָס פילט אין זיך משיח, נאָר ער שטויסט זיך אָן אין זיין גליליייער אָפּשטאַמונג, וואָס איז ווייט פון דוד המלכס שטאַם. ער באַ-מיט זיך דאַן צו איגנאָרירן די אַלטע פאַרגעשריבענע אָנווייזונ-גען און ער וויל פאַרויס זיך אָפּפאַרטיקן מיט די מעגליכע אָפּענטפערס און אָפּלייקענונגען. און די פּרושים, איבערווינקנדיק זיך מיט די אויגן, טראַכטן וועגן דעם, אַז דאָס געפיל פון זיין אויסדער-ווייטלטקייט שטעקט אין אים אַזוי טיף, אַז ער דערלאָזט אַפילו נישט וועגן דעם קיין ספקות!

אָבער ער, נישט דערהאַלטנדיק קיין ענטפער און זעענדיק פאַר זיך די קלוגע אויגן פון די שווייגנדיקע פּרושים, האָט ער אויף זיין שטייגער געקוקט זיי אין די פּנימער און אַראָפּגעע-לייענט פון זיי אַלע פאַרבאָרגענע געדאַנקען. ער זעט, ווי די אויגן ביים עולם לעשן זיך אויס, ער ווייסט, אַז דער שטרייט פון פראַגן און ענטפערס, וואָס זענען געווענדעט צו אים אין אַזאַ אַטמאָספער פון שנאה, וועט אים אויסשעפן און פאַרמאַ-טערן. און ווי ער זוכט אַזוי אומזיסט אַן אויסוועג, דאַמאָלס שטרענגט ער אָן צום לעצטן מאָל אַלע זיינע כּחות און אין

דער רגע, בעת זיינע שונאים האָבן געוואָלט אויף אים אָנפאַלן פון אַלע זייטן, גייט ער אַליין איבער צום אָנגריף.

דאָס האָט געמוזט געשען אין אַזאַ מאָמענט און אויף אַזאַ אָרט אין בית־המקדש, ווו ס׳קלייבט זיך צוזאַמען אַ גרויסער עולם. דאָס איז געווען אין יענער מינוט, ווען ער איז ווידער אַרומגערינגלט געווען פון אַלע און בעת אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיינס אַ וואָרט, ווי עס פלעגט אָפטמאָל געשען ביי זיין היימאַטס־טייך. ער זאַמלט אין זיך כּח צו באַשולדיקונגען און קלייבט צונויף די מחשבות, וואָס זענען אים אָפט געקומען אין זכּרון, כּדי ער זאָל זיי אין זיינע דרשות קענען שליידערן קעגן אַנדערע. דאָ, אין בית־המקדש, מוז ער זאָגן דעם גאַנצן אמת דעם שטערבלעכן שונא פון זיין לעבן, דעם גאוהדיקן בירגער, ער מוז איינמאָל זיין דרייסט דערצו — און אויב זיי וועלן אים כאַפּן ביי אַ וואָרט, איז בעסער, איז טאַקע בעסער!

— אין משה רבינוס הויפּט־שטאָט האָבן זיך אוועקגעזעצט לומדים און פּרושים -- הויבט ער אָן רעדן, נישט טראַכטנדיק אַפילו איצט וועגן רופן צו אַ בונט קעגן זיי. — בכן אַלץ, וואָס זיי הייסן אייך אָפּהיטן, היט אָפּ און טוט. אָבער טוט נישט נאָך זייערע מעשים, וואָרים זיי זאָגן נאָר און טון נישט. זיי לייגן אויף אייך אַרויף די שווערע משא און אַליין ווילן זיי אַפילו מיט קיין איין פינגער זיך נישט צורירן! און די מצוות, וואָס זיי טוען, איז נאָר מיטן מיין, אַז מענטשן זאָלן זיי זעען: זיי טראָגן ברייטע תּפילין און גרויסע ציצית, זיי האָבן ליב דאָס ערשטע אָרט אויף אַ סעודה און צו שטיין אין בית־המדרש אויף דער מזרח־וואַנט, זיי ווילן מ׳זאָל זיך גריסן צו זיי אויפן מאַרק און רופן: „רבי!״... אָ, ווי צו אייך, צבועקעס, וואָס פאַרמאַכן גאָטס קעניגרייך פאַר אַנדערע מענטשן! אַליין גייט איר דאָרטן נישט אַריין, און די, וואָס ווילן אַריינגיין, לאָזט איר נישט!...

— איר זאָגט, אַז אויב עמעצער שווערט ביים בית־המקדש קומט אים גאָרנישט, נאָר ווען ער זאָל שווערן ביים גאָלד פון בית־המקדש, איז אַן עבירה. נאַראָנים און בלינדע! וואָס איז שטאַרקער: דאָס גאָלד, צי דאָס בית־המקדש, וואָס הייליקט דאָס

גאָלד ?... צבועקעס, איר גיט מעשר פון קימל און פון אַנדע־רע געוויקסן, אָבער איר הערט נישט דאָס גרעסטע געבאָט: גערעכ־טיקייט, רחמנות און גלויבן! דידאָזיקע זאַכן דאַרף מען טון, נאָר יענע נישט אַדורכלאָזן. דורך אייערע ציין לאָזט איר אַדורך אַ פליג און איר שלינגט אַראָפּ אַ קעמל... די טרעפּלעך און די שיסעלעך רייניקט איר אָפּ פון אויסנווייניק און אינעווייניק איז אַלץ פול מיט רויב און לוקסוס. רייניק דיך אויס צוערשט אינעווייניק, בלינדער פּרוש, כּדי דאָס, וואָס פונדערהייך זאָל אויך זיין ריין! איר זענט ענלעך צו שיין אָפּגעווייסטע קברים, וואָס זעען אויס אויבן שיין, אָבער אינעווייניק איז פול מיט ביינער און מיסט! פּאַר מענטשן מאַכט איר זיך פּאַר צדיקים, אָבער אין זיך זענט איר פול מיט צביעות און פאַרברעכן! איר בויט קברים פאַר די נביאים און איר זאָגט: ווען מיר וואָלטן געלעבט אין די צייטן פון אונזערע אבות, וואָלטן מיר נישט באַפלעקט אונזערע הענט מיט זייער בלוט... גאַנץ גוט! דער־פילט זשע איר דאָס מעסטל פון אייערע אבות! איר כיטרער שלאַנגען־מין! וויאַזוי וועט איר אויסמיידן פאַרמשפּט צו ווערן אין גהינום אַריין!

אַדורכגענומען מיט אַן אימה, הערן די מענטשן דעם אויפּ־געשטאַנענעם יוחנן! און ישו אַליין האָט זיך געמוזט חידושן, אַז אָט רעדט ער ביים סוף וועג, ביים שוועל פון וועלכן ס'איז אַמאָל געשטאַנען יוחנן, רופנדיק צו תשובה מיט אַ טאָן, וואָס איז אים לחלוטין פרעמד! ניין, מ'דאַרף נישט אַזוי רעדן! אַרויס פון בית־המקדש, ווו ער שטויסט זיך נאָר אָן אויף צביעותדיקער פרומקייט און נישט אויף קיין איין ערלעך פּנים! און בעת ער שטופּט זיך מיט זיינע תּלמידים דורכן עולם, כּדי אַרויסצוקריגן זיך אינדרויסן, זעט ער אויפן נאָענסטן הויף אַ המון מענטשן, וואָס וואַרפן אַריין געלט אין די פּושקעס. דרייצן פּושקעס זענען זיי געווען, כּדי די פרומע זאָלן קענען ברענגען קרבנות.

זיין בליק פאַלט אויף אַן אָרעמער אַלטיטשקע, וואָס וויקלט שווער פאַנאַנדער אַ טיכל מיט געלט און זי זוכט די עפענונג אין דער פּושקע. געשטופּט און געשטויסן דורך די

רייך-געקליידעטע, וואָס האָבן זיך צוגעווײַנט אין די יום-טוב-טעג אַרײַנצוּוואַרפן נדבות אין קעגנוואַרט פון אַלעמען, שטייט זי אַ שוואַכע און אָפּגעריסענע און זי באַמיט זיך מיט אירע ציטערנ-דיקע, אומגעלומפּערטע פינגער אַרײַנצוּוואַרפן אין דער עפענונג פון דער פּושקע צוויי קופּערנע מטבעות. דאַן ווענדעט זיך ישו צו זײַנע תּלמידים, וואָרים איצט האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען אין ירושלים די אמתע פרומקייט. ער איז טיף גערירט און ער זאָגט:

— איר זעט? יענע אָרעמע אלמנה, וואָס שטייט דאָרט בײַ דער פּושקע, האָט מנדב געווען מער ווי אַלע. וואָרים אַנ-דערע האָבן געשאָנקען דאָס, וואָס איז זיי שוין אָוועקגעפאַלן פון מויל, אָבער זי האָט פון איר אָרעמקייט געשאָנקען אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט.

# ו

זײַנע תּלמידים האָבן אים אויך דאָסמאָל נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן נישט באַמערקט די געפאַר, וואָס איז איבער אים געהאַנ-גען, נישט געפילט די ספקות, וואָס האָבן אים געפּײַניקט, בײַ האַלטן איז געוואָרן פאַר זיי די אַנטוישונג פון זײַנע לעצטע טעג. זיי האָבן געלעבט מיט האָפענונגען און פאַרלאַנגען, וואָס זיי וואָלטן נישט געקענט געגוי אויסדריקן, און ווען זיי האָבן זיך באַזונדער געוואָנדן צו אים אין ספּעציעלע ענינים, האָט עס זיך קיינמאָל נישט געהאַנדלט אין זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער נשמה. און אָט איז אין איינעם אַ טאָג געקומען צו אים שלומית, די מוטער פון יעקב און יוחנן, וואָס זענען געקומען באַלד נאָך איר, אַזוי, אַז ס'איז קענטיק געווען, אַז די זין האָבן געשיקט די מוטער פאָרויס. אַלע דריי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר אים און די מוטער האָט געזאָגט:

— רבי, לאָז מײַנע בײדע זין זיצן אין דײַן קעניגרײַך, איינעם בײַ דײַן רעכטער האַנט און דעם אַנדערן בײַ דער לינ-קער האַנט.

אָט וועגן אַזוינע זאַכן איז עס געגאַנגען זיינע אָנהענגער ? אין משך פון אַ יאָר צייט האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם רבין און זיי האָבן זיך פון אים גאָרנישט מער אויסגעלערנט, נאָר זענען געבליבן ביי זייערע עולם-הזהדיקע אַמביציעס, וואָס זיי וואָלטן געוואָלט אַריינפירן אין גאָטס קעניגרייך ? און ער האָט אָפגעענטפערט מיט צאָרן און שטאָלץ :

— איר ווייסט נישט, וואָס איר בעט. צו קענט איר טרינקען פון בעכער, פון וועלכן איך וועל טרינקען ?

און ווען זיי זענען מסכים, זאָגט ער העפלעך ווייטער :

— נישט צו מיר געהערט צו באַשטימען, ווער ס'זאָל זיצן ביי מיין רעכטער האַנט און ווער ביי מיין לינקער האַנט, נאָר צו מיין פאָטער אין הימל.

אַן אַנדערשט מאָל ווערט ישוס געדאַנקען-גאַנג געשטערט דורך אַ מחלוקת צווישן זיינע תלמידים. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַמפּערן צווישן זיך, ווער פון זיי ס'איז דער גרעסטער. אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, האָט דער רבי זיי געלערנט, אַז איינער דאַרף נישט איבערשטייגן דעם אַנדערן, וואָרים אין נייעם קעניגרייך וועט די פראַגע פון מאַכט, באַדייטונג און מדרגה זיין אַ גלייכגילטיקער ענין — און אָט וויאַקסט גאָר אויס אַ סכסוך וועגן אַן אָרט ? דאַן שטעלט ער זיך אַוועק צווישן זיינע תלמידים און ער רעדט צו זיי מיט פאַרביטערונג :

— די מלכים פון דער וועלט הערשן איבער זייערע אונטערטעניקע, און די וואָס זענען גרויס, ווייזן זיי אַרויס זייער מאַכט. אָבער צווישן אייך וועט נישט זיין אַזוי : אויב ס'זאָל עמעצער צווישן אייך וועלן זיין גרויס, דער זאָל זיין אייער דינער. וואָרים ווער איז גרעסער ? צי דער, וואָס זיצט, צי דער וואָס באַדינט ? אוודאי נישט דער, וואָס זיצט ? אָבער איך בין צווישן אייך, ווי דער, וואָס באַדינט.

און בעת די תלמידים האָבן צווישן זיך געפירט אַזעלכע כסוכים, און אפשר האָבן זיי זיך אויך געעצהט וועגן דעם, וואָס זייער רבי דאַרף טון, און וואָס ער דאַרף לאָזן געמאַך אין די

טעג, האָט איינער פון זיי געשוויגן און זיך בלויז צוגעהאָרכט. יהודה, ווי עס שיינט, האָט מער געטראַכט, איידער גערעדט.

דאָס איז געווען דער איינציקער מענטש צווישן די מאַנס-בילן און פרויען, וואָס האָט נישט געשטאַמט פון גליל. מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק האָט ער פאַרלאָזט דידאָזיקע געגנט, כדי לכתחילה נאָכצופאָלגן יוחנן, און שפּעטער דעם מאַן פון נצרת, וועמענס ווערטער און לערע איז אים בעסער געפעלן געוואָרן, איידער דער לערער גופא. ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט פאַרלאָזט זיין שטוב און אפשר זיין מלאכה, דאָס געלט און פאַרמעגן, ווייל פריער איז ער געווען אַ פּראַקטישער מענטש; דערפאַר טאַקע איז אים אָפּגעגעבן געוואָרן אונטער זיין אויפזיכט די בשותפותדיקע קאַסע. ער איינער פון צווישן אַלע תלמידים האָט געקענט די וועלט, איידער ער איז צוגעשטאַנען צום וועלט-פרעמדן און טרוימערישן נביא. ער האָט געקענט די מאַכט און ער האָט געקענט ירושלים. ער האָט געוווסט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט און פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט. אָבער יענע, מיט וועלכע ער איז צונויפגעפירט געוואָרן און וואָס זענען געוואָרן ויינע ברידער, זענען באַשטאַנען פון בלויז טרוימער און טרוי-מערינס, דערצויגן אין קליינע שטעטלעך און צווישן אָרעמע מענטשן; זיי זענען געווען טעמפּעראַמענטפולע, אומרויקע גליליייער, אָפּגעריסן פון די נעצן, כיש-קוישן און אַקער-אייזנס, בעת ס'האָט ויך דאָס ערשטע מאָל אויף יענער זייט טייך אָפּגערופן צו זיי יאָס מילדע קול פונם נוצרי.

נאָכפאָלגנדיק אומעטום זיין נייעם רבין, האָט יהודה מיט אייפערדיקער ליבע נישט איינמאָל געטראַכט וועגן דעם, וואָס נר אַליין וואָלט געטון אויף זיין אָרט און צי ישו טוט גוט. וואָס מער זיי האָבן זיך דערנענטערט צו זיין היימאַטס-אָרט, אַלץ מעכטיקער האָט זיך אָפּגערופן אין אים דער יוגנט-דראַנג, אַלץ גולטער איז אים געקומען אויפן געדאַנק דאָס בני-בית, אויך די זיבות, וואָס האָבן אים אַוועקגעריסן פון שטוב, און דעריבער האָט דאָס געפיל, וואָס האָט זיך אין אים געוועקט און וואָס איז געוואָרן וואָס אַמאָל מעכטיקער, אַרויסגערופן אין זיין האַרץ

ריזעלביקע אומרויקייט, וואָס האָט געפּייניקט זיין רבין. אָבער וואָס קומט פאַר? וואָס האָט אונטערגענומען זיין רבי, כּדי צו־ליבן ציל פון זיינע ג״רויסע שטרעבונגען צו פאַרזיכערן זיך מאַכט? צי גלייבט ער באמת, אַז גאָט וועט אויסשטרעקן זיין האַנט פון הימל, כּדי אין וועלט־געטומל צו מאַכן אַ וועג פאַר זיין זון? אין דערוואַרטונג האָט דערדאָזיקער תּלמיד געליטן וואָסאַמאָל מער, צוזאַמען מיט די אַנדערע איז ער געשטאַנען אין בית־המקדש, אויסגעהערט די משלים, באַשולדיקונגען און ענטפערס, אָבער ס׳האָט זיך נאָך גאָרנישט אַ ריר געטון פון יענעם טאָג אָן, זינט דער רבי האָט מיט אַ מעכטיקע האַנט אָפּגעשלאָגן זיין קעגנער. קיין צווייטן טריט האָט דער רבי נישט געמאַכט, צוליב וואָס זיין גלאַנץ איז פאַרטונקלט געוואָרן.

גלייכצייטיק זענען יהודהס אַלטע פריינט און זיין משפחה צוגעשטאַנען צו אים און אויסגעפרעגט: — ער איז דאָס דיין רבי? — וואָס הייסט? ער, יהודה, האָט פאַרלאָזט זיין געזעל־שאַפטלעכע שטעלונג, פאַרמעגן און אַלץ, כּדי נאָכצופאָלגן אַ שוואַכן טרוימער, וואָס טראַכט צומאָל נישט וועגן אַ דרייסטן טאָט? חוצדעם האָט יהודה אין אַ צייט אַרום ווידער דערזען די מאַכט פון די כּהנים, די שיינקייט פון זייערע מלבושים, די קראַפט פון זייערע אַרויסטרעטונגען, ער האָט געזען ווי פרעמ־דע האָבן זיי באַוווּנדערט. און דער, פאַר וועמען ער האָט אַלץ געפּטרט, איז געווען אַ שטילער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט אויף אַן אָרעם אייזל און מער גאָרנישט.

מיט שטייגנדיקע ספקות, הערט זיך דאָן יהודה צו צו די ווערטער פונם רבין, וואָרים זיין גוטער ווילן וויל גערעכטיק משפּטן, און נישט בלינד פאַראורטיילן. וואָס מער דער רבי ווערט טריבער, אַלץ אומרויקער ווערט דער תּלמיד, ווייל עס דאַכט זיך אים, אַז אַט לויפן שוין אַוועק די לעצטע שעהן פון אַ געלעגנהייט צו מעשים. וואָ־רים פאַר זיין אויסגעפרוווטן פאַרשטאַנד איז קלאָרער, איידער פאַר אַנדערע, אַז אונטער זייערע רוקנס הייבט זיך שוין אויף די האַנט פונם געזעץ, כּדי אומצוברענגען דעם טרוימער, וואָס שטערט די

רו. ער דערפילט דער ערשטער, אַז די דרשות, מיט וועלכע דער אומרויקער רבי שרעקט גיכער איבער זיינע תּלמידים, איידער ער לערנט זיי, קומען פונם פאַרגעפּיל פון טויט.

אָבער עס זעט אויס, ווי אַט וואָלט ישו ווידער באַקומען די מאַכט איבער זיך, מיט דער גאַנצער קראַפט פון גלויבן ווערט ער ווידער פאַר זיינע תּלמידים דער משיח, ווייל פון צווישן קאַטאַסטראָפעס, הונגער און ערד-ציטערנישן, וואָס ער זאָגט פאָרויס, וועט ער איינער נאָר ראַטעווען. דעם פינפטן אָוונט נאָכן זיין אין ירושלים, פאַרברענגט ער אין בית-עניה צוזאַמען מיט זיינע תּלמידים און ביי דער מאַלצייט, אין קרייז פון זיינע פאַרטרויליכע, האָט ער געזאָגט:

— און אַט אין יענע טעג... וועלן זיי דערזען דעם מענטשנזון, וואָס וועט קומען אין די וואָלקנס מיט גרויס מאַכט און ליבּ, און ער וועט אַרויסשיקן זיינע מלאכים מיט אַ גרויס קול פון אַ שופר, און זיי וועלן צונויפזאַמלען זיינע אויסדערוויילטע פון די פיר ווינטן, פון איין עק הימל ביז צום אַנדערן. דער דור וועט נישט אונטערגיין, ביז דאָס אַלץ וועט געשען. דער הימל און די ערד וועלן אָפּגעמעקט ווערן, אָבער מיינע רייד וועלן בלייבן אייביק... און ווען ס'וועט קומען דער מענטשנזון און צוזאַמען מיט אים אַלע מלאכים, דאַן וועט ער זיך אַוועקזעצן אויפן כּסא-הכּבוד און עס וועלן זיך פאַרזאַמלען פאַר אים אַלע פעלקער, אָבער ער וועט אָפּטיילן איינס פון אַנדערן, ווי אַ פּאַסטוך טיילט אָפּ די שאָף פון די בעק, און די שאָף וועט ער אַוועקשטעלן ביי זיין רעכטער האַנט, און די בעק ביי דער לינקער. דאַן וועט דער קעניג זאָגן צו די, וואָס שטייען ביי זיין רעכטער האַנט: קומט, איר געבענטשטע פון מיין פאָטער, ירשנט דאָס קעניגרייך, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר אייך פון ששת ימי בראשית. איך בין געווען הונגעריק און איר האָט מיר געגעבן עסן, איך בין געווען דורשטיק און איר האָט מיר געגעבן צו טרינקען... וואָס איר האָט געטון פאַר איינעם פון די קלענסטע פון דידאָזיקע ברידער, האָט איר פאַר מיר געטון.

אַזוי באַשענקט ער מיט אייביקן גליק, און באַלד דערנאָך

אויף אייביקער פּאַרטיליקונג, משפּטנדיק די, וואָס האָבן גוט געטון און די וואָס האָבן שלעכט געטון. ער שטעלט זיך פאָר אַלס ריכטער פון הימל, פייערלעכער ווי ווען ס'איז. ער נעמט זיך אָן מיט מוט אָנצוזאָגן, אַז דידאַזיקע, וואָס זענען פאַרזאַמלט אַרום אים, וועלן מיט זייערע אויגן זען אים קומען אין די וואָלקנס. מחמת דעם, וואָס ירושלים הערט אים נישט, לעבט ער איבער אין קליינעם קרייז פון זיינע איבערגעגעבענע די גע- דאַנקען פון יענער זייט קסריה-פיליפּוס. און די אַלע, וואָס רינגלען אים אַרום קוקן אויף אים און גלויבן. נאָר דער פּראַק- טישער יהודה ווונדערט זיך, וואָס דערזעלביקער מענטש, וואָס צווישן מענטשן וואַקלט ער זיך און ציט זיך תּמיד צוריק, רימט זיך דאָ, אין ענגן קרייז, מיט אַזאַ מאַכט און פּראַכט. און יהודהס ספקות וואַקסן.

אין דער רגע דערנענטערט זיך צו די הערנדיקע און שווייגנדיקע מיש-חברים אַ פרוי, וואָס האָט מיט אַ צייט צוריק געזען דעם רבין צום ערשטן מאָל. זי איז שיין, ווי אַמאָל מאַג- דאַלענאַ, אָבער זי איז וויניקער מיט הכנעה: ווי אַ סטאַטוע גייט זי צו צו ישוּן. אין איר האַנט האַלט זי אַן אַלבאַסטער-פלאַש, זי הויבט איר אויף איבערן קאָפּ פון רבין, צעברעכט דאָס העלזל פון דער פלאַש און דעם גאַנצן קאָסטבאַרן זאַלב, וואָס מ'האָט נאָר טראָפנווייז באַנוצט, האָט זי אים געגאָסן אויף זיין קאָפּ, כדי איינצושמירן די האָר פון דעם, וואָס האָט איר באַשאָנקען מיט גלויבן. אַלע קוקן דערשטוינט און שווייגן. אָבער יהודה, וואָס איז פול געוועזן מיט אַסאַך אַנטוישונגען, קאָן זיך נישט איינהאַלטן און ער וואַרפט פאָר דעם רבין, פאַרוואָס ער דערלאָזט צו אַזאַ פאַרשווענדערישקייט.

— פאַרוואָס — זאָגט ער — האָט מען בעסער נישט פאַר- קויפט דעם זאַלב און דאָס אָפּגענומענע געלט צעטיילט פאַר אָרעמע?

דאָס האָט נאָך מיט ישוּן קיינמאָל נישט פּאַסירט. מיט ברייט צעעפנטע אויגן קוקט ער לאַנג אויף דעם, וואָס האָט אויפגעהויבן זיין שטים קעגן אים. צי איז דאָס שוין אַן אָנהויב

פון בונט אין זיין אייגענעם קרייז? צי זענען דאָס ווערטער פון אַ טעמפּעראַמענטפולן און קאַרגן מענטשן, וואָס וויל ליבערשט היטן די קאַסע, איידער דאָס זאַלבן די האָר פון רבין? מיט אַ שטיל קול שטראָפט ער אים און ער זאָגט:

— לאָזט צורו דער פרוי און טוט איר נישט קיין עוולה. אַ גוטן טאַט האָט זי געטון לגבי מיר. די אָרעמע האָט איר תמיד ביי זיך און קאָנט זיי צו יעדער צייט גוטס טון, און מיך וועט איר נישט אַלעמאָל האָבן. זי האָט געזאַלבט מיין גוף צו דער קבורה.

און דערשיטערט פון זיינע אייגענע ווערטער ווערט ער אַנטשוויגן, און ווי נאָכמער צו פאַרגרעסערן דעם ווערט פון דער פרעמדער פרויס טאַט, זאָגט ער מיט אַ טאָן פון די אַלטע נביאים:

— אומעטום, וווּ דידאָזיקע עוואַנגעליע וועט נאָר געפּריידיקט ווערן, וועט אויף דער גאַנצער וועלט צום אָנדענק אויך דערציילט ווערן דאָס, וואָס זי האָט געטון פאַר מיר.

## ז

יהודה איז געוואָרן זייער אויפגערעגט און פאַרביטערט. ער אַליין איז דאָך צוליב די אָרעמע בייגעקומען זיין נייגונג צו זאַמלען געלט און זיין גאַנץ פאַרמעגן האָט ער אָפּגעגעבן אויף צו דערגרייכן די גייסטיקע וועלט. און צוליב וואָס? עס דערפילט אַ פוסטקייט, ער דערפילט זיך אין אַ געוויסן זין אָפּגענאַרט דערפון, וואָס ס'איז אויף אָפּגעבן כבוד מיט בשמים אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַ גרעסערע סומע געלט. די ספקות האָבן אים אַלץ מער געפּרעסן און גאַנץ מעגלעך, אַז די אַלץ וואַקסנדע אומטעטיקייט פון זיין רבין האָבן אים דערמאָנט אין די דראַסטישע ווערטער פון משה רבינו:

— אויב אַ נביא רעדט אין נאָמען פון גאָט, און עס ווערט גאָרנישט מקוים פון דעם, וואָס ער האָט גערעדט, דאַן זאָלסטו

וויסן, אַז ער האָט גערעדט בלויז מיט זיין חוצפּה און מער זעלסטו פאַר אים נישט האָבן קיין מורא!

די וואָרנונגען און דאָס אָפּחוזקן פון זיינע קרובים, וואָס האָבן אין די לעצטע טעג אַזוי אָפט געקלונגען אין יהודהס אויערן, האָבן איצט אָנגעטראָפן אויף אַ פעסטערן באָדן; ער האָט זיך אויפגעהערט ווערן פאַר די זכרונות, איינדריקן און געוווינהייטן פון זיין יוגנט, און בעת ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער פאַסיווקייט פון רבין, האָט ער באַשלאָסן אַליין צו ווערן אַקטיוו. ווען ער זאָל אַזוי ברענגען אין באַוועגונג די אומדערטרעגלעך שטיקנדיקע אַטמאָספערע פון דערוואַרטונג?

אָפּקערן זיך און פאַרלאָזן דעם רבין? דאָס וואָלט געווען צו ווייניק און עס וואָלט געווען צו פיל. ער וועט בעסער צווינגען דעם רבין און זיינע קעגנער צו אַן אַנטשלאָסענעם טאָט. אין אַ העכערן דראַנג, אין זיין נביאישן פּאַטאָס, האָט ער געזוכט אַ פּאַטעטישע אויסטייטשונג פאַר דער פערזענלעכער נקמה פון אַן אַנטוישטן מענטשן און דאַן האָט אין זיין קאָפּ אויפגעבליצט אַ נייער געדאַנק. ערשט אין די טעג האָט דער רבי אַליין אין אַלץ פאַרשידענע נוסחאות אָנגעזאָגט זיין פּיין, ווי אַן אַריינפירוועג צו רום און גרויסקייט; יאָ, ער האָט אַפילו גערעדט וועגן זיין טויט, וואָס וועט אים אויפהייבן און אין הימל אַריין ברענגען. אויב ער איז באמת משיח, און ער וויל דאָסדאָזיקע נישט באַווייזן מיט מעשים, קאָן ער נאָר דאָס איבערצייגן די מענטשן מיט ליידן. און ווען ישוס שונאים זאָלן זיך נישט באַגנוגענען בלויז מיט באַראַטונגען, חוזק און באַשולדיקונגען, נאָר זיי זאָלן אים אָן שום צערעמאָניעס פאַנגען, דעמאָלט ערשט וואָלט פאַר דער גאַנצער וועלט געמוזט אויפלויכטן דער אמת. וואָס וואָלט זיך באַוויזן פאַר די אויגן פון אַלעמען!

וועד עס וועט ברענגען דעם רבין צו פּיין, דער, און נאָר דער, וועט עפענען פאַר אים דעם וועג צו רום און הערלעכקייט! ווער ווייסט, צי ישו האָט אין זיין זעלבסטאָפּפערונג נישט אָפּגעוואַרט הילף פון אַ האַנט, וואָס וועט אים שטויסן צום סוף, און דערמיט אַליין שוין — צו דער התחלה. אויב גאָט וועט באַווייזן

אַ נס און לסוף לאָזן זײַן זון מנצח זײַן, װעט דער שײנבאַרער פּאַראַט פֿון זײַן תּלמיד זײַן צװײפֿאַך באַרעכטיקט, װאָרים דאָן װעט דער רבי סײ פֿאַר זיך און סײ פֿאַר זײַנע תּלמידים באַװײַזן זײַן געטלעכן כּח און אַלע ספֿקות װעלן צערינען.

מיט אַזעלכע מחשבֿות, מיט װעלכע ער האָט זיך באַמיט צו פֿאַרשטעלן זײַן אײגענע שװאַכקײט און אױך דעם כּעס אױף זיך אַלײן פֿאַר דעם אַמאָליקן גלױבן אין ישו, און נאָך מער פֿאַר זײַן הײַנטיקן אומגלױבן, — איז יהודה אַװעקגעגאַנגען אין אײנעם פֿון די כּהנימס הײַזער, װאָס איז אים געװען גוט באַקאַנט נאָך פֿון די אַמאָליקע צײַטן.

די טיר איז אונטער אים גיך און פֿעסט פֿאַרמאַכט געװאָרן און מ'האָט געהאָרכט, װאָרים דאָרטן איז גראָד פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג פֿון העכסטן ראַט. מ'האָט באַדאַרפֿט באַשליסן, װאָס צו טון, װײַל ס'איז נױטיק געװען זיך צוצואײַלן. אױב דערדאָזיקער נוצרי װעט איבערמאָרגן, אין סאַמע יום-טובֿ פּסח, אָנהײבן פֿרײַדיקן פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק זײַנע העצערישע דרשות קעגן די, װאָס האָבן זיך באַזעצט אין דער רעזידענץ פֿון משה-רבנו, װעט די געפֿאַר זײַן גרױס. דערפֿאַר דאַרף מען בײַ אים אַװעקנעמען דידאָזיקע מעגלעכקײט און אים פֿאַרמאַכן דעם װעג אין בית-המקדש אַרײַן. מען דאַרף זיך באַמיען, אַז מען זאָל אים פֿאַנגען װײַט פֿון שטאָט און פֿון פֿאָלק, אפֿשר גאָר בײַנאַכט און גיך, מיט דער הילף פֿון עטלעכע עדות, אים אומברענגען. אונטער דער װירקונג פֿון יום-טובֿדיקן גערודער װעט אַלץ פֿאַרגעסן װערן.

די פֿאַרטרױטע האָבן געװוּסט װעגן דעם אַלעמען. אָבער זײ האָבן אױך געװוּסט, אַז עס ליגט אין דעם אַביסל געפֿאַר, אַז מ'זאָל אַזױ אָן אַ פֿאַרװאָס אַרױסשיקן קײן בית-עניה באַװאָפֿנטע און זײ זאָלן אָנפֿאַלן אױף אַ שטיל, רויק הױז און דערבײַ װאָלט מען נישט װילנדיק אױך געמוזט פֿאַנגען אַסאַך אַנדערע מענטשן. אָבער איצט, װען אָט עס שטרעקט אױס אײנער פֿון זײַנע תּלמידים די האַנט צו הילף, קאָן מען מיט דעם אַלעמען אַ סוף מאַכן נאָך הײַנט בײַנאַכט. דאַכט זיך, אַז מ'האָט

באַפוילן יהודהן, אַז ער זאָל אויפמערקזאַם אכטונג געבן אויף זיין רבין און פון אים קיין אויג נישט אַראָפּלאָזן.

אָבער דער רבי האָט געהייסן צוגרייטן אין שטאָט, אויף דער נאַכט פון פייערלעכן דאָנערשטיק, אַ קרבן-פסח. הגם ער האָט נישט איינמאָל גערעדט קעגן קרבנות, איז ער דאָך טריי געבליבן דעמדאָזיקן מנהג, דער עיקר צוליבן געדאַנק, אַז צום ערשטן מאָל, און זיכער, אַז אויך צום לעצטן מאָל, וועט ער עסן אַ קרבן-פסח אין ירושלים. די וואַנדערער האָבן דאָ באַקומען אַ שטוב, חוצדעם קישנס און צודעקן, פלייש און וויין האָבן מיטגעבראַנגט מיט זיך די געסט, אויך האָט מען צוגעגרייט מצות, געדיכטע חרוסת און מרור. דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט דערמאַנען די צייטן פון דער קנעכטשאַפט אין מצרים. די תּלמידים האָבן לסוף אַריינגעפירט דאָס שעפּסעלע אין בית-המקדש אַריין, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע האָבן זיי געוואַרט אויף דער ברכה, און צוזאַמען מיטן המון זענען זיי לסוף אָנגעקומען צו די כהנים-שוחטים, ווו צווישן בלוט און אינגעווייד, ביי די קולות פון די שופרות און געיאָמערײ פון די שאָף, האָבן זיי פולשטענדיק רויק געזונגען קאַפּיטלעך תּהילים.

און ביינאַכט, ווען ישו איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, האָט ער שוין געטראָפן אַ צוגעגרייטע שטוב אויף אַן אָוונט-סעודה; פיר גרויסע קישנס איבערגעדעקט מיט טיכער, זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ האַלבן קרייז, און אויף יעדן פון זיי האָט זיך געקאָנט אָנלענען דריי מענטשן. ערטער זענען געווען גענוג, וואָרים אין דעמדאָזיקן אָוונט זענען די תּלמידים געווען אַליין, אָן פרויען. אינמיטן איז געווען ליידיק אַן אָרט פאַרן רבין און אונטער אים און ביי זיין ברוסט האָבן זיך געקאָנט אָנלענען צוויי תּלמידים: ער האָט אויסגעקליבן שמעונען און יוחנן. ווי אַ גוטער הויז-פאָטער האָט ער אָפּגעהיטן אַלע אַמאָליקע מנהגים.

אָבער יעדן איינעם גיט ער אַ צייכן, אַז תּיכף וועט זיך אַלץ ענדיקן. בעת זיי זעצן זיך אַוועק צו דער יום-טוב-סעודה, זאָגט ער:

— איך האָב זייער געוואָלט עסן מיט אייך דעמדאָזיקן קרבן־פּסח, איידער איך הויב אָן ליידן. וואָרים איך זאָג אייך, אַז איך וועל אים שוין מער נישט עסן, ביז אַלץ וועט אויסגעפּילט ווערן אין גאָטס קעניגרייך. — דאַן דערלאַנגען זיי אים רויטן וויין, ער מישט אים אויס מיט וואַסער און ער מאַכט אַ ברכה איבער דעם ערשטן כּוס: — „ברוך אַתּה ה׳ אלהינו מלך העולם בורא פּרי הגפן!" — און אַלע הייסט ער אַ זופּ טון פון כּוס. דאַן זאָגט ער: — נעמט דעם וויין און טיילט זיך מיט אים, ווייל איך וועל שוין נישט טרינקען מער קיין וויין, ביז עס וועט קומען גאָטס קעניגרייך.

ערשט איצט טראָגט מען אַריין אַ טיש, וואָס איז אַזוי נידריק, אַז מ׳קאָן עסן ליגנדיק לעבן אים. צוערשט עסט מען דעם מרור, דערנאָך די חרוסת, און איבער אַלעמען מאַכט מען אַ ברכה. דאַן טראָגט מען אַרויס דעם טיש, כּדי צו טרינקען דעם צווייטן כּוס וויין, וואָס איז צוגעמישט מיט וואַסער. ווידער טרינקט מען וויין און אַלע זינגען. דאַן ברענגט מען ווידער אַריין דעם טיש, אויף אים ליגן צוויי גרויסע קיילעכדיקע מצות: דער רבי צעברעכט איינע אויף שטיקלעך, ער לייגט אַרויף איין שטיקל אויפן אַנדערן און ער מאַכט אַ ברכה:

— ברוך אַתּה ה׳ אלהינו מלך העולם המוציא לחם מן הארץ!

דאַן לייגט ער אַריין אין די שטיקלעך דעם מרור, טונקט איין אין חרוסת, עסט, זאָגט ווידער תּפילות און ערשט איצט קומט די ריי אויפן שעפּסעלע. לויטן מנהג פון מזרח עסן זיי אַלע צוזאַמען גלייך פון דער שיסל, און זיי הייבן אָן עסן.

אַז מ׳זאָל זיך אַזוי צוקוקן פונדערווייטנס, קאָן מען אַ ווײַלע טראַכטן, אַז אָט זיצן זיך דאָ מענטשן פריילעכע און וואָס האָבן ליב דאָס לעבן, וואָס שעצן גאָטס גאָב און עסן מיט דאַנקבאַר־קייט, וואָס גאָט גיט זיי. ישו עסט צוזאַמען מיט זיינע תּלמידים, אָבער זיין גייסט איז אַזוי ווייט פון זיי, ווי קיינמאָל נאָך נישט ביז איצט. אָט פילט ער ווי זיין קאַמף איז פאַרשפּילט, פאַר־לוירן גייט זיין שליחות, ער אַליין פילט זיך ווי פאַרלוירן צווישן זיינע

פריינט. צי זענען דאָס זיינע פריינט? וועמען קאָן מען נאָך אָנטרויען? צי איז נאָך דאָ צווישן זיי כאָטש נאָך איינער, וואָס וועט אים פאַרשטיין? צי דידאַזיקע צוועלף וואָלטן אויפגעהויבן זייערע נישט קעמפנדיקע הענט, בעת מ'זאָל אים דאַרפן פאַר־טיידיקן? צי דידאַזיקע מענטשן וואָלטן געוועזן אויף זיין זייט, כאָטש מיט אַ וואָרט אָדער געשריי? זיי זענען שוואַך, ווי תּמיד, און דידאַזיקע שטאַרקע שטאָט האָט אין משך פון זעקס טעג זיי אָלעמען באַרוישט. דער רויקער באָדן פון זייער גלויבן האָט זיך אַ וואַקל געטון, בעת זייערע פיס האָבן אָנגערירט די שטיינערנע גאַסן פון דערדאָזיקער שטאָט. קיין איינער פון זיי איז נישט דערוואַקסן צו דער נויטווענדיקייט פון פירן דעם קאַמף, וואָס דער רבי אַליין האָט פאַרנאַכלעסיקט און אויפגעגעבן. ירושלים!

צי האָט ער אַלע אין זינען, בעת ער גיט זיך אונטער די אַלע ספקות? צי קוקט ער אויף אַלע הענט, וואָס זענען אויס־געשטרעקט צו דער שיסל? צי טראָגט זיך איבער זיין פאַרשנ־דיקער בליק בלויז אויף יהודהס אָפּגעדעקטער האַנט ביז צו זיין נאַקעטן פּנים, וועמען דער באַהאַלטענער קאַמף האָט בלינד געמאַכט און די פינגער ציטערן ביי אים לייכט? מ'ווייסט נאָר דאָס, אַז פּלוצלינג האָט דער רבי צוריקגעצויגן די האַנט פון דער שיסל, און אין דער שטילקייט זענען געפאַלן זיינע ווערטער:

— איינער פון אייך, וואָס עסט מיט מיר, וועט מיך פאַרראַטן!

ביי דידאַזיקע ווערטער האָבן אַלע מיט שרעק אַ ציטער געטון. אַלעמענס הענט ציען זיך צוריק פון דער שיסל, די תּלמידים קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן, זיי קוקן אויפן רבי און קוקן זיך איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. וואָס איז געשען? צי אין דעם פּאַראַגראַף פון דער נאָענטער קאַטאַסטראָפע זעט ער, אַז קיינער פון זיינע תּלמידים וועט נישט בלייבן לעבן אים, אַז אינדעראמתן וועט אים יעדער איינער פון די צוועלף פאַרראַטן? צי ווייסט ער, אַז ביי זיין רוקן איז אָנגע־לענט איין תּלמיד, וואָס וועט זיך נאָך היינטיקע נאַכט פון אים

אָפּזאָגן, וואָס דאָס איז שווי בגידה? צי אפשר האָבן זיינע קלוגע מענטשלעכע אויגן דערקענט אין דעם שווייגנדיקן און אויפמערקזאַם צוקוקנדיקן זיך יהודה אַ באַהאַלטענעם שונא?

נאָר יהודה ווייסט, וועגן וועמען דער רבי טראַכט. ישוס ווערטער האָבן אים געטראָפן ווי אַ פייל אין האַרצן! ווען ישו זאָל אַזוי אין דערדאַזיקער רגע זיך אויפשטעלן און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף יהודהן, זאָגן: דאָס איז ער, יהודה, וואָס וויל מיך פאַרראַטן — וואָלט ער מחזיר למוטב געווען אַזאַ זינדיקן, וועלכן ער האָט נאָך קיינמאָל נישט מחזיר לתשובה געווען און ער וואָלט געהאַט פון אים מער פרייד, איידער פון אַלע עלף צדיקים, וואָס וועלן אים לסוף סיי־ווי אַלע פאַרלאָזן! דאָס איז געווען אַ מינוט, אין וועלכער דער צווייפלנדיקער, אַנטוישטער יהודה האָט אָפּגעוואַרט די אַנטפּלעקונג פון דער קעניגלעכער מאַכט אין גאָטס זון, כדי ער זאָל, ווי דורך אַ דונער געטראָפן, פאַלן צו זיינע פיס און פאַרהערלעכן דעם, אין וועלכן ער האָט געצווייפלט. צי האָט דער רבי געזען, ווי בלייך ס'איז געוואָרן דער תלמיד, וועמען ער האָט געטראָפן מיט זיינע ווערטער? צי האָט קיינער נישט באַמערקט, ווי ס'האָט געציטערט זיין האַנט איבער דער שיסל און ווי יהודהס פנים האָט זיך באַהאַלטן פאַר דער ליכט פונם לאָמפּ?

— בין איך עס? זאָל איך עס זיין? — פרעגן די תלמידים איינער נאָכן אַנדערן, אַרוסווייזנדיק, גלייך ווי קינדער, זייער אמת־טרייען גלויבן אין רבין און צוטרוי צו זיין פריידיקן. אויך יהודה חזרט איבער די דערמאָנטע פראַגע, וואַרטנדיק נאָך אַלץ אויף דעם בליץ, וואָס דאַרף קומען פון רבינס אויגן. אָבער ישו זאָגט נאָר

— איינער פון די צוועלף, וואָס טונקט איין צוזאַמען מיט מיר זיין האַנט אין דער שיסל, וועט מיך פאַרראַטן. דער מענטשנזון גייט, ווי עס שטייט געשריבן וועגן אים. אָבער וויי איז דעם, צוליב וועמען דער מענטשנזון וועט ווערן פאַרראַטן. עס וואָלט פאַר אים בעסער געווען, ווען ער זאָל אינגאַנצן נישט געווען געבוירן געוואָרן!

— דאָס איז אַלץ? — טראַכט יהודה און זיין אָנגעשטרענג־טער צושטאַנד ווערט פאַרשווינדן. הייסט עס, אַז גאָרנישט מער, נאָר אַ באַגער צו שטאַרבן? נישטאָ צומאָל אַזויפיל שטאַרקער ווילן, אַז ער זאָל אין קעגנוואַרט פון אַלעמען אויפהייבן די הענט און אָנווייזן אויף אים? און ער דאַרף דאָס זיין אַ נביא, מיט וועמען מ'האָט צונויפגעבונדן אַזעלכע גרויסע האָפנונגען? ער דערקענט צומאָל נישט דעם, וואָס וועט אים פאַרראַטן, און אויב ער דערקענט אים יאָ, וויל ער, הייסט עס נישט קעמפן? נאָר דער טויט קאָן אויפלייזן דאָסדאָזיקע רעטעניש.

אין אַ שווערער שטימונג, ביי שמועסן, וואָס האָבן זיך געצויגן שווער, דערגייט די סעודה צום סוף. די ווערטער וועגן פאַררעטער, האָבן, זעט אויס, נאָר געדאַרפט לייגן די חתימה אויפן מוראדיקן סוף, וואָרים אין היינטיקן אָוונט האָט דער רבי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. און ער אַליין, וואָס האָט שוין פון זיך רעזיגנירט, האָט געפילט אַז ער דאַרף דאָ, צווישן זיינע תלמידים, זיך אויפלייזן און אַוועק.

צי איז אַ ווירקלעכקייט דאָס, וואָס דידאָזיקע פישער און ערד־אַרבעטער, ווי שטילע קינדער אָן פלאַם און אָן דויערהאַפטי־קייט, זענען געקומען צו אים פון יענער זייט טייך אין דער הייליקער שטאָט און אָט זענען זיי ווי די איינציקע פריינט זיינע געזעסן מיט אים אין אַ נישט גרויסער שטוב, פונקט ווי זיי זענען געזעסן אין זייער היימאַט, — בעת אין דרויסן הערשט אַ יום־טובדיקע אויפלעבונג, טויזנטער הערצער קלאַפן מיט אַ כח פון גלויבן, אָבער קיינער איז נישט געקומען, כדי צו עפענען עטוואָס די קליינע טיר, פרעגן אויפן נביא און פאַרהערלעכן אים דערפאַר, וואָס ער איז דאָ אַהערגעקומען, כדי איינצונעמען ירושלים! דאַן נעמט אים כמעט ארום אַ פיזישער פאַרלאַנג, אַז ער זאָל אַליין ווערן צעשווימען, זיך אויפלייזן מיט זיין שליחות אין קרייז פון זיינע ערשטע און גלייכצייטיק פון זיינע לעצטע תלמידים.

און בעת ער האָט ביי דער סוף סעודה נאָכאַמאָל אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער מצה און זי צעבראָכן, האָט זיך אים

געדאַכט, ווי ער וואָלט צעבראָכן זיין דורכגעלעבט לעבן. און בעת ער האָט דערלאַנגט די מצה זיינע חברים מיט מער פאַרמאַטער-טע הענט, ווי פריער, בעת ער האָט זיי דערלאַנגט די ערשטע מצה, האָט ער געזאָגט שטיל אויפן קול:

— נעמט און עסט: דאָס איז מיין לייב.

נאָך דעם האָט ער געהייסן אָנגיסן דעם לעצטן כוס, און ווען ער האָט דערזען אין בעכער די ציטערנדיקע רויטקייט פון וויין, האָט ער קוקנדיק אין כוס ווייטער געשפינט זיין געדאַנק:

— דאָס איז מיין בלוט פונם נייעם טעסטאַמענט, וואָס פאַר-גיסט זיך פאַר אַסאַך מענטשן. פון איצט אָן וועל איך נישט מער טרינקען פון דעם וויין, ביז צו יענעם טאָג, ווען איך וועל אים טרינקען אויפסניי צוזאַמען מיט אייך אין גאָטס קעניגרייך.

דאַן האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ער האָט געבענטשט און איז ארויסגעגאַנגען און די תלמידים זענען אים נאָכגעגאַנגען. נאָר איין יהודה איז פאַרבליבן אין שטאָט.

באַלד וועט ער ברענגען צו פירן זעלנער.

# פינפטער קאפיטל

# פ י י ן

## א

דער הימל איז לויטער, אָבער ס'איז קאַלט, בעת די תּל־מידים, וואָס גייען אונטער ישו׳ן, גייען פּאַמעלעך אַרויף אויפן הר־הזיתים. דאָס געַרויש פון דער שטאָט, וואָס פייערט היינט איר יום־טוב, דערגרייכט אַזש דאָ אַהער, אָבער זיי הערן אים נישט, ווייל זיי זענען שטאַרק פאַרטון אין די רייד פון זייער רבין.

נאָר ישו זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך פאַרענדערט. אפשר נעמט זיך דאָס פון דער פרישער לופט, און אפשר צוליב דעם, וואָס איינער פון די תּלמידים איז פאַרשוווּנדן, און ער האָט עס זיכער באַמערקט. און אפשר איז עס גאָר דאָס אַלץ שטייגנדי־קע געפיל פון דער נאָענטער געפאַר? דאָ אויף דער פרישער לופט, ווערט ער עטוואָס לעבעדיקער, אין זיין קאָפּ וועבן זיך אַזעלכע געדאַנקען, ווי וועגן קאַמף און געווער, און אפשר אַ אַ געדאַנק וועגן אַנטלויפן אין דער לעצטער מינוט, ווייל אָט ווענדעט ער זיך צו זיינע תּלמידים און ער זאָגט:

— אַסאַך מאָל האָב איך אייך אַרויסגעשיקט אָן אַ זעקל, אָן אַ טאָרבע און אָן שיך. צי האָט איר דעמאָלט געפילט אין עפּעס אַ מאַנגל?

— ניין.

— אָבער איצט, ווער ס'האָט אַ זעקל זאָל עס מיטנעמען מיט זיך, נעמט אויך אַ טאָרבע! און ווער ס'האָט נישט קיין שווערד, דער זאָל פאַרקויפן זיין מלבוש און קויפן אַ שווערד!

דערשטוינט, ווי געכאַפּט ביי זייערע אייגענע מחשבות, הערן אויס זיינע תּלמידים דידאָזיקע ווערטער, ווייל נישט איי־נער צווישן זיי האָט געטראַכט וועגן קאַמף און געווער. און

איצט, אָנגערעגט פון דעם אומגעריכטן באַפעל, נעמען צוויי פון זיי זיך אָן מיט מוט און זיי נעמען אַרויס זייער געוועהר:

— האַר, אָט זענען דאָ צוויי שווערדן!

אָבער ישו, וואָס שרעקט זיך, ווי זיין שטייגער, פאַר יעדער רעאַליטעט, באַמערקט בלויז ביים אָנבליק אויף דעם נעבעכדיקן אייזן, די זינלאָזיקייט פון ווידערשטאַנד, בעת עס פאַרמעסטן זיך דער גייסט און די קראַפט, גאָט און די וועלט, און גיך טרייבט ער אַוועק זיין פריערדיקן געדאַנק, וואָס האָט אים אויפגעטרייסלט אייניקע רגעס און שטיל און צווידייטיק זאָגט ער:

— עס וועט גענוג זיין.

די געדאַנקען וועגן טויט ווילן פון אים נישט אָפּטרעטן. טיילמאָל באַמיט ער זיך זיי זיסער צו מאַכן מיט די ווערטער פון דער הייליקער שריפט, און ווי ער וואָלט בדעה געהאַט אויסצופּרווון זיינע תּלמידים, ווענדעט ער זיך צו זיי און ער זאָגט:

— היינט ביינאַכט וועט איר אַלע מיך פאַרלאָזן, וואָרים עס שטייט געשריבן: „איך וועל שלאָגן דעם פּאַסטוך און די טשערעדע שאָף וועט זיך צעלויפן.“

און ווידער רייסט אים איבער שמעון, וואָס איז פול מיט יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט:

— אַפילו אַלע זאָלן דיך פאַרלאָזן, אָבער איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.

אָבער דער רבי קוקט אים מיט עגמת־נפש אין פּנים אַריין, וואָרים, ליידער, קאָן ער גוט דעם נישט שטאַנדהאַפטיקן כאַראַקטער פון דעמדאָזיקן תּלמיד, און ער פילט, ווי ווייט מ׳קאָן זיך אויף קיינעם פון זיי נישט שטיצן און ער זאָגט אים אין די אויגן:

— באמת זאָג איך דיר, אַז נאָך היינט ביינאַכט, איידער דער האָן וועט נאָך קרייען, וועסטו דיך דריי מאָל פון מיר אָפּזאָגן!

— ווען איך זאָל אַפילו דאַרפן מיט דיר שטאַרבן, וועל איך מיך נישט אָפּזאָגן פון דיר! האָט שמעון אויסגעשריגן

און דאָסזעלביקע האָבן צוזאַמען מיט אים געזאָגט אַלע תּלמידים.

דערהערנדיק אַזאַ טרייהייטס-שבועה, איז ישו געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט און עס האָט ביי אים אין קאָפּ אויפגעשטורעמט אַ ים מיט ספקות. צי דאַרף מען אינדעראמתן אַזוי הילפלאָז און אָן קאַמף זיך איבערגעבן דעם שונא? ס'זענען דאָך דאָ פאַראַן שווערדן! ניין, הייגט וועט ער נישט גיין קיין בית-עניא, ווי מ'וועט אים זיכער תּיכּף זוכן און אויב דער פאַרשווינדענער יהודה האָט זיך שוין אָפּגערעדט מיטן שונא, דאַרף מען אַזוי מאַכן, אַז ער זאָל אים נישט געפונען. און ווידער פלאַקערט ביי אים אויף דאָס לעצטע ביסל חשק צו קאַמף, און דעריבער קערט ער זיך פלוצלינג אָפּ פון וועג און הייסט די תּלמידים, זיי זאָלן אים נאָכגיין: ער זוכט אַ באַהעלטעניש. אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן זוכט ישו די ערשטע באַהעלטעניש, אָן אַ פּלאַן, צו שפּעט, פּונקט ווי אַלץ, וואָס ער האָט אונטערגענומען קעגן דער וועלט, וואָס רופט זיך אָן די וועלט פון דערווירקלעכקייט. אין דער נאַכט-פינסטערניש רייסן זיי זיך אַלע אַדורך דורך געדיכטע צוימען פון איינעם פון די גערטנער אין גת-שמן אויף מעריב זייט פונם באַרג, וואָס ווערט באַוואָסערט פונם טייך קדרון. דערדאָזי-קער גאָרטן איז זיכער אַרומגערינגלט מיט דערנער, ווייל דאָ אונטער דער שטאָט וואַכן די מענטשן איבער זייערע פּאַרמעגנס און זיי היטן עס אָפּ פאַר גנבים.

לסוף קומען זיי אַריין אין גאָרטן. ווי דאָס דורכגנבענען און באַהאַלטן זיך איז ביי און אומגעוויינלעך אין די אויגן פון דעם מילדן ישו, וועלכער האָט זיך ביזן איינאונדרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן נאָר אַריינגעריסן אין מענטשלעכע הערצער. דאָס גע-קלאַפּעריי פון טרוקענע צווייגן, דאָס פאַרזיכטיקע שעפּטשען, דאָס זוכעניש און מאַכן זיך אַ וועג, — דאָס אַלץ האָט ער קיינ-מאָל ביז איצט נאָך נישט איבערגעלעבט. עס רופט זיך ביי אים אָפּ די שטים פון לעבן, וואָס האָט אים אַמאָל געמאַכט לעבנס-לוסטיק און איצט, נאָך דעם ווינטער, אין וועלכן ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַר זיינע פאַרפאָלגער, ובפרט נאָך דער

לעצטער וואָך, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין דער גרויסער שטאָט, רייסט ער זיך צום לעבן מיט אַן אומגעצוימטער בענקשאַפט. דער טויט, וועלכן ער האָט טייל מאָל צו זיך גערופן מיט נעפּלהאַפטע ווערטער, באַווייזט איצט פּלוצלינג זיין שרעקלעך פּנים. די שטילקייט אַרום, דער ריח פון די אייל-בוימער, די נאַכט-טוי און די ווייכע ערד פון גאָרטן, אויף וועלכער ער טרעט איצט, די שטראַלן פון די שטערן, וואָס רייסן זיך דורך די צווייגן פון דיביימער, — דאָס אַלץ נעמט אַרום מיט אַן אומדערקלערלעכער קראַפט זיין עמפּינדלעך האַרץ. די כּתבֿי-קודש און זיין מיסיע ווייזן זיך אים אויס, ווי אַ פאַרגעסענע זאַך אָדער ווי עפּעס, וואָס שטייט אויף דער צווייטער מדרגה, און אין ישוס האַרץ וועקט זיך אַ הייסער פאַרלאַנג צו בעטן דעם פאָטער אין הימל, אַז ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן!

צי קאָן ער אַרויסווייזן פאַר זיינע תּלמידים דעם כאַאָס פון זיינע געפילן? נאָר דריי באַליבסטע צווישן זיי נעמט ער אָן ביי די הענט, פירט זיי אָפּ אין אַ זייט, זונדערט זיי אָפּ פון די איבעריקע, וואָס לייגן זיך פאַמעלעך אויס אונטער די ביימער. ער גייט אָפּ שטיקל וועג אינם נעפּל און ער הויבט אָן ציטערן און ווערן אומרויִק. ער האָט מורא צו בלייבן אַליין, בכן בעט ער זיי און זיפצט אָפּ:

— מיין נשמה איז איינזאַם ביז צום שטאַרבן. בלייבט דאָ און וואַכט מיט מיר!

ער גייט נאָך אָפּ עטלעכע טריט, דאַן וואַרפט ער זיך אַנידער אויף דער ערד, מיט זיין שטערן און מיט זיינע האָר רירט ער אָן איר פייכטקייט און ער טוט תּפילה:

— פאָטער מיינער אין הימל! אין דיין מאַכט ליגט דאָך אַלץ. זאָל מיך אויסמיידן דערדאָזיקער כּוס! און, איבעריקנס, זאָל זיין נישט ווי איך וויל, נאָר ווי דו ווילסט!

אַזוי איז ער לאַנג מתפּלל, אַז מ'זאָל אים שענקען דאָס לעבן. אָבער מיט דער לעצטער אָנשפּאַנונג פון די כּחות פון הכנעהדיקן און געהאָרכזאַמען גלויבן, ווי אַ נאָכגיביקער זון, איז אויך אין דער לעצטער בקשה זיינער, לאָזט ער איבער די דעציזיע

פאַר זיין פאָטער אין הימל. אַזוי גרויס איז דער גלויבן פונם מענטשנזון אין זיין אַלמעכטיקן פאָטער, אַז אַפילו אין זיין מורא פאַרן טויט, לאָזט ער די אַנטשיידונג איבער פאַר אים, וואָס קאָן נאָך אַלץ איבעראַנדערשן. אַזוי טיף איז געווען ישוס גלויבן אין גאָטס חסד, אַזוי הכנעהדיק איז געווען זיין האַרץ.

אָבער אָט הויבט ער זיך אויף פון דער ערד פול מיט מאָ-ראַלישע יסורים; ער האַרכט זיך איין, ווי צו זיין אויער וואַלטן דערגרייכט די קולות פון זיינע פאַרפאַלגער, ער איז אומרויִק גלייך ווי דאָס נאָכיאָגעניש וואָלט שוין געווען נאָענט פון אים, ער דערפילט אַלץ, וואָס דערנענטערט זיך, און אָט באַגערט א שוואַ-כער און אומבאַהאָלפענער אָרעמער מענטש, וואָס וואַרפט זיך אין טויט-שרעק, צו דערהערן אַ טרייסט-וואָרט פון זיינע טרייע. צי וועלן זיי נישט אויסשטרעקן זייערע אַקסלען, כדי אים אונ-טערצוהאַלטן? צי וועט אים אַ פריינט נישט אונטערשטיצן?

אָבער זיי שלאָפן. יעקב, יוחנן און שמעון שלאָפן.

— שמעון, שלאָפסט? אַפילו איין שעה האָסטו נישט גע-קענט וואַכן מיט מיר?

אַ יאוש פון אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן רוט אין דעמדאָזיקן זאַץ. אָט דאָס, הייסט עס, זענען זיינע געטרייעסטע, פאַר וועלכע ער האָט געעפנט דאָס עשירות פון זיין האַרץ אין משך פון אַ גאַנץ יאָר און נאָך לענגער? און אָט צום ערשטן מאָל, בעת זייער פריינט און רבי וויל זיך צוטוליען צו מענטשן, און נישט צו גאָט, וואָס אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט וועגט ער אין זיין האַנט ישוס גורל, — פונקט אין דער מינוט, האָט זיי פאַרטויבט דער וויין, אָדער גאָר די פינסטערניש? אָט ליגן זיי און שלאָפן!

אונטערן דאָזיקן רושם וואַקסן די ספקות ביים נביא: אפשר איז ער גאָר געגאַנגען מיט אַ פאַלשן וועג? האָט ער דען אַסאַך מאָל נישט געזען, ווי דערזעלבער שמעון, זייענדיק מיד גייסטיק און פיזיש, האָט זיך דערנענטערט צו זיין ווייב און גערוט אויף איר ברוסט ווי אַ קינד? און זי האָט ברייט געעפנט אירע אָרעמס און אים געטוליעט צו זיך, ווי אַ מאַמע. טאָ אפשר

איז זיין איינזאַמקייט געווען אַ פעלער? פרויען זענען צו אים בסדר געקומען, ווען נס זאַרגפעלטיקע הענט האָבן געגלעט זיי־נע האָר, ווען נס מיילער האָבן געקושט זיינע פוסטריט. די זאַרגפעלטיקייט, מיט וואָס זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט ער געקאָנט האָבן טאָג־אַיין טאָג־אויס און יאָר־איין יאָר־אויס. ער האָט געקאָנט קוקן, ווי עס וואַקסן און בליען קינדער, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט. ער האָט געקאָנט פאַרבלייבן אין זיין שטילן שטעטל, ווי איינער פון אַלע, און דאָך, ווי עמעצער, וואָס איז צו קיינעם נישט ענלעך, וואָרים זיינע שמועסן מיט גאָט, וואָס ער האָט געפירט אויפן באַרג ווייט פון די הייזער, האָבן געקאָנט פאַרבלייבן זיינס אַ סוד און קיינער האָט וועגן זיי נישט באַדאַרפט וויסן!

פאַרוואָס האָט ער אַרויסגעריסן אין דער וועלט, כּדי אָנ־צוזאָגן די מענטשן אַ פריילעכע בשורה, און דערמיט אַליין אויסשטעלן אויף אַ סכּנה דאָס שטילע לעבן פון זיין נשמה? ווי זענען די הערצער פון די מענטשן, וועלכע ער האָט אויפ־געוועקט און געמאַכט גליקלעך? אויב עס שלאָפט שמעון, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר אַ פעלז פון גלויבן, אויב עס שלאָפט יוחנן, וואָס האָט זיך אַזוי אָפט געטוליעט צו זיין האַרץ, פונקט ווי אַ קינד, און אויך יעקב שלאָפט, און זיי הערן נישט, ווי דער רבי בעט זיי צום ערשטן מאָל, נאָר זיי לאָזן אים איבער אַליין אין פּחד און אין אומרו, — טאָ אפשר איז דאָס אַלץ נאָר געווען אַן אילוזיע? דידאַזיקע אַלע פּרעמדע, וואָס האָבן אויס־געהערט זיינע ווערטער און וועלכע ער האָט געמאַכט געזונט, האָבן שוין אפשר לאַנג פאַרגעסן וועגן זיין פריילעכער בשורה, און ביי די אַקעראַייזנס, צי אין די פישער־שיפלעך זענען זיי געבליבן מיט דיזעלבע קאַלטע הערצער, וועלכע ער האָט גע־וועקט און געגלויבט, אַז ער האָט זיי אויפגעוועקט! צי לוינט זיך צו שטאַרבן פאַר אַזאַ שליחות?

— פאָטער מיינער אין הימל! אַלץ ליגט אין דיין מאַכט! זאָל מיך אויסמיידן דערדאָזיקער כּוס! און, איבעריקנס, נישט ווי איך וויל, נאָר ווי דו ווילסט

אין דער רגע דערהערט זיך אַ גערויש און אַ ליאַרם, פּאַ־קעלן און לאַמטערנעס דערנענטערן זיך. ישו און זיינע תּלמידים זענען אַנטדעקט געוואָרן. אַ געזעמל פון מענטשן דערנענטערט זיך צו זיי.

אין דער שפּיץ פון דער דערמאָנטער אָנגעקומענער גרופּע איז געשטאַנען דער עלטסטער פון דער בית-המקדש-וואַך. מחמת דעם, וואָס ער האָט אין אַ יום-טוב טאָג נישט געקאָנט איבערלאָזן דאָס בית-המקדש אָן אַ וואַך, האָט ער מיטגענומען מיט זיך עטלעכע דינער פון כהן-גדול. ער האָט זיי באַוואָפנט, מיט וואָס ס'איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט: מיט שווערדן, שטעקנס, דרענגער און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיי, צוערשט האָבן זיי ישון געזוכט אין בית-עניא, און דערנאָך האָט יהודה אויס־געשפּירט דעם וועג צו זייער באַהעלטעניש און ער האָט גע־בראַכט צו פירן די באַוואָפנטע. אין דער אַנטשיידענער מינוט האָט זיך יהודהן גאַרנישט געשטעלט אין וועג, אַז ער זאָל נישט טון דאָס, וואָס ער האָט באַשלאָסן. ער האָט נאָר געוואָלט אָפּראַ־טעווען זיינע ברידער און פריינט, וואָס זענען פאַרפירט געוואָרן, פונקט ווי ער. און אַזוי ווי אַלע זענען זיי געזעסן אין אַ פינס־טערניש און אַפילו דער עלטסטער פון דער וואַך וועט נישט קאָנען דערקענען ישון, און נאָך ווייניקער וועלן אים קאָנען דערקענען די דינער פון כהן-גדול, און יעדער איינער, וואָס ווערט געפאַנגען איז אים שוין נישט לייכט אַרויסצוקריגן זיך אויף דער פריי, איז יהודהן אין קאָפּ אַריין געקומען אַ גוטער איינפאַל. ער האָט זיך אָפּגערעדט מיטן עלטסטן פון דער וואַך, אַז ער וועט באַגריסן דעם, וואָס זיי זוכן און קושנדיק אים וועט ער אים אָנרופן „רבי". ער וועט זיך שוין דאַן נישט אַרויסקריגן!

און בעת ער טוט דאָס, בעת ער קושט אים און ער זאָגט:

— שלום-עליכם, רבי! — הייבן דאַמאָלט די דינער אויף די לאַמטערנעס, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זען, צי דאָס איז דערזעלבער און וויאַזוי ער זעט אויס. ישו קוקט אויף זיין תּלמיד און זאָגט צו אים:

— פריינט מיינער, צוליב וואָס ביסטו אַהערגעקומען?

פון דידאָזיקע ווערטער ווערן אַלע אויפגעציטערט. ווען דאָס וואָרט „פריינט" קלינגט אָפּ אין געררויש און אין טומל פון דער נאַכט, וואַקלען זיך און עס שטוינען אַפילו די דינער, וואָס זענען געקומען דאָ אַהער מיט שטעקנס: יעדער איינער פילט, אַז אָט דאָ איז אַ מענטש פאַרראַטן געוואָרן.

צי ביי דעם אָפּקלאַנג פון דעמדאָזיקן וואָרט, פילסטו נישט, יהודה, ווי דיינע אַלע כיטרע פּאָרטלען ווערן צעריסן ווי אַ נעפּל, צעבלאָזן מיטן מויל פון נביא? אַזוי צערינט דער שכל און די אויסרעכענונג, ווען צוויי מענטשן-אויגן גיבן אַ קוק מיט זייער אומשולד אויף אַזאַ איינעם, וואָס האָט געוואָלט זיך אַליין און אַנדערע אָפּנאַרן.

און גוט, וואָס שמעון האָט איבערגעריסן די שטילקייט. תמיד אימפּולסיוו, האַנדלנדיק אָן ישוב-הדעת, נעמט ער אַרויס די באַהאַלטענע שווערדן און ער האַקט אָפּ ביים ערשטן בעסטן דינער זיין אויער. שמעונס טאַט איז געווען ווי אַ סיגנאַל פאַר די באַוואָפנטע, אַז זיי זאָלן טון דאָס זייעריקע. דאַן כאַפּן זיי אָבער נישט דעם, וואָס האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער שווערד, ווייל דער האָט זיך באַהאַלטן אין דער פינסטערניש און איז אַנטלאָפן, נאָר דעם, וואָס האָט שוין נישט באַוויזן צוריקצוהאַלטן דעם היציקן תלמיד.

דעם רבין האָט מען געפאַנגען.

אין דעם מאָמענט, ווען די פרעמדע פאַקעלן באַלויכטן די שטרענגע פנימער, ווען אין די שווערדן און אין די העלמען שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פאַקל-פייער און, ווען דער באַוואָפנטער שונא פאַרקערפּערט אין זיך די מלוכה-מאַכט, — ווערט דעמאָלט דער דערשראָקענער און פאַרפאָלגטער רבי מאָמענטאַל איבער-געאַנדערשט; ער באַקומט צוריק די מאַיעסטעטישע האַלטונג, ווידער דערוועקט זיך אין אים דער באַוווסטזיין פון זיין אויס-דערווײלטקייט און עס קערט זיך צו אים צוריק דער שטאָלץ, וואָס האָט אים שוין פאַרלאָזט אין משך פון די לעצטע צוויי טעג, באַזונדערס דאָ, אין דער שרעקלעכער פינסטערניש פון

גת-שמנים. די פיינלעכע דערוואַרטונג פון אַ קלאַפּ איז פאַרשוווּנדן. ער גייט אַנטקעגן דאָס אומפאַרמיידלעכע, איצט איז שוין אַלץ זיכער און די דאָזיקע זיכערקייט גיט אים צו כּח. אין דעם-דאָזיקן פאַר זיינעטוועגן פייערלעכן מאָמענט, פּריידיקט ער קודם-כּל:

— לייג אַוועק די שווערד אין איר שיידל, וואָרים ווער עס האָלט מלחמה מיט דער שווערד, וועט פון איר אַליין אומקומען!

דערנאָך קוקט ער זיך אַרום און עס דאַכט זיך, ווי ער וואָלט מער געוועדט צו די זעלנער, איידער ווי צו זיינע פריינט, אַנווענדנדיק דערביי מיליטערישע אויסדרוקן:

— מיינט איר אוודאי, אַז איך וואָלט נישט געקאָנט בעטן מיין פאָטער אין הימל, און ער וואָלט מיר אַראָפּגעשיקט מער ווי צוועלף מחנות מלאכים? אָבער וויאַזוי וואָלט דעמאָלט מקוים געוואָרן דער פּסוק, וואָס זאָגט, אַז אַזוי מוז געשען? צו זענט איר אַרויס פאַנגען אַ רויבער, וואָס איר זענט געקומען מיט שווערדן און שטעקנס, כּדי מיך צו כאַפּן? טאָג-איין טאָג-אויס בין איך געזעסן צווישן אייך און געלערנט אין בית-המקדש, און איר האָט מיך נישט געפאַנגען!

זיינע ווערטער גייען פאַרלוירן, ווי אין אַ ליידיקן חלל. קיינער פאַרשטייט אים נישט. דער עלטסטער פון דער וואַך גיט אַ צייכן. אַ פּחד נעמט אַרום אַלע תּלמידים. קיינער פאַרטיי-דיקט נישט דעם רבין.

אַלע האָבן אים פאַרראַטן.

אין דער געדיכטעניש צווישן די אייל-בוימער פירט מען אים, עס הערט זיך אַ גערויש פון די זיך דערווייטערנדיקע טריט, די שאָטנס באַהאַלטן זיך אין דער פינסטערניש. אַלע תּלמידים אַנטלויפן.

## ב

ווען מען פירט ישוע אין אַ שעה אַרום אין פּאַלאַץ פון כּהן-גדול דורך טויערן און קאָרידאָרן און אויף ברייטע טרעפּ

פירן זיי אים אַריין אין אַ שטוב, ווו דיקע טעפּיכער דערשטיקן יעדן
אָפּקלאַנג, זעט ער צווישן פאַרוויכערטע ליכט אין אַ שווייגנדיקן
האַלבן קרייז אַן ערך צוואַנציק מענטשן: מענער אין זיידנס
זיצן אויף די קישנס און זיי זען אויס, ווי זיי וואָלטן אויף
עפּעס געוואַרט. אין דער רגע הייבט זיך אויף פון צווישן קישנס
און קאָלדרעס אַ קאָפּ מיט אַ פאַרשלאָפן, פאַרקנייטשט און פּאַרמעט-
געל פּנים פון אַן אַלטיטשקן, וואָס ישו האָט געזען נאָך אין בית-
המקדש. פון דעם אַלטנס אָנצייניקן מויל האָט זיך געטראָגן
אַ פייפן און אַ כאָרכלען און נאָכדעם ערשט אויך ווערטער.
דאָס איז חנן, וואָס האָט פאַרנומען דעם אַמט פון כהן-
גדול נאָך אין די צייטן פון אויגוסט און דערנאָך האָט ער זיינע
פינף זין איינעם נאָכן אַנדערן געמאַכט פאַר זיינע פאַרטרעטער,
און נאָך היינט, האַלט ער, דער פון אַלעמען פאַרהאַסטער און
גרויזאַמער, די מאַכט אין זיין האַנט. איצט פירט אויס דידאָזיקע
מאַכט כיפה, דער יונגסטער פון די פינף זין, וואָס איז אויסגע-
ווילט געוואָרן דורך די רוימישע הערשער, און טראָגט זיין עלטער,
איז ער פונדעסטוועגן אַ געהאָרכזאַמער זון פון זיין הונדערטיע-
ריקן פאָטער. די אַלע, וועלכע מ'האָט געקאָנט צונויפרופן אין
היינטיקן יום-טוב-טאָג, האָבן זיך דאָ אַוועקגעזעצט. דערווייל
וועט גענוג זיין אַ דריט חלק פון העכסטן ראַט. לויטן געזעץ
דאַרף מען האָבן צוויי טעג צייט אויף אַרויסצוטראָגן אַ טויט-אור-
טייל און אויף באַשטעטיקן אים, אָבער אין אַ נויט קאָן מען
פאַרן ערשטן טאָג רעכענען די נאַכט, און דעם פרימאָרגן, וואָס
קומט נאָך דער נאַכט, אָננעמען פאַרן צווייטן טאָג.
וואָרים עס זעט זיך טאַקע פאָר אַ טויט-אורטייל. שלעכט
קען דער די צדוקים, וואָס הערשן אין פּאַלאַץ פון כהן-גדול
און אין סנהדרין, ווער עס וואָלט זיי געהאַלטן פאַר מענטשן,
וואָס האָבן ליב זיך לאַנג צו חקרענען, ווי די באַריידעוודיקע
פּרושים! פון דור צו דור גייט דאָ איבער די מאַכט און מען
ירשנט דאָס געלט. אין זייער רשות ליגט דאָס רעכט פון פאַר-
קויפן בהמות אויף קרבנות, זיי פאַרדינגען די פעלדער, באַ-
שטימען ערטער און שטעלן פעסט פרייזן. אויב זיי האַלטן זיך

רויק און זיי קוקן גלייכגילטיק אויף דעם אָדער אויף יענעם בעת די פּרושים ווערן באַלד אויפגעבראַכט, קענען זיי אָבער דערפאַר אין אַ קריטישער מינוט זיך נעמען צו דער אַרבעט און דערשטיקן די געפאַר אין משך פון איין שעה. איצט טאַקע איז אויסגעפאַלן די ריכטיקע מינוט, די עדות וואַרטן שוין אין דרויסן, דער באַשולדיקטער שטייט פאַרן געריכט.

דידאַזיקע אַלטע אויסגעפרוווטע פּאָליטיקער, כהנים באַ־טראַכטן, אָן ספק, אין דערדאָזיקער רגע אויפמערקזאַמער דעם גלילעער, איידער ער שטודירט זיי: זיי דאַרפן פאַרגלייכן זיין אויסזען און זיין גאַנץ וועזן מיט אַנדערע בונטאַרן קעגן געזעץ, ישו אָבער האָט שוין אַלץ אויפגעגעבן און ער האַלט זיך נאָר בלויז ביי דער פאָרם. ביידע צדדים ווייסן מיט וואָס עס וועט זיך ענ־דיקן, און דאָך זענען די גאַווהדיקע באַשולדיקער מער אויפגע־רעגט, איידער דער פאַרלוירענער באַשולדיקטער. אפשר וועט ער קעגן אַלעמענס דערוואַרטונג פּרוּוון מיט זיין דונערנדיקן וואָרט צו צערייסן די נעץ פון אינטריגעס און פּונקט ווי זכריה, ביי דעם אָנהויב פון דער יידישער מלחמה, וועט ער אַפּעלירן צום פאָלק? וואָס פאַראַ באַשולדיקונגען וועט אים אַרויסשטעלן דער אַלטער חנן? דער אַריינקום קיין ירושלים? דאָס אַרויס־טרייבן די הענדלער פון בית-המקדש? די שאַרפע רייד קעגן די פּרושים?

אַבסאָלוט נישט. לכתחילה גיבן אָפּ די עדות זייערע דער־קלערונגען; ס'זעט אויס, ווי דער אַלטער ווילט מאַכן דעם אָנ־שטעל, אַז ער פירט אַן אומפּאַרטייאישן משפּט, הגם ער אַליין איז באַשולדיקער און שופט גלייכצייטיק. אָבער די רויקייט פון באַשולדיקטן רעגט אים אויף. ער האָט נאָך נישט געהערט זיין קול, בכן פרעגט ער אים, אין וואָס עס באַשטייט זיין לערע?

דער נביא שטייט צווישן די פאַרזאַמלטע. צי זאָל ער עפענען זיין הארץ פאַר מענטשן מיט אַזוינע פּנימער? דידאָזי־קע פראַגע שטעלט ער זיך אַליין און ער ענטפערט אָפּ קאַלט:

— איך האָב געלערנט בפרהסיא, אין קעגנוואַרט פון אַלעמען, אין בית-המדרש און אין בית-המקדש, וווּ אַלע פאַרזאַמלען זיך, און איך

האָב גאָרנישט פאַרבאַהאַלטן. פאַרוואָס פרעגסטו מיך ? — פרעג די, וואָס האָבן מיך געהערט. זיי ווייסן וועגן וואָס כ׳האָב גערעדט.

קיינער האָט נאָך אַזוי נישט גערעדט צום דאָזיקן זקן און איידער דער לעצטער אַליין האָט נאָך באַוויזן צו מאַכן אַ באַ-מערקונג דעם אָנגעקלאָגטן, האָט איינער פון די בית-המקדש דינער אויפגעהויבן די האַנט, געשלאָגן דעם באַשולדיקטן און געשריגן :

— אַזוי וואַגסטו צו ענטפערן דעם כהן גדול ?

— אויב כ׳האָב שלעכט געזאָגט — ענטפערט דער גע-שלאָגענער און ער הויבט אָן רעדן אויפן שטייגער פון די פרוּ-שים — טאָ קלער מיר אויף, אַז איך רעד שלעכט, און אויב איך רעד גוט, טאָ פאַרוואָס שלאָגסטו מיך ?

די כהנים געפעלט נישט דער ברוטאַלער טאַט פונם דינער, אַלץ דאַרף פאָרקומען לויט דער פאָרם און אָרדנונג. אָבער חנן זעט, אַז פונם אָנגעקלאָגטן וועט מען גאָרנישט אַרויסבאַקומען און אויף אַזאַ אופן וועט מען נישט דערגיין צו אַ סוף, בכן הייסט ער אַריינפירן די עדות, וואָס דאַרפן זאָגן דאָס ערגסטע אויף ישוע. די עדות דערקלערן איינשטימיק, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט ערשט נישט לאַנג אויסגערופן :

— איך וועל צעשטערן דאָס בית-המקדש, וואָס איז אויפגעבויט דורך מענטשלעכע הענט, און משך פון דריי טעג וועל איך אויפבויען אַן אַנדער בית-המקדש, נישט אויפגעבויט דורך הענט !

דער באַשולדיקטער ענטפערט ווידער נישט, ער האָט זי-כער עפּעס ענלעכעס צו דעם געזאָגט, וואָרים הייזער אין גאָטס קעניגרייך בויט מען נישט יאָרן, נאָר אייביק. אויב זיי דאַרפן זיין אַ נעסט פאַר ערלעכער פרומקייט. חנן טוט זיך אַ רוס עטוואָס העכער אויף זיין קישן, שאַרט אַראָפּ פון זיך איין צוּ-דעק און ער פרעגט :

— פאַרוואָס זשע ענטפערסטו גאָרנישט ?

אַנשטאָט אַן ענטפער, שווייגט דער אָנגעקלאָגטער. די פאַרזאַמלטע קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן. פאַרוואָס הייסט

נישט דער אַלטער חנן שוין איצט אָפּשטימען? דערדאָזיקער מענטש האָט דאָך מיט זיינע ווערטער געלעסטערט גאָט, און דידאָזיקע ווערטער האָט ער נישט צוריקגעצויגן. אָבער דער דערפאַרענער כהן גדול וויל האָבן שטאַרקערע באַווייזן. ער קען גוט די צושטימונגען און די נעגירונגען פון די פּרושים, וואָס וועלן שוין נאָך אַלעמען אויפהייבן אַ געשריי און פּראָטעסטן, ער קען אויך די האַרטקייט און שטרענגקייט פון גובערנאַטאָרס אַרט דענקען, וואָס פאַרלאַנגט אַ זיכערע און קלאָרע באַשולדי-קונג. בכן וויל ער צווינגען דעם פאַלשן נביא מודה צו זיין זיך און דערפאַר לאָזט ער, דער אַלטער, אין גאַנג די שטאַרקסטע ווערטער; ער שטעלט אים די געפערלעכסטע פראַגע, וואָס דאַרף באַליידיקן דעם שטאָלץ פון באַשולדיקטן. ער רוקט זיך צו צו אים נאָך נענטער, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיינע הענט, געוויקלט אין זיידנס, אַנרירן דאָס אָרעמע מלבוש פונם באַשולדיקטן. ער שטרעקט דאַן אויס די האַנט צו ישון און ער פרעגט:

— זאָג אונז: ציי ביסטו משיח?

אין ישוס האַרץ פּירט נאָכאַמאָל מיט זיך אַ קאַמף: דאָס שליחות און די פאַראַכטונג, ווירדע און עקל, אין זיין נשמה קעמפט שטאָלץ מיט שטאָלץ, נאָכאַמאָל מיידט ער אויס צו געבן אַ גלייכן ענטפער. ער ענטפערט אָפּ עקשנותדיק און קורץ, ווי אַ דאָרפסמאַן:

— אַז איך זאָל אייך זאָגן, וועט איר סיי-ווי נישט גלויבן, און אויב איך זאָל אויך עפּעס פרעגן, וועט איר דאָך מיר נישט ענטפערן, און איר וועט מיך סיי-ווי נישט אַרויסלאָזן.

די ריכטער הייבן אָן ווערן אומגעדולדיק פון דעם באַשולדיקטנס איינגעשפּאַרטקייט און אויך דערפון, וואָס דער כהן גדול טרייבט שוין איבער מיט זיין גוטסקייט לגבי דעם אָנ-געקלאָגטן. אָבער חנן רעזיגנירט נאָך נישט. מיט דער פאַרביסנ-קייט פון אַן אַלטן און מיט דער כיטרעקייט פון אַ כהן וויל ער דערגרייכן זיין ציל, דאָס הייסט, אַז דער באַשולדיקטער זאָל זיך מודה זיין און אָט מאַכט ער די לעצטע פּראָבע. ער וויל

זיך אויפשטעלן, און ווען ער שפּאַרט זיך אָן מיט זיינע ציטערנ-דיקע הענט אויף אַ קישעלע, לויפן צו אים צו זיינע צוויי זין, וואָס ווייסן, אַז ער שטעלט זיך נאָר אויף דעמאָלט, ווען ער וויל אָנרופן גאָטס נאָמען. פּאַמעלעך הויבט זיך אויף פון די דעקן און קישנס דער אין זיידנס איינגעוויקלטער גוף פונם זקן, אַ ביינערדיקע האַנט הויבט זיך אויף און אַ קרעכצנדיק קול ווענדעט זיך צו דעם בלייכן מענטשן:

— איך באַשווער דיך ביים לעבעדיקן גאָט, אַז דו זאָלסט אונז זאָגן, צי דו ביסט דער אויסלייזער, גאָטס זון!

ישו פילט, ווי אָט איז געקומען די מינוט, אַז אין דעמ-דאָזיקן פיינדלעכן לאַגער זאָל באַקאַנט ווערן דער גלויבן, ווי עס פאַרלאַנגט גאָטס נאָמען, וואָס איז טאַקע דערמאַנט געוואָרן אין דערדאָזיקער ענגער שטוב. אָבער ער וויל זיך נישט רימען, און מיט זיין קול פון אַמאָליקער הכנעה ענטפערט ער שטיל ווי-דער אָפּ:

— איך בין עס.

אָבער תיכף קוקט ער זיך אַרום, ער הויבט אויך אויף אַ האַנט און מיט אַן אַנדער קול, אַ פרעמדס און קעניגלעכס, שרייט ער אויס:

— איך זאָג אייך, אַז פון איצט אָן וועט איר זען דעם מענטשנזון זיצן ביי דער רעכטער האַנט פון דער געטלעכער מאַכט און ווי ער וועט שטייגן אין די וואָלקנס פון הימל!

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער. אַ פּחד האָט זיך אַריינגעריסן אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט, ווי די פאַרזאַמלטע וואָלטן געהאַט אָפּגעוואַרט אַנדערע ווערטער. דאָס, וואָס אַלע האָבן שוין אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט נאָך מיט אַ שעה צוריק, איז ענדלעך געשען איצט, ווען ער איז געוואָרן אָט אַזוי פרעך און אַ שליידער געטון אַ פייל, וואָס האָט גע-טראָפן גלייך אין האַרצן. ער האָט מיסגעבדויכט מיט די ווער-טער פון דניאל, אַז משיח וועט זיצן לעבן כסא הכבוד. ער האָט געשענדעט דניאלן! דער אַלטער חנן רייסט מיט שוואַכע פינגער

זיין מלבוש און ער וויל עס צערייסן, און זיין קרעכצנדיק קול ברעכט זיך צוזאמען, בעת ער פרוווט שרייען:

— געלעסטערט גאָט! צו וואָס דאַרפן מיר נאָך עדות? אלע האָט איר געהערט, ווי ער האָט געלעסטערט! וואָס זאָגט איר?

— ער איז חייב מיתה!

ענדלעך דערפילן זיי אלע אַ דערלייכטערונג. הגם דער פראָצעס און דער אַרעסט זענען לכתחילה פאָרגעקומען מיט פאַרטייאישע כוונות און בסוד, פילן זיי אָבער איצט אלע, אַז לויטן פאַרפליכטנדיקן געזעץ האָט אָט דערדאָזיקער נביא אַליין אַרויסגעגעבן אויף זיך אַן אורטייל. דאָס איז געווען דער גרעס-טער פאַרראַט אין גאָטס מלכות, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ סאַ-טיספאַקציע. אַסאַך אַזעלכע פאַררעטער, אַסאַך אַזעלכע נביאים פאַר ישוע און נאָך אים, זענען פאַרמשפּט און אומגעבערענגט גע-וואָרן לויטן געזעץ און גערעכטיקייט, און שפּעטער זענען זיי פאַרהערלעכט געוואָרן אין לויב-געזאַנגען אָדער אין סטאַטוען, ווי ער.

דאָס חשיבות, מיט וואָס עס איז פאָרגעקומען דער פראָצעס, איז זיך צערינען, מ'האָט פאַרגעסן וועגן תענית און טרויער, וואָס דער געזעץ זעט פאָר פאַר יעדער טויט-שטראָף, אלע שטופּן זיך אַרום דעם מענטשן, לאַכן אים אויס, שלאָגן אים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיכער זיין מיט זיין אוממעכטיקייט, און מיט אַ געשטויסעריי שטופּן זיי אים אַרויס אויפן הויף, אַז ער זאָל דאָרטן וואַרטן אויפן פרימאָרגן-געריכט.

דערווייל האָט שמעון, איינער צווישן אלע תּלמידים, חרטה באַקומען פון זיין פּחדנותדיק אַנטלויפן און געטריבן פון אַן אינערלעכן דראַנג, האָט ער באַגינען באַשלאָסן שטילערהייט צוצוקריגן זיך צום רבין. אויפן הויף, אינם הויז פונם כהן גדול זיצן זיך אַזוי די דינער און וואַרעמען זיך אַזוי ביי אַ פייער, זיי דערציילן זיך איבער די געשעענישן פון דער היינטיקער נאַכט און שמעון דערנענטערט זיך, כדי פון זיי עפּעס צו דער-הערן. אָבער איינע אַ דינסטמיידל, וואָס שמועסט און שפּאַסט

מיט די איבעריקע דינער, האָט אַמאָל געהאַט געזען דעם נביא אין בית-המקדש; און אָט איצט דערקענט זי זיין תּלמיד און זי זאָגט:

— אויך דו ביסט געווען מיט ישוע פון נצרת.

— ניין, איך קען נישט אַזאַ מענטש. כ'ווייס נישט וועגן וועמען דו רעדסט.

די איבעריקע הויבן זיך אָן צוצוקוקן צו אים אויפמערקזאַמער, און איינער שלעפּט אים צו נענטער צום פייער, כדי גוט אַ קוק צו טון אים אין פּנים אַריין:

— צי איך האָב דיך אַמאָל נישט געזען מיט אים היינט ביינאַכט אין גאָרטן?

— מענטש, חס ושלום, נישט מיך!

און איינער פון די דינער, וואָס קאָן שמעונס אויסשפּראַך, טוט גלאַט אַזוי זיך אויף טראַף אַ זאָג:

— ער איז פון גליל! ער איז געווען צוזאַמען מיט יענעם!

שמעון לייקנט אַלץ אָפּ, ער שפּאַרט איבער אַלע און שווערט זיך:

— וואָס ווילט איר פון מיר? איך קען גאָרנישט אַזאַ מענטש.

און פלינק ווערט ער אַנטרונען פון זיי ביז צום פּאַרקן. אין דער רגע דערהערט זיך דאָס קרייען פון אַ האָן, וואָס טראָגט זיך פון הויף, ער דערמאָנט זיך די ווערטער פון רבין, גייט אַרויס און צעוויינט זיך.

באַגינען האָט מען אָוועקגעפירט דעם פאַרמשפּטן פאַרן סנהדרין. ער הערט אויס אַ קורצן אינהאַלט פון דעם, וואָס די עדות האָבן דערקלערט און וואָס ער אַליין האָט געזאָגט. דער העכסטער ראַט האָט אָן אַ ווייטערדיקער אויספאָרשונג באַשטעטיקט דעם אורטייל פון קלענערן ראַט. דאַן שטעלן זיך אַלע אויף און זיי גרייטן זיך אָוועקצוגיין צום גובערנאַטאָר, וואָס מוז באַשטעטיקן יעדן טויט-אורטייל און אויספירן אים. אין

אַ פּייערלעכן צוג גייען יבעציק זקנים צום שלאָס אַנטאָניאַ, און זיי פירן דעם געבונדענעם ישו צווישן זיך.

## ג

פּילאַטוס איז דאָ געזעסן נאָר אין די גרויסע ימים-טובים, און דעמאָלט איז זיין שלאָס אַרומגעפּאַנצערט געווען מיט טויערן און בריקן; אויפמערקזאַם געהיט דורך די וואַכן, איז דער שלאָס געווען דער צענטער פון דער פּאָליציי, און טויזנטער פרעמדע האָבן מיט מורא און חשיבות געקוקט דורך דעם צווישנוועג אין די בערג אויף מעריב-זייט, ווו צווישן די געביידעס פון דער אויבערשטער טייל שטאָט, האָט זיך אויפגעהויבן דאָס גרויזאַמע פעסטונג. ס'איז געוואָרן אַ גרויס צוזאַמענלויף, בעת מ'האָט דער-זען די כהנים אין זייערע יום-טובדיקע מלבושים גייען צום שלאָס. אינעווייניק טאָרן זיי נישט אַריינגיין, ווייל זיי וואָלטן זיך פאַרשוועכט, אַריינגייענדיק יום-טוב אין היידנישן שלאָס, אָבער זיי האָבן געפונען אַן עצה: פאַר דער מויער, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס פעסטונג האָט מען אויפגעשטעלט אַ הילצער-נע בימה און אויף דערדאָזיקער בימה האָט דער רוימער זיך געמעגט אַוועקזעצן אַלס ריכטער אין די טעג פון זיין אַמטירן.

ווי פּילאַטוס דערזעט דעם אָנקומענדיקן צוג, גייט ער אַרויס פון טויער, ער איז אַרומגערינגלט מיט אָפיצירן און געריכטס-דינער, שטייענדיק נעמט ער אויף כיפה, דעם כהן גדול, וואָס דאַרף רעדן אין נאָמען פון העכסטן ראַט. דער רוימער ווייזט אָן אויף דעם געבונדענעם, וואָס שטייט צווישן די געקומענע און ער פרעגט קורץ:

— מיט וואָס פאַראַ אָנקלאַגע זענט איר געקומען קעגן דעמדאָזיקן מענטשן?

אַז פּילאַטוס דאַרף עפּעס דערליידיקן מיטן כהן גדול ביי זיך אין צימער, באַמיען זיי זיך צו זיין העפלעך איינער צום אַנדערן און צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, ווייל רוים פאַר-לאַנגט פולשטענדיקע נאָכגיביקייט, און כיפה נויטיקט זיך אין

אַ פריינדלעכן הערשער. אָבער היינט, אין קעגנוואָרט פון אַלע מענטשן, איז דער גובערנאַטאָר דער פאָרשטייער פון דער רוי־מישער מאַכט, בכן רעדט ער מיט מיט אַ קאַלטן און שאַרפן טאָן.

פילאַטוס באַמיט זיך צו זיין אומפּאַרטייאיש און אויסמיידן יעדע פניה אין דעמדאָזיקן פּראָצעס. עס קאָן זיין, אַז ס'איז גע־ווען אַזאַ מנהג, און אפשר האָט דער אויסזען פון געפאַנגענעם וועגן וועלכן ער האָט שוין לאַנג געהערט אַלס רבי, געצוווּנגען אים צו דעם, אָבער ער האָט געגעבן אַ צייכן זיינע געריכטס־דינער, אַז זיי זאָלן אַוועקנעמען דעם באַשולדיקטן פון זיינע באַשולדי־קער און אַריינפירן אים דורך דעם טויער אויפן הויף פון שלאָס. דאַן דרייט ער זיך צוריק אויס צו די כהנים און ער הערט, ווי איינער שרייט אַריבער דעם אַנדערן:

— ער האָט געהעצט דאָס פאָלק, מ'זאָל נישט צאָלן קיין שטייערן!

אָבער כיפה באַפעלט צו שווייגן, ער שטרייכט נאָר אונ־טער איין וואָרט:

— ער רופט זיך אָן דערלייזער, יידישער מלך!

אַזוי האָט אים געהייסן זאָגן דער כיטרער חנן, כדי צו געבן דעם גאַנצן ענין אַנייע ווענדונג, אַוועקנעמענדיק פון אים דעם רעליגיעזן תוך, וואָס וועט דעם הייד סיי־ווי נישט אָנגיין. פון דעם רעליגיעזן פּראָצעס האָט ער געמאַכט אַ פּאָליטישן, אַ פּראָ־צעס קעגן אַ פאַררעטער פון רוים. פילאַטוס איז איבעראַשט. ער גייט אַריין אין טויער אויספאָרשן דעם געפאַנגענעם.

ישו איז דערווייל רויק געשטאַנען אויפן הויף און זיך אומגעקוקט אַרום. דער אינעווייניקסטער זאַל האָט זיך געוועלבט מיט אָרנאַמענטן אויסגעקלאַפּט מיט טייערע שטיינער, עטוואָס ווייטער האָט זיך געצויגן אַ גאָרטן מיט שיינע סטעזשקעס, און איבער אַ טייכל, וואָס איז באַפּוצט געווען מיט טורעמלעך, זענען אַרומגעפלויגן טויבן. אָט אַזוי ווינען זיך די מעכטיקע פון דער וועלט, האָט ישו געטראַכט ביי זיך, ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שלאָס. אָבער ער טראַכט וועגן דעם אָן קנאה;

די שטילקייט אַרום ווירקט אויף אים מחיהדיק. אין דער רגע גייט צו צו אים דער רוימער און ער פרעגט אים קורץ מיט אַ פאַרשנדיקן טאָן. ער רעדט צו אים וואַרשיינלעך גריכיש, ישו פאַרשטייט דעריבער קוים, וואָס מען פרעגט אים:

— ציי ביסטו דער יידישער מלך?

אַ וואַרעם געפיל נעמט אַרום דעם נביא, אַ געפיל, וואָס ער האָט שוין נישט איינמאָל איבערגעלעבט אין קעגנוואַרט פון די יידן, וואָס זענען לפחות נישט גאווהדיק אין זייערע ווערטער און אין זייער בליק. עס קאָן זיין, אַז ער טראַכט אין דעם הארצן פון דעמדאָזיקן זעלנער צו געפונען דאָסדאָזיקע געפיל, וואָס עס פעלט די כהנים, וואָס שטייען פאַר דער מויער, ווייל ער ענטפערט מיט אַ פראַגע:

— ציי דו אַליין זאָגסט דאָס, ציי אַנדערע האָבן דיר דאָס-דאָזיקע געזאָגט?

פילאַטוס צעלאַכט זיך, און פונקט ווי אין אַ יידישן וכוח, ענטפערט ער אָפּ:

— ציי בין איך אַ ייד? — דאַן נעמט ער צוריק דעם אָפיציעלן טאָן און פילאַטוס זאָגט:

— דיין פאָלק, די כהנים, האָבן דיך איבערגעגעבן אין מיינע הענט. וואָס האָסטו געטון?

און ווידער לאָקט עס ישון קלאָר צו מאַכן דעם הייד און דעם, וואָס זיינע שונאים און די אייגענע ברידער האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין. אפשר וועט ביים סוף פון דעמדאָזיקן וועג אַ זעלנער פאַרשטיין אים, אַ געוויינלעכן בעל-מלאכה, און מיט אַ טאָן פון זיין געבוירט-שטאָט נצרת, מיטן שטילן מילדן קול פון אַמאָל, זאָגט ער, און זיינע ווערטער קלינגען, ווי אַ ווידוי:

— דאָס קעניגרייך מיינס איז נישט פון דער וועלט. ווען מיין קעניגרייך וואָלט געווען פון דער וועלט, וואָלטן מיינע דינער מיך פאַרטיידיקט, אַז איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די יידן.

אַ דערשטוינטער הערט דער זעלנער אויס זיינע ווערטער. איז עס, הייסט עס, נאָר בלויז אַ טרוימער, מיט וועלכן ס'וועט

זיך נאָך אפשר איינגעבן צו באַנוצן זיך מיט אים קעגן די יידן, וואָס זענען אָפטמאָל אַזוי איינגעעקשנט. ער פרעגט אים דאַן מער לעבעדיקער:

— ביסטו דאָס טאַקע דער מלך?

דער געפרעגטער שאָקלט מיטן קאָפּ, וואָרים ער זעט, אַז דער הייד וויל אים פאַרשטיין. ער ענטפערט אָפּ:

— יאָ, איך בין מלך. איך בין דערצו געבוירן געוואָרן און איך בין געקומען אויף דער וועלט, כדי צו געבן אַ באַשטעטיקונג דעם אמת. יעדער איינער, וואָס שטאַמט פון אמת, הערט זיך צו צו מיין קול.

ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געענטפערט וועגן זיין שליחות אויף אַזאַ וועלטלעכן אופן. און פילאַטוס פרעגט זיך אַליין:

— אַ פילאָזאָף? מיט אַזאַ מענטש וואָלט ער גאַרנישט געהאַט וואָס צו מאַכן. בכן פרעגט ער אים האַלב איראָניש:

— אמת? וואָס איז דאָס אַזוינס דער אמת?

אַזוי שטייט אַ ווייַלע איינער קעגן אַנדערן: דער געשמידטער ייד און דער רוימישער ריכטער אויפן הויף פון פעסטונג, אַרומגערינגלט מיט העלמען און שווערדן, איינער אַ באַוואָפנטער, אין אַ קורצער טאָגע, דער צווייטער, אַן אומבאַוואָפנטער, אין אַ גרויען מלבוש. אָט אַזוי זענען זיי געשטאַנען און אויסגעטוישט צווישן זיך עטלעכע געדאַנקען, ווי עס וואָלט זיך דאָ נישט געהאַנדלט וועגן אַ באַשולדיקטן און אַ ריכטער, אַ בעטלער און אַ האַר, ווי איינער וואָלט נישט געקעמפט פאַר זיין לעבן, און דער אַנדערער וואָלט נישט געהאַלטן דאָסדאָזיקע לעבן אין זיין באַוואָפנטער האַנט. נאָר זיי זענען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, ווי דער בעטלער וואָלט געווען אַ מלך, און יענער, דער שליח פון קיסר, וואָלט בלויז געווען אַן אָרעמער דינער, וואָס דאַרף אויספירן זיין פליכט. אַזוי זענען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן ישו און פילאַטוס, פאַרטראַכט, האַרכנדיק, פרעגנדיק, — ביז ס'האָט זיך נישט דערהערט דאָס וואָרט „אמת", וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דעם וועלט-מענטש און דעם נביא.

פילאַטוס אומקערנדיק זיך צו די כהנים האָט ער זיי געמאָלדן:

— אין דעמדאָזיקן מענטשן זע איך נישט קיין שום שולד.

און ווידער האָבן זיך דערהערט קולות פון המון:

— ער האָט געהעצט דאָס פאָלק! איבערן גאַנצן לאַנד האָט ער געפּריידיקט דאָס זעלבע, וואָס יהודה, וועלכער האָט אויך אָנגעהויבן זיין אויפשטאַנד אין גליל!

גליל? דאָסדאָזיקע וואָרט צווינגט דעם רוימער זיך צו פאַרטראַכטן. דער מאָמענט פון אָנגעשטרענגטקייט גייט פאַרביי און ווידער באַקומט די איבערהאַנט דער ווונש, אַנטקעגנצוקומען דידאָזיקע אַלע מאַדנע און טיילמאָל אומאָנגענעמע שטרעבונגען, וואָס וועקן זיך אין דערדאָזיקער אייגנאַרטיקער גאָטס מלוכה. ווי פּילאַטוס האָט זיך נאָר דערוווּסט, אַז דער באַשולדיקטער איז טאַקע אַ גליליייער, האָט אַ טלי געטון אין אים אַ פונק פון האָפנונג, אַז עס וועט זיך איט איינגעבן אַרויסצודרייען זיך פון דערדאָזיקער אומבאַקוועמער לאַגע, ווייל גליל פאַלט נישט אַרונטער דער רוימישער מאַכט, נאָר אונטער דער הערשאַפט פון הורדוסן, און הורדוס איז טאַקע נעכטן געווען אויף אַ באַזוך ביי פּילאַטוסן. נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, גייט פּילאַטוס אַרויס. אויפן הויף און באַפעלט זיינע זעלנער אָפּצופירן דעם באַשולדיקטן דורך אַ זייטיקן טויער צום גרויספירשט, כדי דעם לעצטן איבערצופרעגן, צי ער וואָלט נישט געוואָלט איבערנעמען דעם גאַנצן ענין.

הורדוס האָט זיך אין גרויס אומרויקייט דערוווּסט אין די טעג, אַז דער אויפגעשטאַנענער יוחנן געפינט זיך אין שטאָט. ער האָט וואַרשיינלעך שוין געהערט וועגן די סכסוכים און וועגן די קאַמפן מיטן נביא, און היינט באַגינען האָט ער שוין אַוודאי געהערט וועגן פּראָצעס און וועגן אורטייל. און מיט אַ געפיל פון נייגעריקייט און אומרויקייט קוקט ער צו דער טיר, בעת ס׳ווערט אים געמאָלדן, אַז מ׳האָט געברענגט צו פירן דעם נביא. ניין, צו יוחנן איז ער לחלוטין נישט ענלעך, אָבער אפשר וועט ער זאָגן עפּעס אַ קלוג וואָרט, אפשר וועט ער מיט איין זאַץ צעטרייבן זיינע אומהיימלעכע געפילן, וואָס וועקן זיך ביי אים ביים דערמאַנען זיך אָן דעם דערמאָרדעטן יוחנן. און הורדוס פאַרגיט

ישון „אַסאַך פּראַגעס״, אָבער מיר ווייסן נישט, וואָס ער האָט אים געפרעגט.

אָבער ישו האָט אים לגמרי נישט געענטפערט. שטייענדיק אַזוי פאַר הורדוסן, טראַכט ער נאָר וועגן איינס: אָט שטייט דאָ דער, וואָס אָן זיינע אָנגענומענע באַשלוסן, וואָלט דאָס גאַנצע לעבן זיינס געפלאָסן כסדר אומבאַמערקט פאַר דער עפנטלעכקייט, און ער וואָלט נישט דערגאַנגען צו אַזאַ טאָג, ווען עס דאַרף זיך ענדיקן זיין לעבן. און דעמדאָזיקן מענטשן דאַרף ער ענטפערן, געבן צו פאַרשטיין דעם צוזאַמענשטעל פון די שטערן, דאָס נביאות, פאָרזאָגן די צוקונפט? אָבער ער שווייגט, ווייל ער האָפט שוין נישט אויף הילף פון מענטשלעכע הענט. ער שווייגט, וואָרים אָט דער ייד און יענער הייד זענען נישט מער ווי שאָטנס פאַר די „בליקן, וועלכע קענען זיך דורך הימלען אַדורכרייסן.

הורדוס נעמט אים דעריבער אָן פאַר אַ שוטה, וואָס האָט אַליין זיך צוגעאייגנט יוחננס רום, הגם ער פאַרמאָגט נישט יענעמס חכמה. פון אַזאַ מענטש קאָן מען נאָר אַ ביסל אָפּחוזקן. ער האָט געהייסן אָנטון אים אין אַ ווייסן מאַנטל און ער האָט אים אָפּגעשיקט צוריק צו פּילאַטוסן, אַלס אומגליקלעכן גייסטיק-קראַנקן מענטש.

פּילאַטוסעס ווייב, וואָס האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, האָט זיך דערווייל צוגעקוקט צום פאַרמשפּטן, וועגן וועלכן זי האָט זיך היינט אָנגעהערט אויסערגעוויינלעכע זאַכן. אין משך פון די אַלע יאָרן, וואָס זי האָט פאַרבראַכט צווישן יידן, האָט זי אַסאַך נאָכגעדענקט וועגן דעם, וואָס זי האָט געלערנט פון די רוימישע און אַלעקסאַנדרישע פילאָזאָפן און פון די שמועסן מיט די אָרטיקע לערער. דער אַבערגלויבן האָט זיך ביי איר אויסגעמישט מיט די פילאָזאָפישע ידיעות, און וואַרשיינלעך מיטן געפיל, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט אַלע פרויען, ווען זיי האָבן דערזען דעם מאַן פון נצרת. זי שיקט באַלד אַוועק אַ שליח צו איר מאַן און זי לאָזט אים וואָרענען:

— טו נישט קיין שום שלעכטס דעמדאָזיקן יושרדיקן

מענטש, וואָרים הייַנטיקע נאַכט איז ער מיר געקומען צו חלום און כ'האָב אַסאַך צוליב אים געליטן.

מיט איר וואָרנונג באַשטעטיקט זי נאָר דעם ערשטן אײַנדרוק פונם רוימער, אַז מ'האָט נאָר דאָ צו טון בלויז מיט אַ פּרוימער און גאָרנישט מער. ער פּאַלט אַריין אין אַ כעס צוליב די עקשנות פון די כהנים, וואָס ווילן זיכער צוליב זייערע שונאן און סעקטעס פּטור ווערן פון אַ קאָנקורענט, וואָס רייסט ביי זיי אַוועק די פּריינטשאַפט פונם פאָלק, בכן גייט ער צום דריטן מאָל אַרויס פאַרן טויער און ער דערקלערט:

— איך האָב אויסגעפאָרשט דעמדאָזיקן מענטשן אייערן און איך געפין נישט אין אים קיין שום שולד. אויך הורדוס האָט נישט געפונען אין אים אַזוינס, פאַרוואָס ס'זאָל אים קומען שטראָף. איך וועל אים הייסן געבן מלקות און כ'וועל אים אַרויסלאָזן!

אומזיכער, וואָס ווייטער וועט געשען, שטייען איינער קעגן אַנדערן די יידן און די רוימער.

אין דער רגע קומט אָן אַהער פון שטאָט אַ המון מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט, כדי היינט, אין יום-טוב פּסח, אויספירן אַן אַלטן פאָלקס-מנהג: אין טאָג פון יציאת-מצרים, האָבן די רוימער יאָר-יערלעך באַפרייט איינעם פון די פאַרמשפּטע צום טויט, ווי זיי וואָלטן מיט דעם פאַקט סימבאָליזירט אַ פאַרמילדערונג פון דער רוימישער הערשאַפט און פון דער יידישער קנעכטשאַפט. און איצט לויפט דער המון אויף די גאַסן, מיט אַ פירער אָן דער שפּיץ, און ווי קינדער שרייען דידאָזיקע מענטשן פאַרן טויער פון די מאַכט-האָבער, טראַכטנדיק מער וועגן אָפּהיטן דעם אַלטן מנהג, איידער ווי וועגן אָפּצוראַטעווען אַ מענטשנס לעבן.

— ס'איז שוין פּסח! גיב אונז אַרויס איינעם פון די פאַרמשפּטע!

— צי איז דאָס נישט אַ מאָדנער צייכן — טראַכט ביי זיך פּילאַטוס און ער ווענדעט זיך צום פירער פונם המון: — אויב איר ווילט, וועל איך אייך אַרויסגעבן דעם יידישן מלך!

דער המון דערהערט נישט דעם טאָן פון חוזק, וואָס ליגט

אין זיינע ווערטער, אויך די כהנים באַמערקן דאָס נישט, ווייל זיי האָבן וועגן אַסאַך וויכטיקערס צו זאָרגן, זיי קענען די פאַרענ־דערלעכקייט ביים פאָלק און זיי ווייסן, אַז ס׳איז גענוג איין וואָרט, איין אויסגעשריי, וואָס וועט באַלד ווערן טויזנטפאַך שטאַרקער און דער געפערלעכער נביא, וואָס שטייט, דאַכט זיך, אונטער דער שוץ פון די רוימער, וועט זיין פריי! און איינער צווישן זיי אָריענטירט זיך גיך, עס קומט אויפן געדאַנק אַן אַנ־דערער געפאַנגענער, דער לעצטער פון די פרייהייטס-קעמפער, וואָס זענען אינדעראמתן פאַר די כהנים אומבאַקוועם, אָבער דערפאַר זענען זיי ליב דעם פאָלק. דערדאָזיקער מענטש, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן דעם לעצטן האַרבסט, איז מיט אַ מחנה גליליייער אָנגעפאַלן אויף אַ רוימישער וואַך און זי באַליידיקט, ער איז יהודהס אַ נאָכפאָלגער, איינער פון די קנאים. און, ווי אַ לאָזונג, וואַרפט דער כהן אין המון אַריין דעם נאָמען פון בר-אבא.

— בר-אבא! — הערט זיך תיכף אַ געשריי, וואָס קומט פון דער זייט, ווו עס שטייט דער העכסטער ראַט, ווייל אַלע פאַרשטייען זיי וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. — בר-אַבא! — כאַפּן אונטער די, וואָס שטייען נאָענט פון זיי. — בר-אבא! — הילכט אָפּ מיט אַ געשריי דער גאַנצער שטח, וואָס איז פול מיטן המון. אַזוי שרייען אַלע, אַפילו די וואָס קענען אים נישט:

— גיב אונז אַרויס דעם אַרעסטאַנט בר-אבא!

נאָך איינמאָל פּרוּווט פּילאַטוס צו ראַטעווען דעם טרוימער. ער וויל זיין געדעקט מיט דעם שווערן אורטייל פאַר די כהנים און אוודאי אויך פאַרן פאָלק. און מחמת דעם, וואָס די פייער־לעכקייט פונם יום-טוב דערלויבט אַפילו צו אַמנעסטירן צוויי פאַרברעכער, לייגט ער אַליין אַריין אַן ענטפער אינם מויל פונם פאָלק, בעת ער ווענדעט זיך צו זיי מיט דער פראַגע:

— וואָס זאָל איך טון מיט דעם, וואָס איר באַשולדיקט אין דערקלערן זיך אַלס יידישער מלך?

— קרייציק אים! — רופט זיך אָפּ אַ קול פון דער מחנה כהנים. — קרייציק אים! — שרייט מיט די גאַס און דער מאַרק,

און טויזנטער פון די שרייערס, ווייסן אפילו נישט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. אַזוי האָט דער המון געשריגן תּמיד און אַזוי וועט ער ווייטער שרייען אפילו אין צוויי־טויזנט יאָר אַרום.

אָבער דער רוימער פּרוווט נאָכאַמאָל אַפּעלירן צום המון:

— אָבער וואָס פאַראַ שלעכטס האָט ער געטון?

און איינער פון די קלוגסטע ענטפערט אים:

— ווער עס דערקלערט זיך אַליין פאַר אַ מלך, דער איז קעגן קיסר! אויב דו וועסט אים אַרויסלאָזן, ביסטו נישט קיין פריינט פון קיסר!

איבער פּילאַטוסעס פּנים לויפט אַדורך אַן אומבאַמערקבאַרער שמייכל. ער האַקט אָפּ מיט דעם ענין און ער באַמיט זיך, אַז דער התפּעלותדיקער גלויבן פון דידאָזיקע מענטשן פאַרן קיסר, זאָל אויסגעדריקט ווערן נאָך שטאַרקער, כּדי ער זאָל דאָס קענען מודיע זיין וועגן דעם קיין רוים, ווי וועגן אַ פּאָליטישן נצחון, בכן רייצט ער דאָס פאָלק מיט זיין פראַגע:

— ווילט איר, הייסט עס, אַז איך זאָל אייער מלך קרייציקן?

— מיר האָבן נישט קיין מלך, מיר האָבן בלויז אַ קיסר!

פּילאַטוס גיט זיך אונטער: וואָס פאַר אַ גרונד האָט ער זיך אָנצונעמען פאַרן טרוימער, וועלכער, אין תּוך גענומען, גייט אים ווייניק־וואָס אָן. ער גיט אַ צייכן, אַז מ'זאָל דעם געפאַנגענעם אַרויספירן.

— אָבער וויאַזוי?

בעת פּילאַטוס האָט שטייענדיק אויף דער טריבונע, אונטערגעהאַנדלט מיטן המון, האָבן די זעלנער זיך דערווייל פאַרווילט מיטן פאַרמשפּטן און פון אים אָפּגעחוזקט. זיי האָבן געוווסט, אַז סיי־ווי וועט מען אים געבן מלקות, בכן האָבן זיי אַראָפּגענומען פון אים דעם מאַנטל, וואָס הורדוס האָט געהייסן אים אָנטון, און זיי האָבן אים געשמיסן מיט ריטער. דערנאָך, ווען ער האָט זיך באַדאַרפט צוריק אָנטאָן, איז זיי געקומען אויפן געדאַנק, איבערצוטון אים פאַר אַ מלך. זאָל ער אויסזען ווי אַ מלך! איינער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע אַקסלען אַ

מיליטערישן מאַנטל מיט קלאַמרעס, אַ צווייטער האָט אים אַריינגע־שטעקט אין דער האַנט אַ טראָסטענע פּאַר אַ סצעפּטער און אַ דריטער האָט אין גאָרטן אָפּגעשניטן עטלעכע דערנער־צווייג־לעך און זיי אַריינגעשטעקט אין זיינע לאַנגע האָר, ס'זאָל אויסזען ווי אַ קרוין.

און ווען ישו איז אַזוי איבערגעטון אַרויסגעגאַנגען פון טויער, האָט דער המון אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, — און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרשפּילט, האָט נאָך אין האַרצן פון וועלטלעכן מאַכטהאָבער אויפגעטויכט אַ געפיל פון אַכטונג צו דעמדאָזיקן טרעגער פון גייסט, און ער ווענדעט זיך צו די הויפּט־מענער, וואָס רינגלען אים אַרום און ער זאָגט צו זיי אויף לאַטיין, אַז נאָר זיי זאָלן פאַרשטיין:

— Ecce homo!*)

## ד

אָ, ווי שווער ס'איז דער קרייץ! צי איז ווייט דער וועג? דער טויט וועט זיין אַ גרינגער, ער וועט אינגאַנצן נישט זיין, — דער פאָטער אין הימל וועט דאָך אויסשפּרייטן זיינע אָרעמס און ס'וועט זיך אָנהייבן דער חסד, וואָס איז אין גאָטס גבורה!

אָבער דער וועג דורך דער שטאָט איז לאַנג, דער טאָג איז אַ הייסער און צו שלעפּן אַ צעדערבוים איז שווער. אינמיטן איז אַ טיפער אויסשניט, ווי אַ פונדאַמענט־באַלקן, נאָר דאָס איז שלעכט געמאַכט; אויף דער לינקער זייט איז ער נישט גלייך. אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין, איז ער גענוג פעסט, ער זאָל אויס־האַלטן אויף זיך די משא פון אַ מענטש!

כדי אָנצוקומען אין גאָטס קעניגרייך, דורך די בלויע הימלען, איז נישט נויטיק קיין קרייץ, נאָר גאָטס חסד! ווען וועט ער שוין קומען? צי וועט גאָטס פּנים זיין אין די וואָלקנס? צי וועט עס אויך זיין באַמערקבאַר פאַרן אויג? צי וועט ער

*) אָט דאָס איז אַ מענטש! מ. פ.

איינהילן דעם קרייץ אין אַ וואָלקן און אַוועקנעמען אים פון די אויגן פון די לעבעדיקע? וואָרים גאָט קאָן דאָך דערהרגענען מיטן בליק, ווי עס דערציילן די אַלטע נביאים. און אפשר וועט ער נישט קומען אליין, נאָר ער וועט אַראָפּשיקן אַ טויב, ווי דעמאָלט ביים ירדן, און זיין קול וועט ער שיקן דורך אַ שטיל דונערן? דאָסדאָזיקע קול האָט זיך דאָך שוין מער נישט אָפּגערופן אַזוי קלאָר און צאַרט! „זון מיין ליבער״ — דאָס האָט ער שוין קיינמאָל נישט געהערט. שמעון האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהערט דאָס קול און דידאָזיקע ווערטער אויפן באַרג לעבן קטריא־פיליפּי. היינט וועט זיך דאָסדאָזיקע קול ווידער אָפּרופן!

פאַרוואָס טרייבן זיי און שטויסן אים? צי זענען דידאָזיקע זעלנער שלעכטע מענטשן? זיי פירן בלויז אויס, וואָס מ'האָט זיי באַפוילן, און דער, וואָס האָט זיי באַפוילן, האָט בלויז אויסגעפירט דעם ווילן פון די כהנים. אַז די כהנים דערקענען נישט גאָט, טאָ וואָס איז דאָס זייער שולד? זיי ווייסן נישט, וועמען זיי ברענגען אום. עס קאָן זיין, אַז גאָט איז צו זיי נענטער, ווי ס'דאכט זיך זיי. דער אויסדרוק אויף זייערע פּנימער איז טאַקע געווען אַ בייזער, אָבער דער המון איז דאָך צו זיי צוגעשטאַנען, און דער המון האָט דאָך לסוף אויך פּילאַטוסן געמאַכט פאַר זייער קנעכט. אַן איינשעהדיקער שמועס מיט פּילאַטוסן וואָלט שוין געווען גענוג, און ער וואָלט געגאַנגען מיט אונז! ווהין? צוריק אויף יענער זייט ירדן! דאָ וואַקסן נישט קיין שום פרוכטן. ירושלים איז פון אַ שטיין.

ווי שווער דאָס איז! דאָס האָלץ האָט נאָך אַפּנים נישט אויסגעטרוקנט. אָ, דער, וואָס שטייט דאָרטן ביים וועג, איז יונג און קרעפטיק, זאָל ער טראָגן אַ שטיקל וועג, ס'איז שוין נישט ווייט! אַ גוט אויג האָט דערדאָזיקער מענטש און ער איז דאָך אַזוי גרייט צו דינען! אָט טראָגט ער אַ שווערן באַלקן פאַר אַ פרעמדן מענטשן, ער האָט פאַרשטאַנען די ידיעה וועגן דער פרייליכער בשורה, הגם ער האָט זי לחלוטין נישט געהערט. הייסט עס, אַז אין דער לעצטער מינוט קריגט ער נאָך צו אַ תלמיד. און ווו זענען די איבעריקע?

בעת דער קרייץ וויגט זיך אויף די קרעפטיקע אַקסלען פון אַ יונגערמאַן, וואָס גייט פאַלנדיק אין דער שפּיץ פון צוג, שלעפּט זיך דעמאָלט אונטער אים נאָך אַ בלייכער פאַרמשפּטער, פלוצלינג פאַרעלטערט, וואָס ווערט געשטויסן פון זעלנער.

אַן אָפּטיילונג זעלנער פירט אים, דער הויפּטמאַן פאָרט שווייגנדיק לעבן די זעלנער, ווייל דאָס קרייציגן איז ביי די זעלנער נישט אַזאַ אָנגענעמענע מלאכה, און דאָס וואַכן ביים צלם איז נאָך ערגער. לעצטנס האָט מען באַדאַרפט וואַרטן צוויי טעג, איידער דער פאַרמשפּטער איז אויסגעגאַנגען.

אויף אַ באַרג עטוואָס ווייטער שטייט אַ צווייטע אָפּטיילונג, וואָס גראָבט שוין און מייסטרעוועט אַרום צוויי צלמים, וואָרים עס זענען פאַראַן צוויי יידן, אַ רויבער און אַ מערדער, וואָס דאַרפן היינט אָפּקומען פאַר זייערע פאַרברעכנס. בעת אַ טייל פון די זעלנער גראָבן גריבער, שלאָגן די איבעריקע צו צו די צלמים די מענטשן, וואָס ליגן אויף דער ערד. איינער פון זיי, ווערט זיך, אָבער באַלד כאַפּן אים אָן קרעפטיקע פויסטן, ווייל דאָ שפּילט מען זיך נישט מיט זיי. מ'הערט זיך נישט צו צו זיין געשריי, גרויסע טשוועקעס ווערן אים אַריינגעקלאַפּט דורך זיינע הענט, דאַן איין טשוואָק דורך ביידע פיס. זיי פעסטיקן גוט צו דעם קערפּער, כדי מ'זאָל נישט דאַרפן קאַליע מאַכן קיין שטריק! דער גוף איז צוגעפעסטיקט צו אַ קרומער לייסט, די פוסטריט זענען אָנגעשפּאַרט אין אַ ברעטל, כדי דער גוף זאָל זיך נישט אַראָפּלאָזן פון דער אייגענער משא. איצט רוקן זיי צו די צלמים צו די גריבער, וואָס זענען פריער אויסגעגראָבן געוואָרן און זיי רופן צו חברים, אַז זיי זאָלן העלפן די שווערע צלמים אריינשטעלן. מען פאַרשיט גיך דעם גרוב און מען באַוואַרפט אים מיט שטיינער. כמעט אין איין רגע הויבן זיך אויף פון דער ערד ביידע צלמים מיט די שרייענדיקע מענטשן און זיי שטייען אין דער צאַפּלדיקער היץ פון דער בלויער לופט.

דער דריטער פאַרמשפּטער קוקט זיך צו צו דעם אַלעמען, אָבער עס זעט אויס ווי ער וואָלט נישט געזען. מערדער און גנבים, טראַכט ער ביי זיך, אָרעמע מענטשן, פאַרפירט און

אומגעברענגטע! קליינע ברעטלעך איבער זייערע קעפּ, זאָגן אַז אין דריי שפּראַכן זייערע פאַרברעכנס און אורטיילן. ער זוכט זיין ברעטל. אין דער אויסער רגע קלאַפּט עס צו צום ליגנדיקן קרייץ אינדערהייך אַ נידעריקער קרעפּטיקער זעלנער, וועלכער האָט אים מיט אַ ווילדע פריער אַ שטויס געטון מיטן פוס „Rex Judaeorum“*? צי האָט ער זיך דען ווען ס'איז אַזוי אָנגערופן? אָדער אפשר אַלץ, וואָס קומט דאָ פאָר, איז נאָר אַ משוגעת פון מענטשן, וועלכע גאָט האָט געשלאָגן מיט בלינדקייט? תיכף! תיכף וועט ער זיך באַווייזן אין פראַכט פון זיין אמת.

און אָט, בעת ער גיט זיך אַזוי אָפּ די מחשבות און האָפּנונגען, דערפילט ער פלוצלינג, ווי שרעקלעכע פויסטן קלאַמערן זיך איין מיט די נעגל אין זיינע אָרעמס, עפּעס וואַרפט אים אַנידער אויף דער ערד, שלעפּט אים און קערט אים איבער; ער זעט, ווי אַ ריזיקער טשוואָק וואַקסט אויס פאַר זיין אויג, שרעק רייסט זיך אַריין אין דעמדאָזיקן מוח, וואָס האָט נאָך מיט אַ ווילדע פריער געטראַכט און איבערגעלייגט, דעם גוף ציען זיי ווייטיקלעך אויס און אַ שטערבלעכער ווייטיק באַפרייט אים פון זינען.

ווען ער דערוואַכט פון דער חלשות, הויבן זיך אָן די אויגן און דער קאָפּ פּאַמעלעך צו עפענען צווישן צוויי ווונדן, וואָס ברענען ווי אַ פייער. די קרייצן וואָס שטייען אויף דער לינקער און רעכטער זייט זאָגן אים, וווּ ער געפינט זיך. ניין, נישט אין הימל, דאָס פילט ער און זעט דייטלעך. אונטער זיך זעט ער ליגנדיקע זעלנער: טייל טרינקען, אַנדערע שפּילן אין ביינדלעך, ווי דורך אַ נעפּל דערקענט ער זיין מאַנטל, וואָס ליגט ווי אַ שרירות צווישן די זעלנער. אָט איצט קוקן זיי צו אים, ווייל אפשר האָט ער אַ זיפץ געטון; עמעצער גיט אַ צייכן, אַ שפּיז דערנענטערט זיך צו אים, און אויף אים אַ שוואָם, עמעצער זאָגט אויף גריכיש, ער זאָל טרינקען, אַז דאָס פאַרשכורט.

*) Rex Judaeorum — ייִדישער מלך.

איצט ערשט וואַכט ער אויף, אויף אַן אמת. מיט דער לעצטער מענטשלעכער אָנשטרענגונג ווערט ער זיך, קערט ער אָפּ דעם צעפלאַמטן קאָפּ, זעט, אַז דער מענטש, וואָס שטייט אונטער אים הויבט מיט די אַקסלען. די שפּיז דערווייטערט זיך. ער וויל זיך נישט פאַרשכורן! זאָל ער אַדורכלאָזן דעם אויגנבליק, אויף וועלכן ער וואַרט אַזוי און נאָך דערפאַר, כדי ער זאָל פאַרלייכטערן דעם ווייטיק פון זיינע הענט? ווען דאָ זאָלן אַזוי זיין די תּלמידים, זיי זאָלן זען דעם אָנקומענדיקן חסד.

אַלע זענען ווייט, דאָס פאָלק איז ווייט, וואָרים אין שטאָט הערשט אַ פרייִלעכע יומטובדיקע באַוועגונג. מיט האַרטע בערגלעך הויבט זיך אויף פאַר זיינע אויגן די שטאָט, די באַפעסטיקטע: ירושלים! פונווייטן אויף לינקס גלאַנצט דער קופּאָל: דאָס איז דאָס בית-המקדש. אָטאָ דאָרטן, טאַקע דאָרטן האָט ער געוואָלט מנצח זיין! וואָס האָט ער דאָרטן געטון? צי איז ער נישט שטערבלעך אָנגעפאַלן אויף די כהנים? יאָ, זיי האָבן זיכער געפילט, אַז צוזאַמען מיט אים גייט אויף אַ נייע אָרדענונג און אַז דער אַלטער בית המקדש צעפאַלט זיך! וואָס פאַראַ קאַמף דאָס איז, און ווען זשע וועט ער זיך ענדיקן!

אינדעם זעט ער צוויי וואַנדערער, וואָס גייען מיטן וועג. זיי קוקן צו אים, ער אָבער הערט זייערע ווערטער, ווייל דער קרייץ איז אויפגעהויבן נאָך עטלעכע פוס איבער דער ערד:

— קוקט אים אָן, ווי ער לייגט איין דאָס בית-המקדש און אין משך פון דריי טעג בויט ער עס אויפסניי אויף!

ער האָרכט זיך איין אין זייערע ווערטער. אַ רייסנדיקער ווייטיק צווינגט אים, ער זאָל פאַרהאַלטן דעם באַוווסטזיין, ער קוקט אַראָפּ אונטן אין הערט, ווי יענער זאָגט:

— אויב ביסטו דער אויסלייזער, מלך פון ישראל, טאָ גיי אַראָפּ פון קרייץ, אַז מיר זאָלן זען און גלויבן!

אַ שוידער לויפט אין אים אַדורך. צי האָבן אַמאָל נישט די וואַנדערער קיין רעכט? ווען וועט געשען דער נס? נאָר אָט רופט זיך אָן פון דער רעכטער זייט פון קרייץ אַ קול פול מיט

חוזק. דער מערדער האָט אויך געהערט די ווערטער פון די אַדורכגייער, בכן שרייט ער:

— אויב דו ביסט דער אויסלייזער, זיי מציל זיך אַליין און אונז!

אָבער דער צווייטער אויסוווּרף הענגט אַ פאַרצוויפּלטער און שרייט פון דער צווייטער זייט:

— האָב מורא פאַר גאָט! מיר לײַדן די גערעכטיקע שטראָף ווי מערדער, אָבער דער האָט קיין שום שלעכטס נישט געטון! האַר, געדענק אָן מיר, ווען וועסט קומען אין דײַן קעניגרייך!

ישו נעמט אויף דידאָזיקע ווערטער ווי אַ שטראַל. די חוימער ביים קרייץ לאַכן וואָס אָן אמת, ווי די דריי געקריי-ציקטע יידן רעדן צווישן זיך אַזוי טייוולאַניש, אָער ער הערט נאָר דאָס קול פונם גלויביקן! דער גנב און מערדער פילט און זעט פאַר די מאַכט פונם מענטשנזון, קרעפטיקט זיין צעריינענדי-קע האָפנונג, ס'איז עפּעס אַזוי, ווי גאָט אַליין וואָלט אים דער-מאָנט דורך דעם נידעריקסטן מענטשן פון צווישן זיינע ברידער, אַז ער זאָל אויסהאַלטן און גלויבן. דאָס וואָרט פון קעניגרייך האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגערופן, פון דערהויך, פון דער לופט, הגם נאָר פון קרייצבוים, בכן עפנט ער אַליין אויף דאָס בלוט-לאָזע מויל און ער שעפּטשעט אָן ענטפער, וועלכן יענער קאָן נישט דערהערן:

— היינטיקע נאַכט וועסטו זיין מיט מיר אין גן-עדן.

נאָך היינטיקע נאַכט? און בכן האָט ער נאָך האָפנונג! באַלד — אינגיכן מוז אים דער פאָטער אין הימל אויסלייזן! די רייסנדיקע ווייטיק און די ווונדן אין האַרצן און אין די גלידער קען דאָך נישט זיין זיין ווילן! ער האָט געקעמפט פאַרן גלויבן און פאַרן געדאַנק פון דער רגע אָן, זינט די טויב און גאָטס קול האָט אים מודיע געווען, אַז ער דאַרף אָוועקוואַרפן זיין אַר-בעט און אומעטום מבשר זיין דאָס קעניגרייך פונם פאָטער אין הימל. צי איז דער גלויבן געווען אַ ליגן, און די דערשיינונג אָן אילוזיע? מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָבן אים געכאַפּט מענטש-לעכע הענט און אים אָריינגעשלאָגן טשוועקעס אין צוויי הענט,

וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט אויפגעהויבן צו שלאָגן? אָבער דאָס אַלץ איז נאָר דער פּרוזדור פון ליידן. טאָ פאַרוואָס איז אַזוי שרעקלעך די פּיין? וואָס דויערט זי אַזוי לאַנג?!

דער ווייטיק און די זכרונות הויבן זיך אָן קעגנזייטיק ארומצוקרייזן און דורכצודרינגען, דער פאַרשטאַנד וואַקלט זיך און לויכט גלייכצייטיק אויף, די געדאַנקען ווערן ענלעך צו פייגלן, וואַיענדיקע פייגלן, ווי די וואָס די דרום-זון שלייערט אויף די קרישלדיקע גלידער, גרויזאַמע פייגלן, וואָס לויפן פון דער הימל-בלויקייט אַנטקעגן דעמדאָזיקן שטערן. דאָס גוסטדיקע אויג בלאַנדזשעט אַרום. תּלמידים? פריינד?

זיי זענען זיך צעלאָפן!

ס'איז נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל שענקען דעם מייסטער צום לעצטן אַ טרייסטוואָרט. וועלכער זאָל אים קרעפטיקן מיט זיין אייגענער לערע, אין דעם אומגליק פון אַזאַ גורל! נישטאָ דאָ קיינער, וואָס וואָלט געקאָנט אונטערהערן דאָס לעצטע וואָרט פונם נביא, כדי ער זאָל דאָס איבערענטפערן די ווייטערדיקע דורות?

פונקט ווי זיי זענען נעכטן אַנטשלאָפן געוואָרן, און שפּעטער זענען זיי אַנטלאָפן, אַזוי דאַכט זיך, איז אַנטשלאָפן געוואָרן זייער פּלאַם, פאַרגעסן זענען געוואָרן זיינע לערעס, צערונען איז געוואָרן דער גלויבן, פאַנאַנדערגעפאַלן איז זיך זיין שליחות, אויסגעטריקנט האָט דער קוואַל פון ברידערלעכקייט! אַלץ איז שוין אומזיסט! נאָר עטוואָס ווייטער שטייען עטלעכע פרויען אין דיקע שלייערן. עס זעט אויס, אַז זיי וויינען. זיי נעמען זיך אַפּנים נישט דעם מוט אים צו באַגריסן! די מאַמע איז ווייט, פּונקט אַזוי די ברידער און די שוועסטער. די, וואָס שטייען דאָרטן און שלוכצן, זענען פרעמדע פרויען, און די, וואָס ליידט זיכער אַממיינסטן, איז יענע זינדערין, וואָס האָט מיט אירע לאַנגע האָר אָפּגעווישט זיינע פיסטריט, ווייט פונדאַנען, אין דער היימישער געגנט איבערן טייך. דריי אָרעמע פישערינס באַמערקן ביים סוף זיין בליק. זיי האָבן פאַרשטאַנען דאָס שליחות פון ליבע. אָבער יענע טויזנטער? צי וועט עפּעס אָפּגעראַטעוועט

ווערן פון דעם פייערלעכן זומער? צי וועט זיין שליחות האָבן אַ קיום, אויב זיינע תּלמידים זענען זיך צעלאָפן? און אויב וועט ער אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן, צי האָט ער נישט אַמאָל צופיל דערוואַרט און צי האָבן אַמאָל נישט געהאַט רעכט זיינע ברידער, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ וואַנזיניקן?

אָבער פון רגע צו רגע פאַרשטאַרקט זיך זיין ווייטיק, רייסט, שטעכט, דרייט זיך אַריין אין זיין פאַרחלשטן גוף, ווי אַ לעבעדיק פייער, ווי אַ צעיושעטע חיה.

ערשט נאָכן אָפּלויפן פון שעהן, ווען ער פילט שוין, ווי אין זיין שוואַכן גוף הויבט אָן פלאַצן דאָס האַרץ, ווען דער פאַרשטאַנד און די פאַנטאַזיע, גלויבן און האָפנונג ווערט פאַר-שטעלט פון אַ נעפּל, ווען שוין נאָר די ווייטיקן פון שרעקלעכן סוף שוידערן אויף זיין לייב, ער עפנט נאָכאַמאָל דאָס מויל, וואָס האָט אין משך פון די שעהן געשוויגן: מיט אַ געשריי זעצט אַרויס די גאַנצע מענטשלעכע פיין. יענע לעצטע באַנאַכטיקע אַנטוישונג אין גאָרטן פאַרטויזנטפאַכט זיך איצט אין זיין פאַר-צווייפלט האַרץ, דער פאַרלאַנג אויסצומיידן דאָס שטאַרבן אויף קידוש-השם ווערט אַ באַשולדיקונג, ס'זענען פאַרלאָשן געוואָרן אין דידאַזיקע צאַפּלענדיקע רגעס די טרוימען פון אַ איבער-מענטשלעך לעבן, ס'זענען זיך צעלאָפן אַלע געזונט-געוואָרענע, אַלע אויסגעלערנטע. אָך, יאָ, איצט איז שוין קלאָר: דער פאָטער אין הימל צו וועמען ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט הייסן גלויבן, האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם זון, וואָס האָט אַמהייסטן ליב, ער קוקט נישט דורך די וואָלקנס אויף די ליידן, דער גייסט זיינער איז ווייט, זיי האַרץ קלאַפּט אין די הימלען, די ערד איז פאַר-לוירן, דער זון איז פאַראיינזאַמט. דער פאָטער איז קיין פאָטער נישט, איינזאַם און הילפלאָז וועלקט דער שוואַכער גוף, עס פּלאַצט דאָס מענטשלעכע האַרץ און ישו שרייט אויס:

— מיין גאָט! מיין גאָט! פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט!

די זעלנער הערן אויף שפּילן איןביינדלעך, דער הויפּט-מאַן קוקט אַרויף צום געקרייציגטן, ער הייסט איינעם פון די זעלנער אַרויפגיסן אויף אַ שוואָם אַ זעלנערישן געטראַנק און

דערלאַנגען דעם פאַראורטיילטן, ווי מ׳האָט אים פריער דערלאַנגט, כדי צו פאַרשיכּורן. פאַר די גוססדיקע אויגן פון שטאַרבנדיקן באַווייזט זיך אַ שפּיז און פאַרהאַלט זיך פאַר זיין מויל. ער זויגט דעם געטראַנק פון דער שוואָם, ווייל די לעצטע האָפנונג איז שוין צערינען. איצט קערט זיך אויפסניי אום די ווייטיק פון צעריסענעם פלייש, פון זיין ברוסט רייסט זיך ארויס אַ שאַרף געשריי.

מיט אַ געשריי האָט זיך פאַרענדיקט דאָט לעבן, וואָס האָט אין משך פון דרייסיק יאָר זיך אָפּגערופן נאָר מיט אַ זאָרגפעלטיק קול פון אַ ליבנדיקן, שטיל, באַרויקנדיק, דאָס לעבן, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ שטום געזאַנג פון אַ מענטשלעך האַרץ.

## ח

— שוין געשטאָרבן? — פרעגט פּילאַטוס, ווען אַ געווויסער יועץ איז געקומען צו אים מיט אַ ביטע וועגן גוף; וואָרים וועדליג די רוימישע מנהגים איז דער גוף דאָס אייגנטום פון דער משפחה און פריינט און דערדאָזיקער רייכער מענטש געהערט צו די אַנהענגער פונם נביא. אָבער ערשט ווען ער דערהאַלט פון הויפּטמאַן אַ באַשטעטיקונג אויף דער ידיעה, אַז דער פאַראורטיילטער איז נאָך מיט עטלעכע שעה צוריק געשטאָרבן אויפן קרייץ, איז דער גובערנאַטאָר מסכּים, אַז מען זאָל אים נישט צעברעכן די געלענקן, מיט וואָס מ׳האָט ביי יענע צוגעאיילט דעם טויט, וואָרים מאָרגן איז שבת און בכן דאַרף מען זען מיט אַלעמען זיך היינט אָפּצופּאַרטיקן.

איילנדיק זיך, אַז קיינער זאָל זיך נישט מישן צום דאָזיקן ענין, נעמען זיי אים אַראָפּ פון קרייץ: דער פרעמדער יועץ און דייגע תלמידות. בלייכע געשפּענסטער, אַ ווייס לײַלעך און גיך מיטן גוף אין נייעם קבר פון דעם רייכן יועץ. דעמדאָזיקן קבר האָט ער זיך געהייסן איצט נישט לאַנג אויסהאַקן אין אַ פעלז אונטער דער שטאָט אין זיין גאָרטן. אַז עס וועט אַוועק דער שבת, וועלן זיי אים קובר זיין לויטן דין, איצט האַנדלט זיך נאָר

אין דעם, אויסצומיידן דאָס מישן זיך פון די כהנים, בכן דאַרף מען זיך איילן, ווי מ'וואָלט אַנטלאָפן. נישט קיין קטרת, נישט קיין זאַלב, נאָר דאָס, וואָס די עפענונג פון קבר ווערט צוגעדעקט מיט אַ גרויסן שטיין. ווייל אָט באַווייזט זיך שוין דער ערשטער שטערן, און ערשט נאָך שבת וועט מען אים קאָנען טון זיין רעכט.

דעם צווייטן אָוונט קערן זיך אום די פרויען מיט זאַלב און בשמים, און מאַגדאַלענאַ וויל אים איינזאַלבן נאָכן טויט, ווי אַמאָל ביים לעבן. אָבער ווער וועט אָפּשטופּן דעם גרויסן שטיין? אַרום איז קיינער נישטאָ. אָבער ווען די פרויען קומען אָן אין גאָרטן אַריין, אויפן אָרט, וווּ זיי האָבן אים נעכטן איבערגעלאָזט: — איז דער שטיין אָפּגעוואָרפן, דער מת איז נישטאָ!

ס ו ף